STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05351

# FAR YUGNT

Sholem Asch

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שלום אש

# געזאמלטע ווערק

צוויי און צוואַנציקסטער באַנד

פארלאג „קולטור-ליגע", ווארשע

שלום אש

# פאר יוגנט

דערציילונגען און בילדער

WITHDRAWN FROM YIVO
DUPLICATE COLLECTION

פארלאג „קולטור-ליגע", ווארשע

Printed in Poland.
SZOLEM ASZ — FAR JUGENT
Wyd. „KULTUR-LIGA", Warszawa 1929
Druk „Di Welt" Warszawa, Nowolipie 7

# דער רייכער און דער אָרעמער

(אַ מעשה)

אין ירושלים, די הייליקע שטאָט, האָט פאַרצייטנס געלעבט אַ ייד, אַ גרויסער עושר און אַ גרויסער בעל=צדקה. זיין צדקות האָט געקלונגען אין דער גאַנצער געגנט אַרום. פלעגן אָרעמע לייט און נויטבאַדערפטיקע פון צפת און טבריה, פון דמשק און חברון און פון נאָך אַנדערע מקומות, וואו אחינו בני ישראל זענען געזעסן, ציען זיך צו דעם נגיד נאָך הילף. און דער נגיד האָט אויפגעעפנט זיין ברייטע האַנט און צעטיילט זיינע אוצרות צו אַלע, וואָס האָבן באַדאַרפט. וואָרים ער האָט זיך געהאַלטן פאַר גאָטס שליח, אַז ער צאָלט נאָר אויס, וואָס גאָט האָט אים איבערגעענטפערט פאַר די אָרעמע לייט און אַלע נויטבאַדערפטיקע. און דערפאַר, וואָס דער נגיד איז געווען אַ גרויסער חכם און אַ גרויסער ירא=שמים אויך, פלעגן קומען צו אים די אַלע, וואָס האָבן געהאַט אַ קראַנק האַרץ, אָדער שלעכטע מחשבות האָבן זיי געפייניקט, אָדער דאָס געוויסן האָט זיי נישט געלאָזט רוען, ווי עס טרעפט

זיך מיט מענטשן, וואָס זענען באַגאַנגען זינד — פלעגן זיי אַלע קומען צו אים, פרעגן אים עצות הן אין ענינים, וואָס איז נוגע די נשמה, הן אין ענינים, וואָס איז נוגע אין גוף, ווי, למשל, דאגת פרנסה און נאָך אַנדערע אַזעלכע זאָרגן. פלעגט דער נגיד זיי אַלע אויסהערן מיט גרויס ליבע און געטריישאַפט, און איינעם האָט ער געגעבן אַ גוטע עצה מיט זיין גרויסן שכל, אַן אַנדערן האָט ער געהיילט מיט אַ גוט וואָרט פון זיין גוט האַרץ.

און עס איז געווען דער מנהג פון דעם נגיד פון קדמונים אָן, יעדן אָוונט, בעפאָר דער טאָג האָט זיך גע־שלאָסן, צו זיצן איינער אַליין אין זיין שיינע בית־דין־שטוב און מאַכן אַ חשבון־הנפש מיט זיך, אָפּצוגעבן זיך דין־וחשבון פאַר אַ גאַנצן טאָג מעשים. פאַר די גוטע האָט ער גאָט געלויבט, פאַר די שלעכטע האָט ער חרטה געהאַט און תשובה געטאָן, די גוטע האָט ער באַלד פאַרגעסן און נישט געדענקט אָן זיי, די שלעכטע האָט ער מיט אַ שאַרפע פעדער אין ספר פאַרשריבן, דאָס ספר שטונדן־לאַנג געלאָזט ליגן פאַר זיך, כדי ער זאָל זיי זען און קיינמאָל מער שוין אַזוי נישט טאָן.

איז ער איינמאָל אין אָוונט געזעסן ביי זיך אין בית־דין־שטוב און, ווי זיין געוואוינהייט איז געווען, דין וחשבון זיך אָפּגעגעבן פון אַ גאַנצן טאָג מעשים. די בית־דין־שטוב איז געווען אַרומגעשטעלט מיט טייערע ספרים־שענק, פול אָנגעשטעלט מיט טייערע ספרים און זעלטענע כתבי־יד, צונויפגעקליבן פון דער גאַנצער וועלט, וואו חכמים און למדנים זענען נאָר געווען פאַרשפרייט. וואָרים אין די אַלע ווייטע מקומות האָט דער נגיד געהאַט זיינע שלוחים. און וואו עס האָט זיך נאָר געפונען אַ גרויסער למדן אָדער

חכם אין אַ ווייטן אָרט, אין מצרים אָדער אין מדינת תוגר, וואו די מושלמנים זענען געזעסן, און דער למדן אָדער דער חכם האָט עפּעס מחדש געווען הן אין דברי תורה אָדער אין חכמה, אַזוי האָט מען געלאָזט באַלד מעתיק זיין און צוגעשיקט אַ כתב־יד צום נגיד אין ירושלים. און די ספרים זענען געווען פאַרשטעלט מיט טייערע פּרוכתן, וואָס זענען געווען זייער איידל געוועבט מיט גאָלדענע און זילבערנע פעדים מיט די זעלטנסטע פּרולכט, וואָס וואַקסן. די פּרוכתן זענען געוועבט געוואָרן אין דער ווייטער מדינת הודו, און זיי זענען געווען עקסטרע באַשטעלט פון נגיד, אַז עס זאָל אין זיי נישט זיין קיין ציור פון חיות און עופות, וואָס דאָס איז אָסור על פּי דין. און אויפן טיש פאַר דעם נגיד איז געשטאַנען אַ טייערע בשמים־ביקס, וואָס איז געווען אויס־געהאַמערט פון איין שטיק זילבער, אין געשטאַלט פון אַ זעלטענע פרי — וואָס וואַקסט אין די ווייטע מקומות פון מדינת כתים. אין דער פּרי אַליין איז געווען אויסגעהאַקט אַנדערע פּירות: ציטראָנען, אתרוגים און הענגלעך ווייַנ־טרויבן און מילגרוימען, נאָר נישט קיין ציור פון מענטש אָדער חיה, וואָס דאָס איז אָסור על פּי דין. און יעדע פּרי איז געווען אויסגעמאָלט אין דער זעלבער פאַרב און ליכט, ווי די פּרי זעט אויס בשעת זי וואַקסט אויפן בוים. ווי עס איז באַקאַנט, זענען די בני כתים געווען גרויסע מומחים נאָכצומאַכן די פאַרבן און דאָס ליכט פון דער נאַטור. למשל, די הענגלעך ווייַנטרויבן זענען געווען אַזוי פריש רויטלעך באַגאָסן מיט וויין, אויסגעגאָסן פון דעם טייערן שטיין, וועלכער הייסט רובין, וואָס היינט ווייסן מיר שוין נישט דעם סוד ווי אַזוי דעם שטיין צו שמעלצן און די בני כתים האָבן עס פאַרצייכנט און געוואוסט. אַזוי איז יעדע פּרי גע־

וועז ארויסגעמאָלט מיט איר אייגענע פאַרב, כּדי זיי זאָלן דעם נגיד דערמאָנען אָן גאָטס באַשעפעניש, און ער זאָל שטענדיק געדענקען אָן גאָטס מעשׂים. און די פּרי איז גע־וועז אָנגעפילט מיט די טייערסטע בשׂמים, וואָס די הודים האָבן געבראַכט צו פאַרקויפן פון זייערע ווייטע לענדער. און אַליין איז ער געווען אָנגעטאָן אין בגדי משי, וואָס זענען געווען געוועבט מיט שירה, כּדי זיי זאָלן פריי־לעך מאַכן דאָס הארץ פון דעם נגיד, וואָס וועט זיי טראָגן, מיט זייער ליכטיקן, זילבערנעם גלאַנץ, און ווייל עס האָט אין זיך אַ פריילעכן געזאַנג.

דער נגיד איז געווען גאַנץ צופרידן פון זיך און פון דעם רבונו של עולם, זיין באַשעפער. אַ טאָג האָט ער גע־האַט אַ פולן מיט מעשׂים טובים און צדקה, מיט לערנען און תּפילה, און אין ספר פון זינד האָט ער גאָרנישט גע־האַט צו פאַרשרייבן. ער האָט געדאַנקט גאָט אין הארצן, וואָס ער האָט אים אויסגעקליבן פאַר זיין שליח, און ער איז דער געבער און נישט דער נעמער. נאָר נאָך מער איז דער נגיד היינט געווען מער אויפגעלייגט ווי אַן אַנדערש מאָל — ער האָט מקיים געווען אַ גרויסע מצוה, וואָס קומט זעלטן אויס, דהיינו: דער בעל־החשבון זיינער, וואָס איז ערשט געווען צוריקגעקומען פון דער נסיעה מיט די קאַראַוואַנען, וואָס האָבן געפירט די בשׂמים פון הודו קיין תּוגר, האָט אים מודיע געווען, אַז זייענדיק אין איזמיר האָט ער מקיים געווען פאַר זיינעטוועגן די מצוה פון פּדיון שבויים, און אויסגעלייזט יהודים פון די טערקן, וועלכע האָבן זיי געבראַכט שבויים פון די לענדער פון די סלאַווען. דער נגיד איז געווען זייער גרויס מיט דער מצוה, און ער האָט געהערט, אַז די קאַראַוואַנען זיינען זענען אָנגעקומען

בשלום צום באָרטן פון ים און געוואָרן אויסגעלאָדן אויף די שיפן. דאָס ווייב זיינס, וועלכע איז געווען אַ גרויסע יפת תואר און אַ גרויסע צדיקת, האָט שוין געוואַרט הינטער דער טיר מיט אירע צוויי קינדער, אַז זיי זאָלן אים אָפּ־געבן כבוד בעפאָר זיי גייען שלאָפן.

אין דעם האָט זיך די טיר געעפנט און עס איז אַריינגעקומען אַן אָרעמאַן, נדחה ונעזב. דער שלעכטער ריח, וואָס איז פאַרויסגעגאַנגען פאַר דעם אָרימאַן, האָט איינגעשטילט די גוטע ריחות פון די בשמים, און דער נגיד האָט זיך געפילט שוואַך, ווייל ער איז געווען אַ מפונק און האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן קיין שלעכטן ריח. אָבער דער אָרעמאַן שטעלט זיך נישט אָפּ ביי דער טיר, ער גייט ווייטער גלייך צו צום נגיד, אים מיט דער אויסגעשטרעקטער האַנט ברייט שלום־עליכם אָפּצוגעבן. און די האַנט איז פול מיט טנופת געווען און מיט אַנדערע מיאוסע זאַכן, וואָס איז נישט שיין אויסצורעדן, און בפרט נאָך אויסצושרייבן. און דער גאַנצער גוף זיינער איז געווען איינגעהילט אין פאַרפוילטע קליידער, פון וועלכע עס ווייזט זיך אַרויס שטיקער נאַקעטער גוף, איינגעריכט מיט טנופת, און פון קאָפּ קריכן אַרויס קאָלטענעס אויפן פנים אַרויף — און דאָס פנים איז נישט קיין פנים פון קיין מענטש נאָר פון אַ מיאוסע חיה, רחמנא לצלן, מיט געשוואָלענע ליפּן און אויסגעהאַקטע ציין און געשוואָלענע אויגן. און וואָס נענטער ער קומט, שטאַרקט זיך אַלץ דער שלעכטער ריח, וואָס גייט אַרויס פון אים, ווי דער ריח פון אַ נבלה און אַ פגר, רחמנא לצלן, און דער נגיד האַלט עס שוין נישט אויס, וואָרים, ווי ידוע, אַ מפונק קען אַלץ איבערטראָגן נאָר נישט קיין שלעכטן ריח. נעמט דער נגיד אַוועק דאָס פנים פון דעם אָרעמאַן און דרייט זיך אָפּ פון אים, און רופט אַריין דעם שמש

זיינעם, אַז מען זאָל אים אַרויסציען פון בית-דין-שטוב און ברענגען אים אין קיך אַריין, אָפּוואַשן אים און אָנטאָן אים אַנדערע קליידער, און עסן אים געבן, ווי עס איז דער מנהג געווען אין זיין הויז מיט אַלע אָרעמע לייט.

און דער נגיד איז פלינק געגאַנגען אין זיין מקוה אַריין, טובל געווען זיך אַליין און געטוישט די קליידער, און געהייסן, אַז מען זאָל אויסרויכערן זיין בית-דין-שטוב מיט כלערליי מינים גוטע קרייטעכצער און בשמים, כדי זיי זאָלן פאַרטרייבן דעם שלעכטן ריח, וואָס דער אָרעמאַן האָט איבערגעלאָזט, און אַליין האָט ער זיך אָוועקגעזעצט אין זיין טייערן שלאָף-קאַמער, וואָס איז געווען באַהאָנגען מיט זיידענע און זילבערנע פּרוכתן און איז געווען באַ-לויכטן מיט אַ טייערע אייל-מנורה פון זיבן רערן, וואָס איז געהאָנגען איבער זיין שלאָף-געלעגער. דער נגיד האָט נישט געקאָנט שלאָפן אַ גאַנצע נאַכט, און געהאַט תּרעומות אויפן רבונו של עולם טיף אין האַרצן דערפאַר, וואָס ער האָט באַשאַפן אַזעלכע נבזים ונדכאים, און געטראַכט זיך, ווי דער דרך עולם פון אַ מענטש, ווען ער וואָלט געווען כביכול, וואָלט ער באַשאַפן נאָר שיינע און ריינע מענטשן, און אַזעלכע נדכאים ונבזים נישט געלאָזן אויף דער וועלט.

עס איז דורכגעגאַנגען אַ שטיקל צייט, האָט זיך גע-הערט, דאָס די שיפן, וועלכע האָבן געפירט דעם נגידס געווירצן אויפן ים פון איזמיר נאָך ווענעציע, זענען באַפאַלן געוואָרן פון ים-רויבערס און מען האָט זיי צוגענומען. האָט זיך דער נגיד געטראַכט, אולי מקרה הוא – טאָמער איז עס נאָר אַ טרעפעניש. און ער האָט גאָט געדאַנקט פאַרן שלעכטן אַזוי ווי פאַרן גוטן.

איז ווידער דורכגעגאַנגען אַ שטיקל צייט, האָט זיך

ווידער געהערט, דאָס די קאַראַוואַנען, וועלכע האָבן געפירט זיינע סחורות פון מצרים איבערן מדבר, זענען פאַרשאָטן געוואָרן פון אַ זאַמד־שטורעם, וואָס האָט זיך אויפגעהויבן פון מדבר. האָט ער שוין איינגעזען, אַז עס איז נישט קיין מקרה, האָט ער אָנגעהויבן מפשפש צו זיין במעשיו, אויפגעעפנט דאָס ספר, אין וועלכן ער האָט פאַרשריבן זיינע זינד, אָבער ער האָט גאָרנישט געזען אין זיין לעבן אַזעלכעס, וואָס ער פאַרדינט די שטראָף. האָט ער זיך געטראַכט, אַז דער רבונו־של־עולם וויל אים אויס קאַסירער מאַכן איבער זיין עשירות, האָט ער רעכט. גאָט צו דאַנקען, וואָס עס גייט נאָר אויס צו געלט.

אָבער באַלד איז דער גוף אָנגעריירט געוואָרן: ער איז געוואָרן געשלאָגן מיט שלעכטע מכות, פון וועלכע ער האָט גרויסע יסורים געהאַט און משקץ געווען זיין לעבן, וואָרים ער איז געווען אַ מפונק. האָט ער ווידער מפשפש געווען במעשיו, ווידער נאָכגעזוכט נאָך זיינע מעשים און גאָרנישט געפונען, האָט ער זיך געטראַכט, גאָט לאָזט נאָר אויס צו דעם גוף, די נשמה דערהאַלט ער. געלויבט איז גאָט דערפאַר.

אָבער ווען זיין קליינע טאָכטער, וועלכע זיין נשמה איז געווען אָנגעבונדן אָן איר נשמה, און ער האָט זי ליב געהאַט מער פון צען זין, איז פּלוצים אוועקגענומען געוואָרן פון אים. איז אַ גרויסע שרעק אים באַפאַלן פאַר דעם משפט פון גאָט, צו וועלכן ער איז גערופן געוואָרן, און ווייסט נישט אין וואָס עס באַשטייט זיין זינד. האָט ער אָנגעהויבן חוקר ודורש צו זיין מיט זיך אַליין, און ער האָט אַלץ נישט געקאָנט דערגיין דעם טעם פון גאָטס שטראָף, ער האָט נישט געוואוסט קיין דרך, און די יסורים פון דער

אומבאַוואוסטקייט זענען גרעסער געוואָרן; ווי די יסורים פון די צרות.

איינמאָל ביינאַכט, ווי ער איז אַזוי געלעגן און נאָכגע־קלערט דעם טעם פון „צדיק ורע לו, רשע וטוב לו", איז אים איינגעפאַלן, אַז ער זאָל זיך לאָזן איבער דער וועלט וואַנדערן נע־ונד, אפשר וועט גאָט אויף אים רחמנות האָבן, און ער וועט אים לאָזן וויסן דעם טעם דערפון. און די מחשבה איז טאַקע געווען פון גאָט, ווארים דאָס רחמנות אויף אים איז שוין נישט געווען איבערצוטראָגן.

אַזוי האָט דער נגיד פאַרקויפט זיינע טייערע חפצים און דאָס געלט אָוועקגעגעבן דעם ווייב מיט די קינדער, אַז זיי זאָלן זיך ווייטער אַזוי פירן, ווי זיי האָבן זיך געפירט, צדקה־טאָן און מכניס־אורחים זיין. אַליין האָט ער אויסגעטאָן זיינע טייערע געוועבטע קליידער, און אָנגעטאָן זיך אין אַ זאַק, ווי דער מנהג איז פון די אָרעמע לייט, און האָט זיך געלאָזט אי־בער דער וועלט וואַנדערן.

ער איז געגאַנגען מיט אַ חברה אורחים, וועלכע ער האָט אָנגעטראָפן אויפן וועג. בייטאָג האָט ער געוואַנדערט מיט די אָרעמע לייט, געגעסן וואָס גוטע לייט האָבן גע־שאָנקען, און ביינאַכט גענעכטיקט אין די הקדשים. וואו ער האָט גענעכטיקט איין נאַכט, האָט ער נישט גענעכטיקט די צווייטע. אַ גאַנצן טאָג אָפּגעקומען מיט טרוקנס, וואָס גוטע לייט האָבן געשאָנקען, נאָר פרייטאָג־צו־נאַכטס האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אין אַ שטאָט, וואו עס איז געווען אַ יידישע קהלה, געגאַנגען אין בית־המדרש אריין און אָוועקגעשטעלט זיך מיט די אורחים ביי דער טיר, ביז אַ ייד האָט געוואָלט אַ מצוה פאַרדינען און רחמנות געקראָגן און אַהיים גענומען אַן אורח אויף שבת. וואו ער איז געקומען, האָט ער געהערט פון

זיך דערציילן — פון דעם גרויסן נגיד פון ירושלים. די מוטערס האָבן געבענטשט זייערע קינדער, אַז זיי זאָלן זיין אַזעלכע צדיקים, נגידים און עשירים, ווי דער נגיד פון ירושלים. ער האָט געהערט, ווי מען דערציילט פון אים מעשים נפלאים, פון זיין עשירות און נגידות, פון זיין חכמה און צדקות. די אָרעמע לייט, מיט וועלכע ער האָט געוואַנדערט, האָבן געשפּעט אויס אים, פאַרשעמט אים, צוליב זיין מפונקות, וואָס ער איז נישט געוואוינט געוועזן צו די דרכים, און וועלכע זיי האָבן זיך געפירט, צו זייער אַרט עסן, שלאָפן און גראָבע ווערטער, און האָבן אים גערופן מיט שפּאָט: „וואָס ביסטו, דער נגיד פון ירושלים?” און זיי האָבן אים אַ נאָמען געגעבן, ווי זייער געוואוינהייט איז געוועזן, אין לצנות: „דער נגיד פון ירושלים”.

און אַזוי האָט ער ווייטער געהייסן.

פון דעם אַרומוואַלגערן זיך פון איין אָרט אויפן אַנדערן איז זיין לייב זייער ברודיק געוואָרן, און ווי דער דרך איז פון די אורחים, וואָס גייען אָנגעטאָן אין צעריסענע קליידער, כדי צו ערוועקן מער רחמנות, האָט ער אויך נישט בודק געוועזן אין זיינע קליידער, און מיט דער צייט האָבן זיך שטיקער פון זיין גוף אַרויסגעוויזן פון די צעריסענע בגדים און זענען אויך זייער שמוציק געוואָרן, ווי דער גוף פון יענעם אָרעמאַן, וואָס איז אַריינגעקומען צו אים. און פון די שמוציקייט האָט זיין גוף אויך אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אַ מיאוסן ריח. נאָר ער האָט שוין נישט געהערט און נישט געפילט-ווייל דאס איז געוועזן פון זיין גוף און נישט פון אַ פרעמדן.

נאָר ביסלעכווייז האָט זיך זיין שם אויסגעלאָשן, ווי דער דרך עולם איז, מען פאַרגעסט באַלד דאָס, וואָס איז געוועזן — האָט מען אים אויך פאַרגעסן. מען האָט מער

נישט גערעדט וועגן דעם נגיד און בעל-צדקה פון ירושלים, נאָר מען האָט אַלץ דערציילט וועגן דעם נייעם נגיד, וואָס איז אויפגעשטאַנען אין דמשק. מען האָט דערציילט פון זיינע גבירות און עשירות, ווי אַמאָל פונם נגיד פון ירושלים. און פון אַלע מקומות האָבן יידן זיך געצויגן צו פרעגן עצות צום נגיד פון דמשק.

איז ער אויך געגאַנגען נאָך דמשק. ער האָט געהערט, אַז ער איז אַ גרויסער חכם און נדיב לב, האָט ער געוואָלט פרעגן ביי אים אַן עצה, אפשר וועט ער אים זאָגן דעם טעם דערפון, פאַרוואָס גאָט האָט אַוועקגענומען דאָס עשירות פון אים און איבערגעגעבן צו יענעם, צום נגיד פון דמשק. איז ער געגאַנגען פון איין שטאָט צו דער אַנ-דערער ביז ער איז אָנגעקומען נאָך דמשק.

זיינע האָר זענען געוואָרן פאַרקאָלטעוועט פון דעם פיל שטויב און זאַמד, וואס איז געפאַלן אויף זיי. און זיין לייב האָט אַרויסגעגעבן פון זיך אַ שלעכטן ריח, ווי דאָס לייב פון אַ נבלה, רחמנא לצלן, און זיין פנים איז געשוואָלן געוואָרן, און פול מיט טנופת — אַזוי ווי דאָס פנים פון דעם אָרעמאַן, וואָס איז צו אים געקומען, ווען ער איז גע-ווען דער נגיד פון ירושלים. נאָר ער האָט נישט געהערט און נישט געפילט, ווייל עס איז געווען זיין אייגן לייב און נישט קיין פרעמדס.

אַז ער איז אָנגעקומען צום נגיד פון דמשק, האָט ער אויך געטראָפן דעם נגיד זיצן אין בגדי משי, ווי ער אַמאָל אין זיין גרויסע בית-דין-שטוב, און די שטוב האָט גע-פינקלט און געשטראַלט, ווי די לבנה מיט די שטערן וואָלט אין איר געשיינט, צוליב די אבנים טובות, וואָס האָבן זיך געלויכטן אויף די פרוכתן, און די עטרות, וואָס האָבן אַרויס-

געהאָנגען איבער די גרויסע שרענק, און אַ ריח ניחוח איז געווען אין שטוב פון די טייערע געווירצן, בשמים און כּלערליי שמעקנדע קרייטעכער, וואָס די בשמים־ביקסן האָבן פון זיך אַרויסגעגעבן פון אַלע ווינקלען פון שטוב. האָט ער געמיינט, אַז ער קומט צוריק אין זיין עשירות אַריין, וועלכע ער האָט נאָר־וואָס פאַרלאָזט — איז ער געגאַנגען מיט אַן אויסגעשטרעקטע האַנט שלום־עליכם אָפּגעבן צו דעם נגיד פון דמשק, זיין ידיד.

נאָר דער נגיד פון דמשק האָט אַוועקגעבויגן זיין קאָפּ און גערופן דעם שמש:

— נעמט דעם אָרעמאַן אין קיך אַריין. די שטוב איז פול מיט אַ ריח רע.

האָט דער נגיד פון ירושלים אַן עפּעס זיך דערמאָנט, און פאַרשטאַנען דעם טעם — און אַ גרויסע פרייד האָט אים אַרומגענומען:

גאָט און זיין משפט איז גערעכט.

# דער אורח

(אַ מעשה)

אין אַן אַלטן בית־המדרש, אין אַ קליין, יידיש שטעטל אין פּוילן, האָט זיך אַרומגעדרייט אַ ייד, וועלכן די בית־המדרש־בחורים און די יינגלעך האָבן אַ נאָמען געגעבן: „דער אורח”. דעם יידנס עובדא איז געווען, אויפצוקלויבן די שטיקלעך שמות, וואָס האָבן זיך אַרומגעוואַלגערט. זיין עובדא איז אויך געווען תהילים צו זאָגן. האָט ער אַ פרייע מינוט צייט געהאַט, איז ער געזעסן אין ווינקל, ביי אַ שטענדער, און געזאָגט תהילים. און אַזוי ווי צייט האָט ער געהאַט, פלעגט ער דעם גאַנצן טאָג תהילים זאָגן. קיין אייגענע און קיין היים האָט דער ייד נישט געהאַט. קיינער האָט אייגנטלעך נישט געוואוסט, ווער ער איז. אַמאָל, שוין מיט יאָרן, איז ער געקומען אין דעם שטעטל אַריין, אַ פרייטאָג נאָכמיטאָג, איז ער געבליבן איבער שבת אין שטעטל. נאָר קיינער ווייסט נישט דעם טעם דערפון, פאַרוואָס דער ייד איז געבליבן אין שטאָט. זונטאָג אינדערפרי האָט אים דער שמש דערזען אין בית־המדרש. דער שמש,

וועלכער איז געווען בלינד אויף איין אויג, אַ כהן און אַ כעסן, און האָט בטבע פיינט געהאַט אורחים, נישט געקאָנט ליידן, אַז אַן אורח זאָל פאַרבלייבן אַ טאָג לענגער אין שטאָט, האָט זיך געטשעפּעט צו אים:

— נו, נו, וואָס טוט איר נאָך אין שטאָט? ווען קלייבט איר זיך שוין אין וועג אַריין?

— געמיינט זיך דאָ אָפּשטעלן ביי אייך.

— וואָס? נו, יאָ... ביי אונז אַן אורח... אַ שבת, און זונטאָג היידאַ אין וועג אַריין — האָט דער שמש געיאָגט מיטן שטעקן.

דער ייד האָט געשמייכלט, גענומען דאָס פּעקל אויף די פּלייצעס און איז אַרויס פון בית־המדרש. אַוועק פון שטעטל איז ער אָבער דאָך נישט. האָט זיך ערגעץ־וואו פאַרקליבן צו אַ יידן, וועלכער איז געווען אַ גרויסער מכניס־אורח און ביי אים אויפן פּיעקעליק האָבן זיך שטענדיק אויפגעהאַלטן אורחים. אַ פּאָר טעג האָט ער געוואוינט ביי דעם בעקער, געקומען מיט דעם בעקער דאַווענען מנחה ומעריב אין בית־המדרש אַריין. און דער שמש האָט געזען ווי דער אורח פאַרבלייבט אין שטעטל איבער זיינע כחות, האָט ער געמאַכט מיטן שטעקן:

— מער קיין שבת נישט. אויף שבת היידאַ אין אַן אַנדער שטעטל.

נאָר ביז שבת האָט זיך דער ייד פאַרקליבן צו אַ שוסטער, געקענט אַביסל שוסטעריי. און אַזוי ווי דער אורח איז שוין געקומען מיט זיין בעל־הבית אויף שבת אין בית־המדרש אַריין, האָט אים דער שמש גאָרנישט געקאָנט טאָן.

באַלד האָט מען פאַרגעסן אָן דעם פרעמדן יידן. אַ ייד איז ער געווען ווי אַלע אַנדערע יידן. אַ קורץ אָבער געדיכט ווייס בערדל. באַוואַקסענע אויערן מיט האָר און ווייסע,

שטאַרקע ברעמען, מיט טרערן־טאָרבעלעך אונטער די אויגן. דאָס שטעטל איז באַלד צוגעוואוינט געוואָרן צום פרעמדן פנים און געהאַט האָט מען צו טאָן מיט אַנדערע קהלשע זאַכן, און יעדער איז געווען פאַריאָגט מיט אייגענע צרות, דאגות־פרנסה. האָט מען קיין צייט נישט געהאַט צו קלערן, אַז אַ פרעמדער איז צוגעקומען אין שטעטל, און איידער מען האָט זיך אומגעקוקט איז מען ש׳ין אַזוי צוגעוואוינט געוואָרן געוואָרן צו אים, אַז עס האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז אַ היימיש געבוירענער, נאָר קיין נאָמען האָט מען נישט גע־דענקט. פון פריער איז אים פאַרבליבן דער נאָמען „אורח"—און דאָך געהאַלטן אים פאַר אַן אייגענעם. ער האָט זיך געפירט זיין אייגענעם סאָרט לעבן. געפעדערט זיך גאַנץ פרי אין בית־המדרש אַריין, געזאָגט תהילים, געדאַוונט לאַנג. מען האָט זיך צו דעם אַזוי צוגעוואוינט, אַז קיינער האָט זיך נישט אַרומגעקוקט, וואָס אַ ייד טראָגט אַזוי לאַנג דעם טלית און תפלין, און קיינער האָט נישט באַמערקט, ווי דער ייד דרייט זיך אַרום פון איין ווינקל צום צווייטן, קלייבט אויף די שמות קושט יעדעס בלעטל, און לייגט אַריין אין קאַסטן אַריין.

קיין אויסטערלישעס האָט מען נישט געזען אין אים. קיין אָנגעזעענער איז ער אויך נישט געווען. געשטאַנען מיט די אָרעמע לייט און בעלי־מלאכות ביי דער טיר אין בית־המדרש. קיינמאָל קיין עליה נישט געקראָגן. צום ספר אויפ־גערופן פון איין שמחת תורה צום צווייטן. קיינער האָט אים נישט געקענט און נישט גערעדט מיט אים, אַ חוץ די אָרעמע־לייט און בעלי־מלאכות, וואָס האָבן אים געקענט און גערעדט מיט אים. געאַרבעט ביים שוסטער, געגומען וויפל מען האָט אים געגעבן; געהאַט נאָר אַ מינוט צייט — תהילים געזאָגט, און איז ער פריער אין בית־המדרש אַריינגעקומען פאַרן

דאַוונען, האָט מען אים נאַר געזען, ווי ער קריכט אונטער בענק און טישן, קלייבט אויף שטיקלעך שמות, קושט די בלעטלעך און לייגט אַריין אין קאַסטן אַרייַ.

טייל מאָל פלעגט ער זיצן פאַרנאַכט, צווישן מנחה און מעריב, אין אַ ווינקל אין בית־המדרש ביים קאַסטן שמות און איינהערן זיך צו די מעשיות פון די יידן בעלי־מלאכות און דאָרפסגייער, וועלכע פלעגן דערציילן פון די יאָר־מערק, פון די נסיעות; מעשיות פון שכורע גוים, וואָס שלאָגן יידן אויפן וועג; מעשיות פון גזלנים, וואָס באַפאַלן יידישע סוחרים און נעמען אַוועק דאָס געלט — פלעגט דער פרעמדער ייד קרעכצן אין דער שטיל:

— עס איז קיין חדוש נישט; זיי האָבן די אמונה פאַרלוירן, די גוים.

קיינער האָט נישט געזען קיין אויסטערלישעס אין זיינע רייד, און זיינע רייד פלעגן באַלד פאַרגעסן ווערן דורך אַן אַנדער מעשה.

זונטאָג, אַז די גוים פלעגן אָנקומען מיט די פורן פון די דערפער אין שטעטל אַריין, פלעגט דער פרעמדער ייד שטיין און אָפּוואַרטן, וואוהין זיי וועלן גיין. האָט ער גע־הערט דעם קלונג פון קירכע און ווי גוים גייען אין קירכע אַריין — איז ער רויק געוואָרן, געגאַנגען אין בית־המדרש אַריין, זיך גענומען מיט התלהבות דאַווענען. אין בית־המדרש האָט זיך געהערט דאָס קלינגען פון דער קירכע, האָט ער געזאָגט צו אַ ייד, אַ שכן, אַ וואָרט:

— יעדער דינט גאָט אויף זיין שטייגער און איז פאַרשטומט געוואָרן.

דער שכן האָט נישט געוואוסט וואָס ער מיינט, האָט

ער געשאָקלט מיט די אַקסלען און אָפּגערוקט זיך פון אים, געוויזן, אַז ער טאָר נישט מפסיק זיין.

די לעצטע צייט איז אָבער דער פרעמדער ייד זייער טרויעריק געוואָרן. קיינער האָט נישט באַמערקט זיין טרויער און נישט געוואוסט דעם טעם דערפון. אַז עס איז געקומען זונטאג, האָט ער געזען ווי די גוים פון דאָרף קומען מיט זייערע פערד און וועגן פון די דערפער אין שטעטל אַריין. די וועגן האָבן זיי פאַר דער קירכע איבערגעלאָזט און אַליין אין די שטאָט-קרעטשמעס געגאַנגען, וואָס זענען געווען ביי דער פאָסט פון איין זייט מאַרק, און ביי דעם ייד דעם שענקער פון דער צווייטער זייט מאַרק. זיי פילן אָן די קרעטשמעס און טרינקען. עס קלינגט דער גלאָק פון דער קירכע, אָבער די גוים טרינקען אין די שענקען און הערן נישט.

איז ער אין בית-המדרש אַריינגעקומען, גענומען דעם תהילים איז האַנט אַריין און געזאָגט צום שכן:

— אַ גרויס אומגליק וועט געשען. די גוים האָבן די אמונה פאַרלוירן.

דער שכן האָט נישט פאַרשטאַנען. געצויגן מיט די אַקסלען און געוויזן מיט דער האַנט אויף די ליפּן, אַז ער קאָן נישט מפסיק זיין. און דער „פרעמדער ייד" האָט זיך אין זיין תהילים פאַרטיפט, געקרעכצט און געוויינט און געזאָגט מיט אַ געבראָכענע שטימע:

— טאַטע, טאַטע, דערבאַרעם דיך איבער די פעלקער פון דער ערד, און נעם דיין פנים נישט אַוועק פון זיי...

און דער פרעמדער ייד האָט רעכט געהאַט. באַלד האָט מען געהערט שלעכטע בשורות אין שטעטל, אויף די וועגן האָבן זיך געוויזן באַנדעס גזלנים, זענען יידן-סוחרים באַפאַלן, וואָס זענען פון מאַרק אַהיימגעפאָרן, די פערד אויס-

געשפּאַנט און דאָס געלט אָװעקגענומען. אַ ייד, אַ דאָרפס־גייער, געפונען אין פעלד אַ דערשלאָגענעם. האָט עס אָנגעװאָרפן אַ שרעק אויפן שטעטל. יידן האָבן מורא געהאַט דאָס יאָר סעדער צו דינגען, איז אַ האַלב שטעטל אָן פּרנסה געבליבן. באַלד האָט זיך געהערט נאָך אַן ערגערע בשורה, אויפן פערדס־מאַרק האָט זיך אַ ייד, אַ קצב, מיט אַ גוי געשלאָגן. גייען זיך זונטאג די גוים צוזאַמענגעמען, און דאָס שטעטל יידן באַפאַלן. יידן ציטערן און פאַלן איין פאַר שרעק. דער רב האָט גוזר תּענית געװען אויף דאָנערשטאָג, און אַ גאַנצן טאָג זענען יידן געשטאַנען אין טליתים און געװיינט אין דעם בית־המדרש, יום־כפּור־קטן געזאָגט און גאָט געבעטן, אַז ער זאָל רחמנות האָבן, און דער פרעמדער איז אַרומגעגאַנגען צװישן די דאָרפסגייער און די בעלי־מלאכות אַ בלייכער און אַ ציטערנדער און געשאָקלט זיך פאַר אַנגסטן, און די אויגן אַרויסגעזעצט פאַר גרויס שרעק:

— די װעלט קאָן, חלילה, אונטערגיין. די גוים האָבן די אמונה פאַרלוירן...

— עס איז לית דין ולית דיין. אַ קלייניקייט, די װעלט נעכטיקט אָן גאָט.

קיינער האָט נישט געהערט זיינע װערטער; קיינער האָט נישט געהערט, װי דער ייד האָט געקלאָגט אין זיין סידור, אין אַ װינקל פון בית־המדרש, ביים קאַסטן שמות:

— פאָטער, פאָטער, לאָז רוען דיין כּבוד איבער דער גאַנצער װעלט. מאַך װיסן דיין נאָמען צו די פעלקער פון דער ערד...

פון די שרעקנדע אויגן האָבן זיך געגאָסן טרערן. ער האָט געזען װי די גאַנצע װעלט גוים האָבן פאַרלוירן זייער גאָט, בלאָנדזשען אַרום אין דער װעלט. טרינקען בראָנפן

און לאכן און וואקלען זיך פאר שכּרות — און די וועלט איז אָן א גאָט...

און קיינער האָט נישט געזען, ווי דער פרעמדער ייד האָט זיך ארויסגעגנבעט פון בית־המדרש, ערגעץ־וואו פאר־שוואונדן הינטער דעם קאָטוילישן געסל און איז ערגעץ־וואו אריין.

און באלד איז באקאַנט געוואָרן אין שטעטל, אז א גרויסער ראַבין גייט אָננעמען דעם קריסטלעכן גלויבן, אין דעם גרינעם דאָנערשטאָג וועט זיין די פּראָצעסיע פון דעם גרויסן ראַבינס שמד. צוויי ביסקאָפּס קומען צופאָרן, זיי וועלן אים אונטער דער חופּה פירן צום שמד.

דאָס שטעטל יידן האָבן נישט געוואוסט, ווער דער גרויסער ראַבין איז. זייער רב איז חלילה נישט ארונטער פון דַעת. קיין אָנגעזעענער ייד פון שטעטל איז חלילה נישט ארונטער פון וועג. קיינער פעלט נישט אין שטעטל. דעם גרינעם דאָנערשטאג איז טאַקע געווען א גרויסע קאָ־טוילישע פּראָצעסיע. ביסקאָפּס זענען געקומען, גלחים זייער פיל פון דער געגנט און א סך, א סך גוים פון די דערפער און שטעטלעך ארום. פון פרימאָרגן אָן האָבן די גלאָקן פון די קלויסטערס געקלונגען. די גוים האָבן דעם מארק אָנגעפילט, יום־טובדיק געקליידעט, מיט ברענענדע ליכט אין די הענט. צוערשט זענען די גלחים אין ווייסן געגאנגען, געהאלטן קלומבערס אין די הענט. אנדערע האָבן פון רויכערדיקע פלאַקאָנען פארשפּרייט ווייַרויך איבערן געסל. און נאָך זיי זענען די בישאָפּס אונטער די חופּות געגאנגען. די קליינע גלחים אין ווייסן אָנגעטאָן האָבן געזונגען, און די קליינע מיידלעך, ווי כּלות אָנגעטאָן, האָבן געהאלטן די סטענגעס פון די קריסטלעכע פענער.

פענער און הייליקע בילדער און ווייריך און ליכט — און די גוים קניען אויף דער ערד און זינגען. און אינמיטן דער פראָצעסיע, מיט ווייסע גלחים אַרומגערינגלט, האָבן די יידן פון שטעטל דערזען דעם „אורח", ווי אַ רב, אָנגעטאָן אין אַן אַטלעסענע קאַפּאָטע, מיט אַ שטריימל אויפן קאָפּ און לאַנגע פאות, האַלט אַ גרויסן זילבערנעם צלם אין דער האַנט, גייט צווישן די גלחים און פאַרגלאָצט די אויגן צום הימל.

דאָס שטעטל יידן האָבן זיך פאַרוואונדערט, וואָס די גוים האָבן אויס דעם באַקאַנטן שוסטערל אַ גרויסן רבי געמאַכט, און געלאַכט אין דער שטיל פון דער מציאה, וואָס די גוים האָבן געכאַפּט, און געזאָגט איינס צו דאָס אַנדערע:

— וויל אַודאי פון זיי געלט אויסנאַרן!

אָבער באַלד האָט זיך געהערט, אַז דער אורח איז ביי די גוים בישאָף געוואָרן. ער האַלט דרשות יעדן זונ־טאג אין דער קירכע, און צו זיינע דרשות פאָרן די גוים פון דער גאַנצער געגנט זיך צונויף. מען ווייסט נישט פון וואַנען ער קען אַזוי גוט זייער לשון, נאָר יעדן זונטאג שטייט דאָס שוסטערל אויפן קלעצל אין דער קירכע, מיט אַ צלם אין דער האַנט, און פּרעדיקט פאַר די גוים וועגן זייער אמונה, וועגן יעזוסן און וועגן צלם. און ווען ער רעדט אַזוי, הויבן די גוים אָן באַלד צו וויינען, פאַלן צו דער ערד און קושן דעם צלם און וואַרפן זיך פאַר דער „מאַטקע באָסקאַ", און וויינען און דאַוונען מיט אַזאַ גע־בראָכן האַרץ און מיט אַזאַ חרטה און ודוי.

און דאָס שטעטל גוים איז טאַקע פרום געוואָרן, און איז געקומען אַ זונטאג, האָט מען באַמערקט ווי עס ציען

זיך פון די דערפער לאַנגע רייען מיט פויערשע פורן, און באַלאַגערן דאָס קאַטויילישע געסל, פילן אָן די קירכע און שפּאַרן אַזש אָן אין דרויסן, אין גאַס אַריין. און ווען זיי דערזעען דעם רבין אויפן בעלעמער, מיטן צלם אין דער האַנט, אַזוי פאַלן זיי באַלד צו דער ערד, און וויינען און קלאָגן און קושן דעם צלם און מאָליען זיך.

און נישט נאָר זונטאַג, יעדן אינדערפרי און פאַר־נאַכט גייען די פרומע גוים פון שטעטל אין קירכע אַריין. די שענקען ווערן לער, און די גוים ווען זיי זעען אַ יידן אויפן וועג, שלאָגן זיי אים נישט מער, פאַרקערט, זיי נעמען אים נאָך אַרויף אויף דער פור. אַ דאָרפסגייער גיבן זיי ברויט מיט וואַסער און לאָזן אים איבערנעכטיקן אויפן פיעקעליק, גיבן אים אַ זעקל קאַרטאָפליעס אהיים פאַר דער ווייב און קינדער. און איין גוי האָט אַליין גע־בראַכט צום רב אַ בייטעלע מיט געלט, וואָס ער האָט געהאַט אַוועקגענומען פון אַ יידן אויפן וועג, און געבעטן דעם רֶבין מוחל צו זיין. און ווען גוים זעען, ווי יידן גייען אין שול אַריין דאַוונען, לאַכן זיי שוין נישט מער, נאָר זיי זאָגן:

— יעדער איינער האָט זיך זיין גאָט. מיר — און־זערן, זיי — זייערן.

אַזוי האָבן אין שטעטל יידן און גוים אָפּגעלעבט אַ לאַנגע צייט אין שלום.

אין אַ צייט אַרום, איז איינמאָל, אין אַן עֶרֶב יום־כּפּור צו כָּל־נִדרֵי אין בית־המדרש אַריינגעפאַלן אַ פרעמ־דער גוי, אָנגעטאָן ווי אַ גלח. יידן אין די טליתים און קיטלען האָבן זיך דערשראָקן, האָבן געמיינט, אַז אַן אומ־גליק וועט געשען. דער גוי איז אָבער צוגעגאַנגען צום באַ־

לעמער, אויסגעשפרייט צום הימל זיינע בלייכע הענט און האָט אויסגעשריגן מיט אַ גרויס געוויין.

— שמע ישראל ה' אלהינו ה' אחד! — און איז אַנידערגעפאַלן טויט אויף די טרעפלעך פון בעלעמער.

יידן האָבן אויפגעהויבן דעם פּאַפּ, האָבן זיי דערקענט אין די טרערן־טאָרבעלעך אונטער די אויגן, אַז עס איז אַ ייד. און אַז זיי האָבן זיך גוט איינגעקוקט אין זיין פּנים, האָבן זיי דערקענט אין אים, אַז עס איז דער „אורח", וואָס פלעגט אויפקלייבן די שמות פון בית־המדרש. יידן האָבן זיך געשראָקן, נישט געוואוסט וואָס צו טאָן מיטן בר־מינן. דער רב האָט געפסקנט, אַז ער איז אַ ייד און אַז עס איז אַ מצוה אים צו ברענגען צו קבר־ישראל. האָבן זיי באַהאַלטן דעם בר־מינן איבער יום־כפור. מוצאי־יום־כפור האָבן זיך געפונען צוויי יידן, אַ פישער און אַ קצב, וואָס האָבן זיך געוואָלט קויפן חלק לעולם־הבא, און איינגעשטעלט זייך דאָס לעבן, אַרויסגענומען דעם בר־מינן פון דעם באַהאַלטענעם אָרט און אים ביינאַכט געבראַכט צו קבר־ישראל, ביים פלויט פונם גוטן אָרט.

זיין נאָמען האָט מען נישט געוואוסט ווי אויפצושרייבן אויף זיין מצבה, ווייל קיינער האָט נישט געוואוסט ווער ער איז, און פון וואַנען ער איז געקומען. האָט מען אויפגעשריבן אויף דער מצבה דעם נאָמען פון אַ ייד, אַ גר, אברהם בן אברהם, און זיין מצבה געפינט זיך נאָך אויפן גוטן אָרט ביי אונז אין שטעטל, ביזן היינטיקן טאָג.

---

# א דאָרף-צדיק

(פאָלקס-לעגענדע)

אין א טוי-באַדעקטן ים פון גרינעם גראָז ליגט ער באַהאַלטן און פּאַשעט זיינע שעפעלעך, וואָס דער פאָטער האָט זיי אים איבערגעגעבן. מען רופט אים „יאַשעק“. ווי ער הייסט אין „יידישן“ ווייס ער אַליין אויך נישט. מען האָט אים קיינ־מאָל נאָך צו קיין „עַלִיה“ נישט אויפגערופן.

אַלע ווייסן, אַז ער איז אַ פּויער, אַ גראָבער יינג. דער פאָטער זיינער, יצחק מילכיקער, איז זיך איינגעגאַנגען פון אים מיאש; ער וועט נאָך אים אַפילו קיין קדיש נישט זאָגן. און נאָר יוצא צו זיין האָט ער אים אַראָפּגעבראַכט אַ מלמד פון שטאָט.

דער מלמד אַרבעט מיט אַלע כחות. הונדערט מאָל, הונ־דערט מאָל זאָגט ער איבער יעדעס וואָרט, און ער, אַזוי ווי נישט אים וואָלט מען געמיינט — קָמֶץ אַלף זאָל דיר זיין „גוט וואָך“!

— גיי האָב צו טאָן מיט אַן אייזל-קאָפּ, זאָגט דער מלמד און שאָקלט מיטן קאָפּ, אוז די מוטער קוקט אויף איר זון און קרעכצט.

מען הייסט אים אפילו נישט קיין סידור נעמען. דאַוונען? ער, „יאַשעק", וועט דאַוונען? וואו קומט ער צו גאָט? אַ חרפה פאַר זיין ליבן נאָמען, ער זאָל קריאת־שמע זאָגן!

און דאָך פאַרשטייט יאַשעק גאָט לויט זיין פאַרשטאַנד און פילט אים אין זיין האַרץ.

און ער זעט גאָט אומעטום, אומעטום וואו ער טוט אַ קוק מיט זיינע אויגן: ער זעט אים דאָרט, וואו דאָס וואַסערל גיסט זיך אין דער שטיל און דערציילט סודי־סודות דעם שטילן רויקן באַגראָזטן ברעג; און פון דאָרט ווייט קומט דער וואָלקן, און ציט זיך איבערן הימל מיט אַ טרויעריקע טונקלקייט, דעמאָלט שפּירט ער עפּעס, וויל ער עפּעס בענקט ער נאָך עפּעס...

ווען עס גייט אַ גרויסער וואָלקן, עס שלאָגט אַ דונער, עס בליצט... צי אַ רעגן גיסט... אָדער אַ שווערער געפיל הילט איין דאָס דאָרף, ווי אַמאָל, ווען מען האָט דעם אַלט, מאַטשעק אַפּירגענומען פון אונטער דער שנייד־מאַשין און פון אונטערגעהאַקטן פוס האָט בלוט געראונען... דאָס דאָרף טרויערט... דעמאָלט דערשפּירט ער גאָט! און נישט אין הימל וואוינט גאָט, און נישט אויפהויבן דעם קאָפּ צום הימל דאַרף מען, מען זאָל אים זען; ניין, אים דאכט זיך, אַ גאָט וואוינט ערגעץ ווייט, ווייט, אין אַ גרויסער שטאָט, דאָרטן וואו דער גרויסער שררה פון דאָרף וואוינט. און וואו אַלע גרויסע שררות און גרויסע לייט וואוינען. און די אַלע גרויסע שררות און גרויסע לייט זענען נישט מער, ווי גאָטס „פּאַראָבקעס", אַזוי ווי סטאַך און וואָיטעק זענען פּאַראָבקעס ביים „פּריץ" פון דאָרף.

אָבער ער, ווי קומט ער צו גאָט? אַפילו נישט צו זיין זיינס אַ פּאַסטוך! אַ פּאַסטוך ביי גאָט, טראַכט ער ביי זיך, מוז

אויך זיין אַ גרויסער „פּאַן", אַ פּריץ אַ גרויסער! אוז ווער ווייסט צי דער פּריץ פון זייער דאָרף איז כאָטש אַ קוטשער ביי גאָטס פערד? וועט מען אים, יאַשעקן, צולאָזן?

נאָר טיילמאַל, ווען דער הימל איז ריין און העל, און רוט פאַרחלומט, אין אַ בלויען פליסנדיקן שלייער, און די גרעזער וואַקסן זיך אונטער במנוחה, און אַריינגעוואָרצלט איז דאָס גרעזל אין דער ערד, און קוקט זיך שטיל אין הימל אַריין, און דאָרט קעגנאיבער שטייט דער אַלטער וואַל—דער גרינער זיידע פון דאָרף, און דאָרט ווייטער ציט זיך צווישן די גראָזן דער וועג, אַ פור פאָרט, און אַ ייד גייט ערגעץ ווייט, ווייט... און פון אויבן דער הימל ציט זיך אויך ערגעץ ווייט אוועק און גייט, וואָס אַמאָל נידעריקער, נידעריקער, ביז ער לאָזט זיך אויף דער שוועל פון דער „סטאָדאָלע" און קוקט... דענסטמאָל, דאַכט זיך אים, האָט זיך גאָט אַביסל אַרויסגעכאַפּט פון די „שררות", פון די פּריצים, און איז זיך דאָ אַליין אַהער געקומען אין פעלד אַריין, אויסגעצויגן זיך און ליגט זיך אַזוי און וואַרט...

און יאַשעק וויל אַ דאַנק און אַ ליב אָפּגעבן פאַר דעם אַלעם, וואָס איז אַרום און אַרום.

און טיילמאַל ווילט זיך אים גיין און גיין אַזוי לאַנג, ביז ער וועט אָנקומען דאָרט צו דער גרויסער שטאָט, וואו גאָט וואוינט, וואו זיין פּאַלאַץ שטייט!

— וועל איך צוגיין און אַ קוש טאָן גאָט אין האַנט אַריין! — טראַכט ער זיך.

נאָר באַלד זיפצט ער אָפּ:

— מעז וועט מיך דען צולאָזן?

ער קאָן צוקומען, טראַכט ער, צו גאָטס פּאַלאַץ, נאָר דאָרט שטייען „שווייצער", אַזעלכע הויכע מיט בלויע סטענגעס,

געלע איבערגעלייגטע שטיוול און רויטע פרעק, אזוינע ווי ער האָט געזען ביי די פריצים, וואָס זענען געקומען צו זיין פריץ אויפן דאָרף אויף א באַל — און זיי וועלן אים אַוועק־יאָגן. . .

און באַלד דאַכט זיך אים, אַז מען דאַרף נישט גיין, אַז גאָט איז אויפן פרייען פעלד, אַז די שוויצער היטן אַ לערן כּאַלאַץ, אַן גאָט׳

---

„אֵל מֶלֶךְ נֶאֱמָן" לערנט אים דער רבי פון סדור. . און דער אל־מלך־נאמן, דאַכט זיך אים, איז עפּעס אַ מין שפּרוך, וואָס, אַז מען זאָגט אים, דאַרפן די שוויצער אַריינלאָזן אין גאָטס פּאַלאַץ. . .

אָבער צו גאָט האָט ער אַן אַנדער מין געבעט, אַ געבעט אָן ווערטער, אַ געבעט, וואָס וואַקסט ביי אים אין האַרץ און דערפילט דאָס האַרץ און איבערפילט עס און רייסט זיך אַרויס מיט אַ פייף!

ער וויל בעטן, לייגט ער צוויי פינגער אין מויל אַריין, שטעלט אויף די ליפּן, גיט אַ בלאָז. און זיין תפלה הילכט אין גאַנצן וואַלד!

און גאָט פאַרשטייט אים, פאַרשטייט זייער גוט זיין געבעט!

און ער פייפט נאָר דעמאָלט, ווען עס ווילט זיך פייפן צו גאָט, ווען ער פילט, אַז מען ברויך פייפן. . .

און גאָט, דאַכט זיך אים, ליגט ערגעץ ווייט, ווייט אויפן פרייען שמעקנדיקן פעלד און הערט זיך איין, ווי ער פייפט, און האָט הנאה פון זיין פייפן, און פרייט זיך דערמיט.

אוי נישט ער אַליין פייפט! אַלע, ווייסט ער, „פייפן". אַז נאָסיק דער דאָרפס־הונט הויבט אָן פלוצלינג צו בילן,

ווארפט מיטן ווײדל, קוקט אין הימל ארײַן און בילט — זאָגט ער: „נאָסיק" דאַוונט; אַז די „ווײסע" גײט אהײם פאַרנאַכט פֿון פעלד, שטעקט די באַגײוערטע צונג אַרויס, און גיט אַ לאַנגן, טרויעריקן בעטש: מע־ע־ע, טראַכט ער: די „ווײסע" דאַוונט. דער „באַלאַן" דאַוונט אויף אַן אַנדער אופֿן: ער צעבריקעט זיך, שטעלט זיך אויף די הינטערשטע פֿיס, בײגט שטײף דעם קאָפּ אויס: באַר־ר־ר!

אַלע דאַוונען, אַפֿילו די פֿרעש אין וואַסער... אײנער רוימט אײן דעם צווײטן: קוואַ, קוואַ!

---

יאַשעק איז שוין אַלט געוואָרן דרײַצן יאָר, קריאת־שמע קען ער נאָך נישט זאָגן, און עס איז פאַר ראש־השנה.

און דער רבי אַרבעט מיט יאַשעקן כאָטש אויף הײַ־יעריקן ראש־השנה נאָר בלויז קריאת־שמע זאָגן — מען זאָל אים קאָנען מיטנעמען אין שטאָט אַרײַן.

און לכּבֿוד יום־טובֿ האָט מען יאַשעקן געקריפּט אַ נײַעם צײַגענעם אַנצוג, אַ פּאָר שטיוול און אַ נײַ היטל... זאָל ער כאָטש קריאת־שמע זאָגן

---

פֿול אָנגעפּראָפּט איז די שול; קלײן און גרויס, אַלע אָנגעטאָן אין ווײסן, אַריבערגעצויגן מיט די טליתים, אַלע שטײען און שאָקלען זיך, און שרײען, און רופֿן, אַלץ העכער און העכער.

בײַם עמוד, וואו עס ברענען זיך די זיבן גרויסע וואַקסענע ליכט, שטײט דער חזן מיט משוררים... לאַנגע

ווײנענדיקע טענער און באַגלײט מיט האַלבע אָפּגעריסענע דערשטיקטע קולות לאָזן זיך הערן:

— מי לַחַיים, ומי לַמָות. . .

און אַ פאַרשטיקט װײנען רײסט זיך אַרױס מיטאַמאָל פון דער װײבער־שול. און יאַשעק שטײט אָנגעטאָן אין צײ־גענעם אַנצוג, די העלע האָר לאָזן זיך אַרױס פון דעם אַרױפגערוקטן היטל. ער שטײט, פּלוצים רירט ער זיך פון אָרט, שפּאַרט זיך אַרױף אױבנאָן, שטעלט זיך אין דער זײט קעגנאיבער דעם חזן, דער סִדור, װאָס דער פּאָטער האָט אים געגעבן, מען זאָל כאָטש מײנען, אַז ער דאַװנט, גליטשט זיך אים פון דער האַנט אַרױס, און ער שטײט מיט װײט־געעפנטע אױגן, און קוקט.

אַ פּאָר װאָוילע ייִנגען באַמערקן יאַשעקן, אײנער װינקט צום צװײטן, װײזן אױף אים, לאַכן אינדערשטיל, באַלד גײט אײנער צו און גיט אים אַ שנעל אין נאָז.

ער הערט נישט, פילט נישט! ער שטײט, גלאָצט מיט די אױגן, אַמאָל אױף דעם חזן, אַמאָל אױף די װײ־נענדיקע ייִדן. אָט זעט ער דאָס װײסע פָּרוֹכֶת, װאָס הענגט בײַם אָרון, מיט די גרױסע גאָלדענע אותיות: „קודש לה׳״.

גאָט מוז אַצינד זײַן — דאָרט, דאָרט אונטערן פּרוֹכֶת, טראַכט ער בײַ זיך.

און פון דער װײבער־שול קוקט אַראָפּ זײַן מוטער, זי באַמערקט איר בֵּן שטײט און גלאָצט, דער סדור גליטשט זיך אים פון האַנט אַרױס — און די ייִדענע קרעכצט, טראַכט זיך אין האַרץ:

— פּױער, אַ געבוירענער גוֹי.

און דער פּאָטער װאַרפט אױף אים אַ בליק פון אונטער דעם טלית, קרעכצט שװער אָפּ:

— רבונו של עולם, געדענק אָן אים אויך!
און יאַשקע שטייט און גלאָצט. אַלע וויינען, אַלע דאַווענען, אַלע רופן צו גאָט און אים פאַרוויילט זיך אויך!
ער וויל אויך בעטן צו גאָט. ער וויל אויך, נישט וויינען, נישט שרייען, נאָר דאַנקען און לויבן גאָט וויל ער! פאַר אַלעם, פאַר אַלעם דאַנקען!
ער כאַפּט צוריק אויף דעם סדור, נעמט זיך צו דער פאַרצייכנטער קריאַת=שמע, הייבט אָן:
— אֵ=ל מֶ=לֶ=ך נֶ=אֶ=מָ=ן...
עס האַרצט אים אָבער נישט אַזאַ תפילה.
ער פאַרשטייט זי נישט. דאָס איז נאָר אַ שפּרוך, אַ טרוקענער שפּרוך...
ער וויל דאַנקען און לויבן ערלעך, געטריי פון האַרץ —
און ער האָט מורא פאַרן עולם, פאַרן גרויסן עולם, וואָס דאַווענט גאָר אַנדערש, נאָר די תאוה איז שטאַרקער פאַר אים – און גאָט איז העכער פאַר אַלעם! ער מוז!
און ער לייגט די פינגער צום מויל –
און אַ שאַרפער פייף שניידט דורך די וויינענדיקע שול...

---

דער עולם דערשרעקט זיך.
ווער איז? וואָס איז? ווער פייפט אין מקום קדוש?
דער פאָטער וויל אים אָנכאַפּן ביים אַקסל און דער עולם וויל אים שלאָגן...
נאָר פּלוצים דרייט זיך איבער דער הייליקער צדיק פון דער מזרח=וואַנט און פרעגט:

— וואו איז ער דער צדיק, וואָס האָט דעם גזר־דין צעריסן? וואָס האָט דעם הימל געלעכערט און דורך די בלייערנע וואָלקן אונזערע תפילות ארויפגעפירט?

---

נאָר דער צדיק איז שוין נישט געווען...

ער האָט זיך ארויסגעכאַפּט פון שול, געוואָרפן די שטיוול איבער די אַקסל און שפּרייזט שוין צוריק אין דאָרף אריין.

---

# גזלנים

(אַ בילד)

אז עס איז געקומען שבועות=צייט, און די אויבסט=ביימער האָבן אָנגעהויבן צו בליען, האָט משה לייב קאַמאַשניק, דער שוסטער פון דער אונטערגאַס, גענומען דעם שטעקן אין האַנט אַריין, אַ צוויי=פונטיק ברויט איינגעבונדן אין אַ טיכל אויפן פּלייצע און האָט זיך געלאָזט אין דאָרף אַריין דינגען אַ סאָד אויפן זומער. אין אַ פּאָר טעג אַרום איז ער צוריקגעקומען מיט אַ זעקל קאַרטאָפּליעס אויפן פּלייצע, אַ פּאָר אייער אין קעשענע און מיט אַ הון אונטערן אָרעם. דאָס ווייב מיט די קינדערלעך זענען אים אַנטקעגן געגאַנגען אין גאַס אַריין. די צוועלף=יאָריקע פייגעלע האָט אים דעם זאַק פון פּלייצע אַראָפּגענומען. חיים דער יינגל האָט די הון געשלעפּט, און זיי האָבן מיט פרייד אַריינבאַגלייט דעם פּאָטער אין שטוב אַריין.

– גאָט צו דאַנקען געדונגען. – האָט משה ליב קאַמאַשניק דעם שטערן זיך געווישט.

– ווי זעט ער אויס?

– ווער קאָן וויסן? די עפּל בליִען שיין, אָן עין הָרע, באַרנעס אויך אַביסל – אַביסל פלוימען, נאָר אַלץ שפּע־טיק אויבס, ראש־השנהדיקס, אַביסל אַגרעס און שטענ־געלעך. גאָט זאָל געבן, אַז עס זאָל קיין שטורם נישט קומען, וועט אפשר זיין אַביסל פּרנָסָה, ווער ווייס?

– און די גוים?

– ווי פֿריערים, – געדונגען זיך אויף אַ גילדן. געווען אָן אָרעמען יידן, האָבן זיי מיטגעגעבן אַביסל קאַרטאָפל, אַ פּאָר אייער, – דאַכט זיך גוטע גוים.

אַז חנה האָט דערלאַנגט די אָנגערייטעטע קאַרטאָפל אויפן טיש, האָט משה ליב קאַמאַשניק געקרעכצט:

– איין חסָרון, ער שטייט ביים וועג, די ביימער שטאַרק אויפן וועג אַרויס. ווער עס וועט וועלן וועט אָפּרייסן איידער עס וועט נאָך רייף ווערן.

– וועלן מיר די קינדער אַרויסשיקן ביז מיר וועלן אַרויסקומען – האָט אים דאָס ווייב באַרויקט.

נאָך שבת האָט טאַקע משה ליב גענומען זיין עלטסט מיידל פייגעלע מיט זיין יינגל חיימל און אַרויסגעפירט אין דאָרף אַריין, און איבערגעלאָזט זיי אין סאַד, אין דעם הילצערן ביידל, וואָס איז געשטאַנען צווישן די עפּל־ביימער. ער האָט זיי אַ קישן אונטערגעלייגט צו שלאָפן, אַ פּאָר אַלטע קאַפּאָטעס צוצודעקן זיך אויף ביינאַכט, אָדער ווען עס רעגנט. קיין געלט צו לעבן האָבן זיי נישט באַדאַרפט, ער ער האָט זיך פאַרלאָזט אויף די פֿריערישע גוטסקייט, אַז זיי וועלן נישט דערלאָזן קיין לעבעדיקע נפשות אונטערגיין פאַר הונגער. אַ פּאָר פונט ברויט אויף די ערשטע פּאָר טעג האָט ער זיי געלאָזן. קאַרטאָפליעס קאָנען זיי האָבן פון די גוים קריגן. אויסבעטלען, אָדער אויסקאָפּען פון דער ערד, ווען קיינער

זעט נישט. האַלץ אויף אַ פייער קאָנען זיי פון וואַלד ברענ־
גען, און אָט באַלד וועט דאָך אויבסט רייף ווערן, קאָנען
זיי זיך דערנערן מיט עפּל און אוגערקעס.

קיין ריכטיקע היטערס זענען זיי אייגנטלעך נישט
געווען. נאָר מען דאַרף אויך נישט האָבן אין אַ סאָד קיין
היטער, מען באַדאַרף נאָר וויסן, אַז אַ לעבעדיקער מענטש
געפינט זיך דאָרט, און אַז עס וועט עפּעס געשען, קאָנען
זיי שרייען, וועלן זיך די גוים צוזאַמענלויפן.

די קינדער זענען צוגעוויינט דערצו. יעדעס יאָר האָבן
זיי געהיט אַ סאָד, ביז דאָס אויבסט איז רייף געוואָרן, און
ווען מען האָט עס באַדאַרפט קלייבן, זענען טאַטע־מאַמע
אַרויסגעקומען. בייטאָג איז גאָר געווען אַ פרייד. די זון
האָט געשיינט. עס איז זיי וואַרעם געווען. דאָס מיידל איז
אַרומגעגאַנגען אין דאָרף און אויסגעבעטן ביי די פויערטעס
אַ פּאָר קאַרטאָפליעס, חיימל האָט פון וואַלד געבראַכט טרוקע־
נע צווייגן, האָבן זיי זיך אַ פייער געמאַכט און אָפּגעבראָטן
אין דעם אַש זייער אָוונט־ברויט. אַז דאָס אויבסט האָט
נאָר אָנגעהויבן עטוואָס רייף צו ווערן, האָבן זיי צוזאַמענ־
געקליבן די אַראָפּגעפאַלענע עפּעלעך. דערנערט זיך שוין
מיט ס׳זייעריקע. ביינאַכט האָבן זיך די קינדער באַהאַלטן
אין ביידל אַריין. צוגעדעקט זיך מיט די קאַפּאָטעס. די
נעכט זענען געווען קורצע און וואַרעמע זומער־נעכט, נאָר
טיילמאָל, ווען עס פלעגט אַ רעגן גיסן, האָבן זיי זיך איינ־
געקאָרטשעט, איינס דאָס אַנדערע צוגעדעקט, און געוואַ־
רעמט זיך מיט זייערע יינגע לייבלעך.

מיטאַמאָל האָט זיך דערהערט, אַז גזלנים געפינען זיך
אין וואַלד, נישט ווייט פון דאָרף. ביינאַכט האָבן זיי אָפּ־
געשטעלט אַ פור מיט סוחרים, געהרגעט דעם בעל־הגלה

און אוועקגענומען פון די סוחרים דאָס געלט. דאָס גאַנצע דאָרף איז צומאָרגנס אַרויס אויף אַן אָבלאַווע אויף די גזלנים אין וואַלד. נאָר מען האָט קיינעם נישט געפונען. מען האָט אָנגעטראָפן צייכנס פון זייערע פוס־טריט און מען האָט אָבער נישט געקאָנט וויסן, וואו זיי האַלטן זיך אויף. דער רויב ביינאַכט אין וואַלד האָט אַ שרעק געוואָרפן אויפן גאַנצן דאָרף און אויף דער גאַנצער געגנט אַרום. די גוים האָבן זייערע הייזער פאַרמאַכט מיט אייזערנע פּרענטן און אַליין זענען זיי געשלאָפן ביי זייערע בהמות מיט שטעקנס און רעוואָלווערן באַוואַכט. די קינדער האָבן אויך געהערט פון די גזלנים, וואָס האַלטן זיך אויף אין וואַלד. ביינאַכט האָבן זיי מורא געהאַט צו שלאָפן אין סאָד. זיי האָבן אָבער איינס פון דאָס אַנדערע באַהאַלטן די אימה און נישט גע־רעדט דערפון.

אַמאָל ביינאַכט זענען די קינדער געלעגן איןביידל. אין דרויסן איז זייער פינסטער געווען. עס האָט זיך גע־קליבן אויף אַ רעגן. אַ ווינט האָט געבלאָזן און געקלאַפּט מיט אַן אָפּגעריסענעם שינדל אויפן דעכל פון ביידל, און זיי האָט זיך אָפּגעדאַכט, אַז עס גייט ווער... די צווייגן האָבן זיך געשאָקלט און געבראָכן זיך הינטערן ביידל און געקרעכצט ווי לעבעדיקע מענטשן. פייגעלע איז געלעגן און האָט מיט אירע הענטלעך פעסט צו זיך צוגעדריקט איר יונג ברודערל. חיים האָט זיך איינגעקאָרטשעט אין זיין שוועסטערס לייב, ווי אַ יונג קעלבל, מיטן קאָפּ אין בויך אַריין. פייגעלע האָט אַרויסגעקוקט מיט אירע גרויסע לע־בעדיקע אויגן און אויפגעהערט, אויב ווער גייט נישט. די קינדער האָבן געשוויגן אַ לאַנגע צייט און מורא געהאַט צו רעדן איינס מיטן צווייטן, כאָטש זיי זענען נישט געשלאָפן.

– פייגעלע, דו שלאָפסט? – האָט דאָס ברודערל גע-פרעגט.
– איך שלאָף, – האָט פייגעלע אָפגעענטפערט.
– איך שלאָף אויך, – האָט חימל געזאָגט און איז פאַרשוויגן.
– פייגעלע.
– וואָס?
– גזלנים טויטן קינדער אויך?
– ניין. קינדער טויטן זיי נישט.
אַ לאַנגע מינוט האָבן זיי ווידער געשוויגן.
– פייגעלע.
– וואָס?
– עס איז ווער אין סאָד דאָ.
– ניין, חימל, דאָס שאָקלט דער ווינט די צווייגן.
אַ לאַנגע מינוט פויזע.
– פייגעלע.
– וואָס?
– עס גייט ווער אין סאָד אַריין.
– שווייג, חיים, קיינער גייט נישט אין סאָד אַריין. דאָס קלאַפּט דער ווינט אין דאַך.
אַ לאַנגע פויזע.
– פייגעלע.
– וואָס?
– וואָס איז אַ ווינט?
– שווייג, שלאָף.
עס האָט אַ גרויסער בליץ געטאָן, נאָך אים האָט זיך געהערט אַן אויסגייענדער דונער.
די קינדער האָבן אויפגעציטערט.

– פייגעלע.
– וואָס?
– האָסט געלייענט קריאַת שמע?
– ניין.
– לאָמיר לייענען קריאַת שמע.
– איך קען נישט פון אויסעווייניק.
– איך קען.
– זאָג, וועל איך דיר נאָכזאָגן.
– אל מלך נאמן...
– אל מלך נאמן...

די קינדער האָבן געזאָגט די ווערטער, ווי די טראָפּנס רעגן, וואָס האָבן אָנגעהויבן צו פאַלן אויפן דאַך פון ביידל.

– פייגעלע, עס רעגנט.
– עס רעגנט, חיימל.
– שווייג, מען טאָר נישט מפסיק זיין.
– דער ווינט זאָל נאָר דאָס אויבסט פון די ביימער נישט אַראָפּוואַרפן.
– מען טאָר נישט מפסיק זיין, פייגעלע.

די טראָפּנס וואַסער האָבן באַלד אָנגעהויבן אַריינצורינען אויף די קינדער דורך אַ שפּאַרע פון ביידל. די קינדער האָבן זיך איינגעקאַרטשעט אין אַ ווינקעלע פון ביידל, וואו עס איז געווען באַשיצט. זיי האָבן זיך איבערגעצויגן מיט די קאַפּאָטעס איבער די קעפּ, געהאַלטן זיך איינס אין אַנדערן. איינגעקאַרטשעט זיך און געוואַרעמט זיך מיט די לייבלעך, און געלעגן און געשוויגן.

מיטאַמאָל האָט זיך די טיר פון ביידל געגעבן אַ פּראַל אויף, אַ צינדהעלצל האָט זיך אָנגעצונדן און פאַרלאָשן, אין

בליק־שנעליקייט האָט פייגעלע דערזען צוויי הויכע שוואַרצע גוים שטיין פאַר איר.

— ווער איז דאָרט? — האָט אַ שטאַרקע מענער־שטימע געדופן.

— דאָס בין איך, דעם סעדערס מיידל מיט איר ברו־דערל, — האָט פייגעלע אָפּגעענטפערט מיט אונטערטעניקייט, אָבער נישט מיט מורא.

— שווייג, זשידווקאַ.

די גוים האָבן אַראָפּגעצויגן פון די קינדער די קאַפּאָטעס און אַליין זיך מיט זיי באַדעקט די קעפּ, וואָרים דער רעגן האָט שוין אָנגעהויבן אַריינצוגיסן דורך די שפּאַרעס פון דעכל.

די קינדער זענען געוואָרן האַלב נאַקעט, יעצט האָבן זיי זיך נאָך מער איינס צום אַנדערן צוגעקאָרטשעט, איינגענאָרעט זיך אין אַ ווינקל, און געלעגן ווי צוויי הינטלעך און גע־שוויגן. אין ביידל איז געוואָרן שוואַרץ. די גוים האָט מען נישט געזען. נאָר געפילט צוויי שוואַרצע שאָטנס, און איינער פון די שאָטנס פינקלט מיט אַ פונק פון אַן אָנגערויכערטן ציגאַרעט, און אויפן דאַך האָט זיך געהערט, ווי די שווערע טראָפּנס רעגן פאַלן אויף די שינדלען.

די גוים האָבן עפּעס געשעפּטשעט צווישן זיך איז דער שטיל. פייגעלען איז פּלוצים באַפאַלן אַ טויט־שרעק. זי האָט אָנגעהויבן צו פילן מיטאַמאָל די שרעק פאַר גזלנים. אַן ענג־קייט האָט זי אַרומגענומען. נישט די שרעק פאַרן לעבן, זי האָט גאָרנישט געטראַכט וועגן זיך — נאָר עפּעס ווי זי וואָלט מיטאַמאָל דערפילט אַן אומנאַטירלעכע זאַך, ווי זי וואָלט אַ נישט־גוטן דערזען. מיט איין האַנט האָט זי אַרומגעהאַלטן איר קליינעם ברודערל, און מיט דער צווייטער האַנט האָט זי זיך פאַר ווענטען געוואָלט באַשיצן. און ווי זי וואָלט זיך דערמאַנט,

אז זי איז נאָך אַ קינד, האָט זי פּלוצים אָנגעהויבן צו וויינען: מאַמע.

– שווייגט, ממזרים, שווייגט. ששש...

די קינדער האָבן אָבער זיך מער דערשראָקן פאַר די שאָטנס, איידער פאַר רעדנדיקע מענטשן און האָבן געוויינט.

– שוויגן, וואָרים זאַדושען, – האָט אַ שווערע האַנט זיך געלייגט אויף די קינדערס מיילער.

אַ לאַנגע ווײַלע האָבן די קינדער געשוויגן. געשלוכצט אין זיך.

– זעסט, וואָס דו האָסט אָנגעמאַכט. דו האָסט די קינדער דערשראָקן. די פויערים וועלן זייער געוויין דערהערן.

– שווייגט, קינדער, נאַט, דאָ האָט איר די קאַפּאָטע, דעקט אייך צו, – האָט איינער פון זיי צוגעוואָרפן די קאַפּאָטע צו די קינדער.

דער צווייטער האָט נאָכגעטאָן.

די קינדער האָבן נישט געפילט די פייכטקייט פון רעגן. די שרעק פאַר די גזלנים האָט אַלץ פאַרטריבן. זיי האָבן נאָך אין דער שטיל געשלוכצט. אַ שטימע האָט זיך אָנגערופן:

– שווייגט, וואָס וויינט איר? עס איז אייך קאַלט. יאַן, גיב זיי בראָנפן צו טרינקען.

דער גוי האָט צוגעטראָגן אַ פלאַש מיט בראָנפן און דערלאַנגט די קינדער.

– טרינקט, וועט אייך וואַרעמער זיין.

פייגעלע האָט זיך דערשראָקן פאַר זיין געשטאַלט. זי האָט געטאָן, וואָס מען האָט איר געהייסן.

– און יעצט גיב דעם ברידערל דיינעם. הער, קליינער זשידאָק, טרינק.

חיימל האָט אויך צוגעגויגט די ליפּן צום פלאַש.

– די קליינע ממזרים, עס איז אַ רחמנות אויף זיי, אין אַזאַ רעגן. יאַן, האָסט דאָרט אין קעשענע קאַלבאַסע, גיב זיי.

יאַן האָט דערלאַנגט די קאַלבאַסע.

די קינדער האָבן דערהערט דאָס וואָרט קאַלבאַסע, איז אַ גרויסע שרעק זיי באַפאַלן.

– עסט.

– מען טאָר נישט, — האָט פייגעלע געענטפערט.

– עסט, קליינע זשידעס.

– מיר טאָרן נישט, — האָבן ביידע קינדער אָנגעהויבן ווידער צו וויינען.

– לאָז זיי אָפּ. זעסט דאָך, אַז זיי ווילן נישט זייער „זאַקאָן" ברעכן.

– נאַט, דאָ האָט איר ברויט.

דאָס ברויט האָבן די קינדער גענומען. נאָר געגעסן האָבן זיי נישט.

אַ לאַנגע ווײַלע איז שטיל געווען אין ביידל. עס האָבן זיך נאָר געהערט די טראָפּנס רעגן, וואָס זענען געפאַלן אויפן דעכל, און דאָס שווערע אָטעמען פון די גוים. די קינדער זענען געלעגן איינגעקאָרטשעט אין אַ נאָרע. ערשט יעצט איז זיי קלאָר געווען די שרעק, אַז זיי געפינען זיך מיט גזלנים אינאיינעם. חיימל האָט ערשט זיך דערמאָנט, וואָס אַ ייד האָט צו טאָן, ווען ער איז אין סכּנה.

– פייגעלע, – רופט ער אָן אין דער שטיל.

– ש־ש, וואָס ?

– לאָמיר זאָגן שמע ישראל.

– זאָג.

— שמע ישראל ה׳ אלהינו.

און די קינדער האָבן פּלוצים אָנגעהויבן הויך קריאַת שמע צו זאָגן.

— וואָס מורמלען זיי דאָרט?

— זעסט דאָך, אַז זיי מאַדליען זיך.

— יעדער האָט זיין „זאַקאָן", — רעדן די גוים צווישן זיך.

אין ביידל איז אַזוי נאַס געוואָרן, אַז עס האָט זיך נישט געפונען קיין איין שטיקל ערד. דאָס איינציקע טרו־קענע ווינקל, וואָס איז געווען צוגעדעקט מיט די קאַפּאָ־טעס, האָבן יעצט די קינדער פאַרנומען. דער רעגן האָט די גוים געיאָגט פון איין ווינקל אין אַנדערן, ביז ער האָט זיי אַריינגעיאָגט אין דעם ווינקל פון די קינדער. זיי האָבן זיך צוגעטוליעט צו די קינדער, באַהאַלטנדיק זיך נעבן זיי.

— לאָזט, ממזרימלעך, לאָזט זיך אויך צודעקן מיט די קאַפּאָטעס, — האָבן זיך די גוים געבעטן.

און אַ וואונדערלעכע זאַך, די קינדער האבן זיך אויפ־געהערט צו שרעקן פאַר די גזלנים. הינטער די פּייכטע קאַפּאטעס האבן זיך אַלע פיר לייבער צוזאַמענגעקנאטן, און איינס האט דאס אַנדערע געוואַרעמט.

— דעק זיי צו, דעק זיי, די ממזרימלעך, — האבן די גוים געזאגט איינס צום אַנדערן און גענומען די קינדער אויף זייערע הענט און זיי ווארעם צוגעדעקט.

— יאַן, גיב זיי אַביסל בראַנפן.

די קינדער האבן געשליקט דעם בראַנפן, דערוואַרעמט זייערע לייבלעך. עס האבן פיר לעבעדיקע נפשות צוזאַמענ־געקנאַטן זיך און באַשיצט איינס דאס צווייטע פאַרן רעגן, פאַרן בליץ און שטורם...

# קדוש השם

(אַ לעגענדע)

ווייס באַשנייט איז דער וועג. די לבנה שפּיגלט זיך אָפּ אין די ברייטע ווייסע פעלד־שנייען ווי אין אַ ים; און די שטערן רייבן זיך איינס אָן צווייטן... אַזוי געדיכט זעען זיי איבערן הימל באַזייט, פונדערווייטנס הערט זיך אַ יידיש זמר'ל, אויסגעמישט מיט דעם קנאַל פון אַ בעל־עגלהס בייטש:

הע, הע, אָז אַ זייט,<br>
יידעלעך פאָרן, יידעלעך פאָרן<br>
לכה דודי, לכה דודי<br>
לקראת כלה!

פון וואַנען פאָרן דאָס יידעלעך אַזוי פרייליך? פון אַ חתונה פאָרן יידעלעך. אנגעשטאָפּט איז די בויד מיט מחותנים, אויפן סאַמע קאַרזשל זיצט דער בעל־עגלה שכור־לעך. דאָס היטל שפּרינגט פון קאָפּ, און מיט דער בייטש קנאַלט ער אונטער: הע, הע אן אַ זייט, אן אַ זייט! זייט וויסן, די פערדלעך, אַז אייער בעל־הבית איז שכור, מען

פאַרט פון אַ חתונה — און זיי האָבן פאַרגעסן דעם טעגלעכן יאָך, לאָזן זיי זיך מיט אימפּעט און טרייבן אַלץ פון וועג אַראָפּ.

און די מחותּנים האַלטן איינער דעם צווייטן מיט די הענט אַרומגעאָרעמט, די שטריימלעך רוקן זיך אָן אַ זייט. די פערד פאַרפּלאָנטערן זיך, און אַלע איינעם שאָקלען זיך צו־זאַמען מיט דער פור, ווי ביי דער גמרא, און זינגען הויך אויפן קול:

אָמר אַביי, אָמר ר׳ פּפּא,
די מוזינקע אויסגעגעבן,
די מוזינקע אויסגעגעבן,
לכה דודי, לכה דודי
לקראַת—כּ—לה!

דער וועג לייכט אין שניי־און לבנה־ליכט, און אין דער ווייסער לבנה־נאַכט טראָגט זיך די יידנס זמר:

לכה דודי, לכה דודי
לקראַת—כּ—לה!

עס זעען נישט די יידעלעך ווי דער פּריץ פון שטעטל קומט זיי אַנטקעגן מיט דריי פערד נאַשפּיץ (אין דער לענג). עס הערן נישט די יידעלעך, ווי דער פּריץ רופט: „העי, זשידי פּאַרכי, דאַיטשע דראָגי" (העי, יידן, פּאַרכעס, לאָזט דעם וועג). פריילעך זענען יידן, אַ טאָכטער אויסגעגעבן. נאָך אַ יידיש פּאָר ביי יידן צוגעקומען. אַ נייע הויז אין יידישן פאָלק, און יעדעס יידישע הויז איז ווי יעקב אָבינוס הויז. און ווער הערט היינט דעם פּריץ מיט זיינע משרתים. „דייטשע דראָגי, זשידי פּאַרכי", שרייט דער פּריץ. די יידעלעך ענטפערן אים: „מיר יידן האָבן אַ משיח, און וואָס האָסטו? מיר דינען דעם איינ־ציקן לעבעדיקן בורא. און דו וועמען? דער רבי איז אונזער

מליץ יושר. אוז דיינער ווער?" און זיי גיבן נישט דעם פריץ דעם וועג. זיי נעמען פארן פריץ דאס היטל נישט אראפּ. זיי זאגן נישט דעם פריץ: „דזשען דאברי" (גוט־מארגן). שכור זענען יידן און פארן פון א חתונה און זינגען אין דער ווייסער נאכט אריין:

„לכה דודי, לכה דודי
לקראת כלה!"

אויפן צווייטן טאג האט מען פון פריץ רייטערס ארויס־געשיקט נאכשפירן פון וואנען זענען יידעלעך געפארן. און וואס האבן יידעלעך שכור אפגעטאן. און מען האט געפונען א טויטן פויער ליגן אין דער פוסטער קרעטשמע, וואס שטייט אן א זייט פון וועג.

אוז די צייט איז געווען פאר פסח.

האט מען סטראזשניקעס איבערן שטעטל ארויסגעשיקט נאכפרעגן, ווער איז איבערן וועג געפארן. האט מען די מחותנים מיט דעם בעל־עגלה אין קייטן געשמידט און אין תפיסה געווארפן.

די מחותנים זענען געווען די פיר שענסטע בעלי־הבתים פון שטאט.

---

פארזאמלט זענען אלע יידן אין דער שול. די ליכט אנגעצונדן ווי צו יום־כפור. פון דער ווייבערשער שול פאר־נעמט זיך א שטיל ערנסט געוויין. עס וויינען איינצלנע שטימען און מען ווייסט, אז דאס וויינען די ווייבער און די מוטערס פון די געפייניקטע. דער אלטער רב אין קיטל און טלית שטייט פארן ארון און זאגט תהילים:

„למה רגשו גוים ולאומים יהגו ריק..."

און די עדה אין קיטלען און טליתים זאָגן נאָכן רב מיט
ציטעריקע שטימען:

„למה רגשו גוים ולאומים יהגו ריק".

און שטיל איז אין דער קליינער שול. מען הערט דעם
גאַנג פון די נשמות פון אַלע קדושים פון אַלע דורות, וואָס
גייען דורך דער לופט פון דער שול. ווארים מען זאָגט תהילים
פאַר געפייניקטע.

דאָרט אין דער תפיסה פייניקט מען די געפאַנגענע מיט
כל ענויים קשים, אַז זיי זאָלן זיך מודה זיין. און דאָס זאָגט
מען דאָ תהילים פאַר זיי, אַז גאָט זאָל זיי שטאַרקן. זיי
זאָלן אויסהאַלטן די ענויים און נישט פאַרשוועכן זיין הייליקן
נאָמען, ווארים דער נסיון איז אַ שווערער. דער וואָס וועט
זיך מודה זיין און אָפּזאָגן זיך חלילה פון יידישן גלויבן,
האָט מען אויסגעפּיקט אין שטאָט, וועט מען אים שענקען
דאָס לעבן, און מאַכן אים פאַר דעם אויפזעער פון אַלע
צינזן, וואָס די יידן האבן צו באַצאָלן דעם פריץ, און אפּגעבן
אים אַלע פּראָפּענאַציעס פון אַלע שענקען. און ער וועט
ווערן אַ ראש איבער די יידן.

און די, וואָס וועלן זיך נישט מודה זיין, וועט מען זיי
צעפערטלען און נישט לאָזן קומען צו קבר ישראל.

און דאָ אין שולכל, דאַכט זיך, הערן זיך די קרעכצן און
די געשרייען פון די געפייניקטע, וואָס מישן זיך אויס איני=
נעם מיט די יידנס תהילים=זאָגן און רייסן זיך אין הימל אַרויף.

נאָר זיכער זענען יידן אין זייערע קדושים, אַז זיי וועלן
אויסהאַלטן דעם נסיון און וועלן נישט פאַרשוועכן חלילה
גאָטס נאָמען פאַר די נאַרישקייטן פון דער וועלט. און שטאָלץ
רייסט זיך אַרויס דער בליק אויס די פאַרוויינטע אויגן פון
די מוטערס און די ווייבער פון די געפייניקטע איבער זייערע

קדושים. און מיט קנאה און כבוד קוקן אַלע ווייבער אויף זיי, אויף די מוטערס און פרויען פון די קדושים, וואָס זענען מקדש את השם.

נאָר אין איינעם איז מען נישט זיכער, אין דעם בעל־עגלה. אַ פּראָסטער יינג פון דער גאַס, און נישט איינמאָל האָט מען אים שוין געטראָפן מחלל שבת זיין בפרהסיא. ער היט נישט אָפּ קיין מנחה ומעריב און שבת גייט ער מיט זיין פערד איבער דער גאַס שפּאַצירן. עסט אומגע־וואשן און נעמט דעם סדור אין האַנט נישט אַריין. געמוסרט האָט אים שוין דער רב אייניקע מאָל און געוואָלט אים אין פּאָליש איינזעצן, האָט ער געסטראַשעט מיט שמדן זיך — האָט מען אים צורו געלאָזט.

אין אַ ווינקל ווייבער־שול שטייט זיין מוטער מיטן טיכל איבערן קאָפּ אַריבערגעצויגן, שעמט זיך די ווייבער אין פּנים אַריינצוקוקן. אַלע קוקן אויף איר מיט רחמנות און פאַרדראָס: „אַזאַ זון ערצויגן!‟ – וואָרים געהערט האָט מען שוין אין שטאָט, אַז דער בעל־עגלה איז זיך מודה.

אָפּגערוקט האָבן זיך אַלע פון איר און זי וויינט און שטייט מיט דעם טיכל איבער די אויגן. קיין תהילים זאָגט זי נישט – זי קען נישט; קיין סדור האַלט זי נישט אין דער האַנט, נאָר אירע ליפּן מורמלען אַ תּפילה, און זי בעט צו גאָט: „טאַטע אין הימל, שטיי אים ביי! טאַטע אין הימל, שטיי אים ביי!‟

און די טרערן גיסן זיך פון די אויגן אין טיכל אַריין. קיי־נער זעט זיי נישט, קיינער הערט איר תּפילה נישט, וואָרים אָפּגערוקט שטייט זי אַליין, און אַלע קוקן מיט רחמנות און פאַרדראָס אויף איר: „אַזאַ זון ערצויגן! אַזאַ זון ערצויגן!‟

ווידער זענען אַלע יידן אין דער שול פֿאַרזאַמלט. קיין תהילים זאָגט מען נישט הייַנט. אויסגעזעצט זענען זיי אַלע אויף דער ערד. די שטענדערס פֿאַרדרייט. די ליכט ברענען זיך אויף דער ערד. דער רב אין די זאָקן זאָגט „אֵיכָה“ און דער עולם אין דער שטיל זאָגט נאָך אים. מען זיצט שבעה נאָך די קדושים. תליות האָט מען אין מאַרק אויסגעשטעלט, און יעצט ווערט געטאָן זייער רעכט אין מיטן מאַרק. פיר יאָרצייט-ליכט ברענען זיך אין אַ קאַסטן זאַמד אויף דער ערד, און אַרום די ליכט זיצן שבעה די משפחות פון די קדושים און זאָגן איכה. אין אַ ווינקל-שול, האַרט ביי דער טיר, שטייט אויף דאָס פינפטע ליכט. זי איז נישט אָנגעצונדן, און נעבן דעם זיצט די מוטער פון דעם בעל-עגלה איינע אַליין, מען ווייסט נישט, צי האָט איר זון אויסגעהאַלטן דעם נסיון און ער געהערט אויך צו די קדושים און אַלע קוקן אויף איר מיט רחמנות און פֿאַרדראָס: „אַזאַ זון ערצויגן! אַזאַ זון ערצויגן!“

אין דעם הערן זיך טריט רייטן פון דרויסן. אַ רייטער קומט אָן צו דער שול, וואַרפֿט עפּעס אַרונטער הינטער דער טיר און קלאַפּט אָן אין טיר פון שול — איינס, צוויי, דריי, פיר... פינף קלעפּ האָט ער געגעבן. און ווי עס האָט זיך דערהערט דער פינפטער קלאַפּ אין דער טיר, רייסט אויף די מוטער פון דעם בעל-עגלה די טיר פון שול – און הינטער דער טיר פון דער שול ליגן פינף אָפּגעהאַקטע קעפּ.

אויסגעזוכט האָט זי דעם קאָפּ פון איר זון און אויף די הענט גענומען און איז אַריינגעגאַנגען מיט אים אין שול אַריין. הויך האָט זי געהאַלטן דעם קאָפּ פון איר זון אויף די הענט, ווי זי וואָלט אים דער גאַנצער עדה געוואַלט

ציִיגן. אַ שטאָלצער בליק האָט זיך פון אירע אויגן אַרויס־גערים. אַראָפּגערוקט האָט זי שוין דאָס טיכל פון איר קאָפּ און שטאָלץ אַלעמען אין די אויגן געקוקט. אָפּגערוקט מיט כבוד האָבן זיך אַלע פאַר איר און די מאַמע, מיט דעם זונס קאָפּ אין דער האַנט, האָט אין מיטן שול צו טאַנצן אָנגעהויבן.

לייכט און שטיל האָבן זיך אירע פיס באַוואויגן, און געטאַנצט האָט זי מיט איר זונס קאָפּ פאַרן אָרון־קיין איין וואָרט נישט גערעדט. אירע ליפּן זענען שטום געווען, נאָר מיט אירע אויגן האָט זי אויף אַלעמען מיט שטאָלץ געקוקט.

און אַלע האָבן זיך אָפּגערוקט פון איר און מיט קנאה און כבוד געקוקט אויף איר:

די מוטער טאַנצט מיט איר זון, די מוטער טאַנצט מיט איר זון...

און אַוועקגעלייגט האָט זי איר זונס קאָפּ צווישן די קעפּ פון די קדושים, און אָנגעצונדן מיט אירע הענט דאָס יאָרצייט־ליכט פאַר איר זון און אַוועקגעשטעלט עס פאַר דעם אָרון צווישן די ליכט פון די קדושים.

# אויך א מאַמע

פיר־עקעדיק איז דער מאַרק, אַרומגערינגלט פון אַלע פיר זייטן מיט נידעריקע, קליינע אָפּגעווייסטע הייזלעך. פון דעם איינשטאָקיקן הויז, וואָס שטייט קעגנאיבער דעם ברונעם, דאָרט וווּ דער בעקער וואוינט, גייט פון דעם קוימען אַ געדיכטער רויך אַרויס און ער צעלייגט זיך האַרט איבער דעם מאַרק. אונטער דעם רויך פליען ווייסע טויבן אַהין און צוריק, און אַ הויכער יינג שטייט ביי דעם איינשטאָקיקן הויז און פייפט אויף די טויבן.

קעגנאיבער דעם ברונעם שטייען „שטעלן", טירן אויפגעלייגט אויף צוויי שטולן, אויף די טירן ליגן פאַרשיידענע פרוכטן און גרינס, און ווייבער מיט אָפּגעברענטע מידע פנימער, אַרומגעוויקלט מיט טיכלעך אין די גרעסטע היצן, שטייען פאַר די „שטעלן" און קריגן זיך.

– אַוודאי, עס לוינט זיך מיר באַלד מיט אַזאַ שנאָרערן צו קריגן, פאַרמאָגסט מיין מיסט? דו שלעפּערקע.

יענטע, אַ יידענע פון אַ יאָר עטלעכע־און־פערציק, — וואָס פון אירע ליפּן האָבן די ווערטער זיך געלאָזט הערן, — טראָגט אַ ברייטן שמוציקן פאַרטוך, און איר דיק אָפּגע־

ברענט פּנים, וואָס קוקט רואיק אַרויס פון אונטער דער טיכל, האָט מסכּים געווען אויף אירע ווערטער.

– וואָס מיינסטו, האָסט שוין גאָט פאַרן באָרד געכאַפּט? ער געהערט מיר אַזוי גוט, ווי דיר אָן – האָט איר טויבע אָפּגעענטפערט, אַראָפּרוקנדיק דאָס טיכל איבער די האַלבע אויערן און מיט כעס זיך די האָר אַרונטערגעשאַרט.

אַ קונהטע איז צוגעקומען צו יענטעס „שטעל". און טויבע, וואָס איז ליידיק געשטאַנען, האָט דערווייל זי אָנגעשאָלטן מיט טויטע קללות.

– וואָס טויג מיר דיין געלט, פּריצטע! וועסט שטאַרבן און אַפילו אַ הונט וועט נאָך דיר קיין קדיש נישט זאָגן...

— האָט די יידענע געשריען.

טויבע האָט דערמיט איר שכנטע געוואָלט געבן אָנצוהערן פון איר זון יצחקל, נאָר זי האָט זיך דערמאָנט, אַז עס פּאַסט נישט זיך אַליין צו רימען, איז זי אין מיטן רעדן שטיל געוואָרן.

יענטע, אָפּמעסטנדיק די קונהטע אַ קוואָרט באַרן, האָט איר אָפּגעענטפערט:

– אַודאי, ווען דו וואָלסט אַ שטיקל לייט געווען, וואָלט דאָך דיין מאַן איבער דיר נישט געשטאָרבן, און דיין קינד וואָלט זיך דאָך מיט דיר נישט געשעמט. ער שעמט זיך דאָך מיט דיר.

טויבע איז געוואָרן אין כעס און אַרויס מיט אַ קול:

–חצופה! מיין קינד שעמט זיך מיט מיר! אַ כּפּרה מעגסטו זיין פאַר זיין מינדסטן נאָגל, ביסט אַפילו נישט ווערט מיין קינדס נאָמען צו דערמאָנען.

זי האָט געוואָלט אַרויס מיט אַ געוויין, וואָס מען זאָגט, אַז איבער איר איז איר מאַן געשטאָרבן, און איר קינד,

איר יצחקל, שעמט זיך מיט איר, נאָר נישט צו דערפרייען יענטען מיט אירע טרערן, האָט זי זיך מיט אַלע קרעפטן איינגעהאַלטן נישט צו וויינען.

די זון האָט זיך וואָס אַמאָל מער אַרונטערגעלאָזט אונ-טער יענער זייט שטעטל. יידן האָבן זיך געאיילט איבער דעם מאַרק און אַלע זענען אַוועק אין דער בית־המדרש־געסל מנחה דאַוונען. ביי דעם ברונעם, אין מיטן מאַרק, האָבן זיך אָנגעהויבן צוזאַמענקלייבן חדר־יינגלעך, וואָס זענען ערשט פריי פון דעם חדר געגאַנגען.

טויבע האָט צוזאַמענגענומען אירע פּאָר קוישלעך אויף די הענט (די טיר מיט די שטולן האָט זי אין מאַרק געלאָזט: עס וועט קיינער נישט גנבענען), און איבערלאָזנדיק די גראָבע יענטע אַ פּאָר קללות, איז זי שטיל פון דעם מאַרק אַוועק.

ווען זי איז זיך מיט די קוישלעך אויף די הענט צ־יין אהיים געגאַנגען האָט זי וועגן איר יצחקל געקלערט.

יענטעס שטעכעדיקע ווערטער קאָנען איר פון זינען נישט אַרויס. מילא, דאָס וואָס זי זאָגט: איבער איר איז דער מאַן גע-שטאָרבן, אַרט עס איר נישט: אַלע וויסן וואָס זי האָט אַוועק-געאַרבעט ביי איר מאַנס קרענק, נאָר וואָס זי זאָגט, אַז איר יצחקל שעמט זיך מיט איר, דאָס קרענקט איר ביז אין ריפּ. טאַקע, דאַכט זיך איר, אַז ער קומט אַהיים אויף דער נאַכט נעכטיקן, ווייל ער ביי איר קיין זאַך נישט פאַרזוכן...

און קלערנדיק דאָס, האָט זי אָנגעהויבן שעלטן יענטען.

— נישט דערלעבן זאָל זי דאָס, רבונו של עולם! טאַטע איינער!

עפּעס האָט זיך איר געדאַכט, אַז דאָס, וואָס זי מיינט אַז יצחקל שעמט זיך מיט איר, האָט זי קיינעם נישט צו פאַר-דאַנקען נאָר יענטען, אַלץ האָט זי, די מכשפהטע, אָנגעמאַכט.

— מיין קינד, מיין יצחקל, וואָס פאַר אַ געשעפטן האָט איר צו אים ?! — און זי איז אַרויס מיט אַ קול :

— רבונו של עולם, זאָלסט זיך אָננעמען מיין קריוודע, ביסט דאָך אַ טאַטע פאַר יתומים, דו זאָלסט עס איר נישט שווייגן.

— ווּעמעןן איז דאָס ? ווּעמען שילט איר אַזוי, טויבע ? — האָט זיך צו איר אָנגערופן נעבע די נגידיתטע, וואָס איז גע־שטאַנען אין טיר פון איר שניט־קראָם און האָט געהערט ווי טויבע שילט אַזוי צו זיך אַליין, אַהיימגייענדיק.

— ווּעמען דען, בעל־הביתטע, אַז נישט די חצופה, די ימח־שמהניצע ? — האָט זי אויסגערופן, ווייזנדיק מיט דעם פינגער אין מאַרק אַריין, און נישט אַפילו דעם קאָפּ אויפהויבנדיק צו זען, ווער עס רעדט צו איר, איז זי זיך ווייטער געגאַנגען.

און טויבע, ווייטער גייענדיק, האָט זיך דערמאָנט, אַז היינט אינדערפרי, ווען זי איז צו נעכען מיט אַ הון אין קיך אַריין, האָט זי פון דער צווייטער שטוב געהערט יצחקלס קול, ווי ער שפּאַרט זיך מיט נעכעס בחורימלעך אין לערנען, זי האָט גע־וואוסט, אַז מיטוואָך עסט איר יצחקל ביי נעכען, און טאַקע מיט אַ כיון אַהין צוגעגאַנגען מיט דער הון, כדי איר יצחקל זאָל אַ גוטע יויך האָבן, ער איז דאָך, נעבעך, אַזוי שוואַך.

און הערנדיק פון דער צווייטער שטוב איר זונס קול, האָט זי טאַקע די קיך געוואָלט פאַרלאָזן, נאָר דאָך איז זי נישט אַוועק, איר יצחקל שפּאַרט זיך מיט נעכעס קינדער אין לערנען. זיי קענען עפּעס דען ? זיי קומען עפּעס צו זיין פּאָדעשווע ? „ער וועט זיך פאַרשעמען", האָט זי זיך געשראָקן, „ווען ער וועט מיך דאָ טרעפן מיט דער הון אין דער האַנט"... „זיין מאַמע איז אַ מאַרק־יידענע, אַ שיינער יחוס"... און דאָך האָט זי די קיך נישט פאַרלאָזט. „אַ קינד

נישט קיין גראָשן אָפּגעקאָסט, און וויפל קאָסטן נעכעס קינדער אָפּ?" וואָלט זי היינט געהאַט, וואָס איר יצחקל וואָלט געדאַרפט אָפּקאָסטן, וואָלט זי דאָך אַ נגידיתטע געווען... און איז געשטאַנען און האָט זיך צוגעהערט צו זיין קול.

„אוי! ער האָט באַדאַרפט לעבן און זען יצחקלען, ער וואָלט דאָך באַלד געזונט געוואָר".

באַלד האָט זיך געעפנט די טיר, עס האָבן זיך באַוויזן נעכעס בחורימלעך, אינדערמיט איר יצחקל, די בעקלעך האָבן אים געפלאַמט.

– גוט-מאָרגן! – האָט ער שוואַך אַרויסגערעדט, און באַלד דורך דער טיר אַרויס. זי האָט געוואוסט, זי האָט אים עַגְמַת-נֶפֶש אָנגעטאָן, ער איז פאַרשעמט געוואָרן פאַר נעכעס בחורימלעך.

און זי פילט אין האַרץ: איר קינד, איר יצחקל, איר מילך געזויגן, וואָס פאַר אַ געשעפטן האָט נעכע צו אים; און אויסגיסנדיק איר ביטער האַרץ אויף יענטעס קאָפּ, אויך פאַר דאָס, וואָס איר זון האָט גאָר'נישט אָפּגעקאָסט און קען בעסער פאַר נעכעס בחורימלעך, האָט זי הויך מיט אַ קול געשאָלטן:

– רבונו של עולם, דו זאָלסט זיך מיין קריוודע אָננעמען, דו זאָלסט איר דערפאַר באַצאָלן, זי זאָל די היינטיקע נאַכט נישט איבערלעבן!

די פאַרבייגייער, זעענדיק ווי אַ יידענע גייט אַליין און שילט, האָבן געלאַכט.

די נאַכט האָט זיך אָנגערוקט, און פינסטער איז אין שטעטל געוואָרן.

טויבע איז מיט די קוישלעך אַהיימגעגאַנגען, האָט זיי

ארויפגעשלעפט אויף די טרעפ פון איר הויז און געעפנט די טיר.

— די מאַמע, די מאַמע! — זענען איר קולות אנטקעגן געקומען.

די שטוב איז געווען רויִק, אין מיטן דער שטוב האָבן זיך די קינדער ארומגעשטעלט נעבן טויבען און נישט אויפגעהערט צו שרייען „מאַמע". איין קינדס קול איז געווען אַ וויינענדיקער: „וואו ביסטו דאָס געווען אַ גאַנצן טאָג?" אַ צווייטנס קול איז געווען אַ פרײלעכער: „ווי גוט איז, מאַמע, אַז דו ביסט געקומען". און די אַלע קולות האָבן זיך אינײנעם אויסגעמישט.

— שווייגט! לאָזט מיך כאָטש דעם אָטעם כאַפּן. — שרייט די ייִדענע, אַנידערשטעלנדיק די קוישלעך.

זי איז צו צום קוימען, עפּעס געזוכט, און באַלד איז דאָס קליינע שטיבל פון אַ קליין פאַררויכערט לעמפּל באַלויכטן געוואָרן.

דער שוואַכער שיין האָט נאָר באַלויכטן דאָס אָרט ארום דער קיך, וואו טויבע איז געשטאַנען און דאָרטן צוויי העלצלעך אונטערגעהייצט; באַלויכטן אַן אַלט פאַרשטויבטע מאַשין, וואָס איז געשטאַנען נעבן אַ בעט (אַ סימן פון אַ געוועזענעם שניידער), און אַ האַלב בעט, וואָס איז קעגנאיבער דעם לעמפּל געשטאַנען. אויף דעם בעט איז געווען אויסגעשפּרייט שטרוי, אויף וועלכן עס זענען געלעגן פאַרשיידענע אויבס, און זייער ריח האָט זיך געטראָגן איבער דער שטוב, דאָס איבעריקע טייל שטיבל מיט די בעטן זענען פאַרלוירן געוואָרן אין דעם שאָטן.

ערשט אַנדערטהאַלבן יאָר ווי איר מאַן, לייזער שניידער, איז געשטאָרבן. נאָך ביי זיין לעבן, צום סוף,

ווען דער הוסט האָט זיך אים געשטאַרקט און ער האָט נישט געקאָנט זיין ווייב און קינדער מפרנס זיין, האָט זיך טויבע אוועקגעלאָזט עפּעס צו פאַרדינען, און וואָס מער די קרענק האָט זיך געשטאַרקט, האָט זי געמוזט מער האָרעווען, און אַז זי איז געוואָרן אַן אַלמנה, איז זי שוין געוואוינט געווען צו אַרבעטן פאַרן גאַנצן הויזגעזינט.

דאָס עלטסטע ייִנגל, יצחקל, האָט געהאַט אַ גוט קעפּל, ער איז געווען די איינציקע טרייסט אין לייזער שניידערס פינסטערן לעבן, און ליגנדיק אויף דעם טויטן־בעט האָט ער זיך געטרייסט, ער לאָזט כאָטש איבער אַ גוטן קדיש נאָך זיך.

ווען לייזער איז געשטאָרבן, האָבן די בעלי־בתים רחמנות געהאַט אויף דער וויסטער אַלמנה, צונויפגעמאַכט אַ פּאָר רובל, אַז זי זאָל האָבן מיט וואָס צו האַנדלען. און זעענדיק, אַז יצחקל האָט אַ גוטן קאָפּ, האָבן זיי אים אַריינגעגעבן אין בית־המדרש, געשאַפט אים טעג אין די רייכע הייזער, און אים אַוועקגעגעבן לערנען.

טויבע, זעענדיק, אַז יצחקל עסט ביי די נגידים, האָט עס איר אין האַרצן הנאה געטאָן: נעבעך אַ שוואַך קינד, וואָס קאָן זי אים געבן עסן? דאָרט, ביי די נגידים, האָט ער פון אַלעם בעסטן. דאָך אָבער אין דער שטיל האָט זי דערפון עגמת־נפש געהאַט, וואָס יצחקל עסט אין פרעמדע רייכע הייזער. זי האָט אַליין נישט געוואוסט, אויב מען האָט איר מיט דעם אַ טובה געטאָן אָדער אַ רעה...

איינמאָל אַזוי זיצנדיק פאַר איר „שטעל", זעט זי, ווי איר יצחקל גייט אַרויס פון דעם שול־געסל מיט דעם תפילין־זעקל אונטער דעם אָרעם און גייט גלייך איז זונדל דעם

גבירס הויז אַריין פרישטיק עסן, האָט עס איר אין האַרצן געשטאָכן. זי איז דענסטמאָל נאָך גוט געווען מיט יענטען, ווייל באַלד נאָך דעם מאַנס טויט האָבן אַלע אויף איר רחמנות געהאַט, האָט זי צו איר געזאָגט:

— גלויבט מיר, יענטע, איך ווייס אַליין נישט, זעט וואָס האָב איך דאַכט זיך פּרעטענסיעס צו די בעלי־בתּים, זיי האָבן דאָך גוטס געטאָן מיט מיר און מיט מיין קינד: געשאַפט אים עסן אין רייכע ערטער, באַהאַנדלט אים, זאָג איך אייך, נישט ווי ער וואָלט זיין אַ מאַרק־יידענעס אַ קינד, נאָר ווי אַ גבירס, דאָך יעדעס מאָל, ווען איך גיב די קינדער מיטאָג, פאַרגעס איך און שטעל אַנידער אַ טעלער פאַר מיין יצחקל אויך, און אַז איך דערמאָן מיך, אַז ער עסט נישט ביי מיר, ווייז איך פשוט, ווי אַ קליין קינד.

— גייט, איר זייט אַ נאַרישע יידענע, — ענטפערט איר יענטע אָפּ — וואָס דען, ביי אייך וואָלט ער אַ לייט געוואָרן. וואָס קאָן נעבעך אַן אָרעמאַן אַ קינד געבן צו עסן? מישטיינס געזאָגט!

— איר זייט גערעכט, יענטע, — זאָגט טויבע, — אָבער דאָך, ווען איך צעטייל דעם מיטאָג, שניידט מיר אין האַרץ.

און איצט, זיצנדיק ביי דער קיך, אָפּקאָכנדיק עסן פאַר די קינדער, האָט די יידענע דאָס זעלבע געקלערט. עפּעס האָט זיך איר געדאַכט, אַז מען רויבט ביי איר יצחקלען אויעק.

ווען די קינדער האָבן אָפּגעגעסן און זיך שלאָפן געלייגט, האָט זי דאָס לעמפל אויף דעם טיש אַנידערגע־שטעלט און גענומען פאַרריכטן אַ העמד פאַר יצחקלען.

באַלד האָט זיך די טיר געעפנט, און יצחקל איז אַריינגעקומען.

יצחקל איז אַ ייִנגל פון אַ יאָר פערצן, הויך און דאַר, זיין ווייס פּנים שיינט ברוגזדיק אַרויס פון דער שוואַרצער קאַפּאָטקעלע און פון דעם שוואַרצן היטל.

– גוטן אָוונט, – האָט ער שטיל געזאָגט.

די מוטער האָט אים אָפּגעטרעטן איר אָרט. אין האַרץ האָט זי געפילט, אַז זי דאַרף פאַר איר קינד דורך־אַרץ האָבן, נישט וויסנדיק אַליין פאַרוואָס, און באַלד האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי מיט איר אָרעמקייט זענען פאַר איר יצחקל אַן אומגליק.

ער האָט זיך אַנידערגעזעצט און אַרויסגענומען פון דעם ספרים־שאַפקעלע אַ ספר און אַריינגעקוקט.

די מוטער האָט אַרויסגעדרייט דאָס קנויטל פון לעמפל, אויסגעווישט מיט דעם פאַרטוך דאָס גלעזל און דאָס לעמפל צו אים נענטער צוגערוקט.

— וועסט טרינקען אַ גלאָז טיי, יצחקל? – פרעגט אים די מוטער אין דער שטיל, ווענדיק איר קינד מיט עפּעס דינען.

– ניין, איך האָב ערשט געטרונקען.

– אפשר אַן עפּעלע?

ער האָט געשוויגן.

די מוטער האָט ריין געמאַכט אַ טעלערל, אַרויס־געלייגט אַ פּאָר עפּעלעך מיט אַ מעסער און אַנידער־געשטעלט אויף דעם טיש נעבן אים.

ער האָט זיך בנעימותדיק, ווי אַ גרויסער, אָפּגעשיילט אַן עפּעלע, הויך אַ בְּרָכָה געמאַכט און געגעסן.

ווען יצחקל האָט געגעסן דאָס עפּעלע, האָט טויבע

זיך צו אים מער מאַמעדיקער געפילט און האָט זיך נעענטער צוגערוקט צו אים.

און אָפּשיילנדיק בנעימותדיק דאָס צווייטע עפּעלע, האָט יצחקל נאָך ליבלעכער גערעדט:

– איך האָב היינט מיט דעם דַין געשמועסט וועגן דער נסיעה, דאָ אין היגן בית־המדרש איז נישטאָ וואָס צו טאָן, נישטאָ דאָ ביי וועמען צו לערנען, און וואו צו לער־נען. ער האָט מיר אַן עצה געגעבן נאָך מאַקעווע אין דער ישיבה צו פאָרן, ער וועט מיר מיטגעבן אַ בריוו צו ר׳ חיים, דעם ראש הישיבה, ער זאָל זיך מקָרֵב זיין.

טויבע, הערנדיק, אַז איר יצחקל וויל זי איבערלאָזן, איז זי שטאַרק דערשראָקן געוואָרן, נאָר די ווערטער „דַין", „ראש הַישיבָה", „מקָרב זיין" – די הויכע לָשון־קודֶש ווערטער, וואָס זי האָט נישט פאַרשטאַנען, האָבן געוואָרפן אויף איר עפּעס אַן אימה און זי האָט געפילט, אַז זי דאַרף דרך־ארץ האָבן... באַלד האָבן זי די ווערטער באַרויקט: יצחקל האַלט זיך מיט איר אַן עצה, מיט איר, זיין מאַמע...

– מֵילָא, אַז דער דַין הייסט, – האָט זי אָפּגעענטפערט מיט אַ פרומע מינע.

– יאָ, – זאָגט ווייטער יצחקל, – דאָרט לערנט מען „שעור" מיט אַלע מפרשים. ר׳ חיים, דער מחבר פון „אור תורה", איז אַ למדן מופלג, דאָרט קאָן מען אויסוואַקסן אַ לייט.

די ווערטער האָבן זי אינגאַנצן באַרויקט, זי האָט זיך געפילט עפּעס גליקלעך, עפּעס דערהויבט. דאָס איז איר קינד, — זי איז די מאַמע פון אַזאַ קינד, און ווען נישט זי, וואָלט דאָך יצחקל נישט געוועזן... נאָר דאָס האַרץ האָט איר געריסן, און זי איז טרויעריק געוואָרן...

דערנאָך האָט זי זיך דערמאָנט אָן איר מאַן און איז אַרויס מיט אַ געוויין:

— וואָלט ער כאָטש געלעבט, וואָלט ער כאָטש דעם נחת דערלעבט, — האָט זי געזיפצט.

יצחקל האָט אין ספר אַריינגעקוקט.

דאָס, וואָס יצחקל קלויבט זיך אָוועקפאָרן, האָט זי ביינאַכט נישט געלאָזט שלאָפן, דאָס האַרץ האָט איר געריסן.

און ביינאַכט, ליגנדיק אויף איר געלעגער, האָט זיך איר געחלומט, ווי עפּעס גרויסע רבנים מיט טיפע שטריימלעך און לאַנגע פּאות קומען אָן און נעמען פון איר איר יצחקל אַוועק. איר יצחקל טראָגט אויך אַ שטריימל מיט לאַנגע פאות און האַלט אַ גראָב ספר אין האַנט, און ער גייט ווייט אַוועק מיט די רבנים. זי שטייט און קוקט נאָך און זי ווייסט אַליין נישט, אויב זי זאָל זיך פרייען, אָדער וויינען גאָר...

אינדערפרי האָט זי זיך שפּעט אויפגעכאַפּט, יצחקל איז שוין נישט געווען. זי האָט אויף גיך די קינדער אָפּגעפּאַרטיקט און געאיילט זיך אין מאַרק אַריין, און זיצנדיק ביי איר שטעל האָט זי זיך פאַרקלערט, און עס האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי זיצט ביי איר זון; ער איז אַ רב אין אַ גרויסער שטאָט. אָט זיצט ער אָנגעטאָן אין שיך און זאָקן, אַ גרויס שטריימל אויף דעם קאָפּ און האַלט אַ גראָב ספר אין דער האַנט און קוקט אַריין. זי זיצט ביי זיין רעכטע האַנט און שטריקט אַ זאָק. די טיר עפנט זיך, ער קומט אַריין יענטע מיט אַ טעלערל אין דער האַנט פרעגן איר זון אַ שאלה.

אַ קונה האָט זי אויפגעוועקט פון אירע זיסע געדאַנקען.

גאַנצע נעכט איז טויבע געזעסן ביי דעם טישל און ביי דער שיין פון דעם קליינעם פאַררויכערטן לעמפּל האט זי צורעכט געמאַכט די העמדער פאַר יצחקלען אין וועג אריין; ביי יעדן שטאָך האט זי געקלערט, אַז זי נייט עס פאַר יצחקלען, ער וועט אָוועקפאָרן אין דער ישיבה אריין, זיצן און לערנען און אַלע פרייטאג אנטאן אַ העמד, וואס די מאַמע האט פאַר אים צורעכט געמאַכט.

יצחקל איז שטענדיק געזעסן אויף דער צווייטער זייט טיש און האט אין אַ ספרל אריינגעקוקט. די מוטער האט אים געוואָלט עפּעס זאגן, נאר זי האט נישט געוואוסט וואס...

---

טויבע מיט יצחקלען זענען פאַרטאג אויפגעשטאַנען.

יצחקל האט געקושט די ברידערלעך אין שלאף. די פאַרשלאָפענע שוועסטערלעך האט ער געזאגט בלויז: „בלייבט געזונט". איין שוועסטערל, גאָלדע, האט זיך אויפגעכאַפּט און אנגעהויבן צו וויינען, אַז זי וויל אויך מיטגיין באַגלייטן דעם ברודער. די מוטער האט זי אין דער שטיל איינגענומען, און טראָגנדיק יצחקלס קעסטל זענען זיי ביידע פון דער שטוב אַרויס.

די גאַס איז נאָך געשלאָפן, די לאָדן זענען נאָך געווען פאַרמאַכט, פון אונטער דעם שפּיץ פון דער קירכע האָט דער מאָרגנשטערן אַפּירגעשיינט און קאַלט באַגילדעט די קאַלטע פרימאָרגנדיקע ראָסע, וואס איז געלעגן איבער די דעכער; און איבער דעם שטעטל און גאַס האט געהערט אַ שטילקייט. – נאר אין מיטן מאַרק איז אַ

פויערשע פור געשטאַנען מיט אויבס, אַרום די פור־ווייבער,
און פונדערווייטן האט זיך געהערט יענטעס קול:
— פינף גילדן מיט צען גראשן, דאס גאַנצע אויבס
נעם זיך.

און טויבע, נאכטראַגנדיק יצחקלען דאס קעסטל, איז דורכגעגאַנגען דעם מאַרק און דערזעענדיק יענטען, האט זי אויף איר געקוקט מיט שטאַלץ...

זיי זענען אַרויס אונטער דעם שטעטל, אויף דעם וועג, און אָפּגעוואַרט אַ געלעגנהייט נאָך לענטשיץ, אַז פון דאָרט זאָל יצחל ווייטער פאָרן קיין קוטנע.

דער הימל איז געווען גרוי און קאַלט. דאָרט ווייט האָט ער זיך אויסגעמישט מיט דעם רויכערדיקן טוי־וואָלקן, וואָס האָט פון די פעלדער אויפן הימל אויפגעשטייגט, אָדער פון הימל אויף די פעלדער אַראָפּגענידערט און האָבן זיך איינעם צוזאַמענגעגאָסן... און דער וועג האָט שטיל־שווייגנד ווייט זיך אַוועקגעצויגן.

זיי האָבן זיך ביידע ביים שלאַבאַן אַנידערגעשטעלט און געוואַרט אויף אַ געלעגנהייט.

און די מוטער האָט אַרויסגעקראַצט אַ פּאָר פּערציקערס פון דער קעשענע און אים איינגעבונדן אין העמד, אויפן האַרץ.

באַלד איז אַ פור דורכגעפאָרן פול מיט פאַרשוינען. זי האָט פאַר יצחקלען אויסגעדונגען אַן אָרט פאַר פערציק גראָשן, און האָט דאָס קעסטל אויף דעם וואָגן אַרויפגעלייגט.

— פאַר געזונטערהייט! פאַרגעס נישט אָן דער מאַמען! — האָט זי וויינענדיק אויסגערעדט.

יצחקל האָט געשוויגן.

זי האָט געוואָלט איר קינד קושן, נאָר זי האָט געוואוסט,

אַז דאָס פּאַסט נישט פאַר אַ דערוואַקסן יינגל, און האָט זיך איינגעהאַלטן.

יצחקל איז אַרויף אויף דער פור. די פּאַסאַזשירן האָבן פאַר אים צווישן זיך אַן אָרט געמאַכט.

— בלייב געזונט, מאַמע. — האָט ער געזאָגט, ווען די פור האָט זיך פון אָרט גערירט.

— פאַר געזונטערהייט, מיין קינד! זיץ און לערן דאָרט און פאַרגעס נישט אָן דער מאַמען, — האָט טויבע דער פור נאָכגעשריען.

די פור האָט זיך וואָס אַמאָל דערווייטערט אַרויף אויף דעם באַרג, וואָס האָט זיך געזען פון דערווייטנס.

טויבע איז נאָך אַלץ געשטאַנען און נאָכגעקוקט די פור. ווען די פור איז פון דערווייטן אין קאָרזש פאַרלוירן געוואָרן, האָט זיך טויבע אומגעדרייט און צוריק אין דער שטאָט אַריין.

זי האָט אָנגעלייגט דעם וועג, כּדי עס זאָל איר אויסקומען פאַרבייגיין דעם „בית-עולם”.

נישט קיין הויכער פּאַרקן פון ברעטער האָט דעם בית-עולם אַרומגערינגלט, און די מצבֿות האָבן זיך אַרויסגעוויזן און געקוקט אין הימל אַריין.

זי איז צוגעגאַנגען און אַרויפגעקלעטערט אַביסל אויף דעם פּאַרקן און האָט אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ אין „פעלד” אַריין, און זי האָט צווישן מצבֿות עפּעס מיט די אויגן געזוכט, און אַז זי האָט דערזען אַ באַקאַנטע קליינע מצבֿה, האָט זי מיט דעם קאָפּ אַהין געשאָקלט:

— ברוך, ברוך! דיין זון יצחקל איז אין דער ישיבֿה געפאָרן תּורה לערנען.

באַלד אָבער האָט זי זיך דערמאָנט אָן דעם מאַרק. יענטע האָט אודאי דאָס גאַנצע אויבס אָפּגעקויפט! פאַר איר וועט גאָרנישט איבערבלייבן, און זי האָט זיך אין שטאָט געאיילט.

זי איז גיכער געגאַנגען, און זייער צופרידן מיט זיך געווען. עפּעס האָט זי געפילט, אַז זי האָט אַ גרויסע זאַך געטאָן, און טראַכטנדיק דאָס, האָט זי פאַרגעסן אָן דעם עגמת־נפש פון דעם, וואָס יענטע האָט דאָס גאַנצע אויבס אָפּגעקויפט.

---

אין צוויי וואָכן אַרום האָט זי פון יצחקלען אַ בריוו־לע באַקומען. אַליין לייענען קאָן זי נישט, איז זי אַוועקגע־גאַנגען מיט דעם בריוול צו ר׳ יוחנן מלמד, ער זאָל עס איר איבערלייענען.

ר׳ יוחנן האָט די ברילן אָנגעטאָן, גוט אָפּגעהוסט און האָט אָנגעהויבן פון בריוול אַרויסצולעזן:

„לאמי אהובתי הצנועה..."

– וואָס איז דער טייטש? — האָט טויבע געפרעגט.

– אַ טיטל איז דאָס צו דער מוטער, זאָגט ר׳ יוחנן און לייענט ווייטער.

טויבעס געזיכט איז ליכטיקער געוואָרן. זי האָט גענו־מעז איר פאַרטוך צו די אויגן און אָנגעהויבן וויינען.

ר׳ יוחנן האָט דאָס באַמערקט און געלייענט ווייטער לשון־קודש־ווערטער.

– וואָס איז דער טייטש? דער טייטש? – פרעגט אַלץ די ייִדענע.

– גאָרנישט, נישט פאַר אייך, איר וועט עס נישט פאַרשטיין, עס איז אַ פּשטל.

זי האָט געשוויגן, די לשון־קודשדיקע ווערטער האָבן אויף איר אַ שרעק געוואָרפן, און זי האָט מיט דרך־ארץ אויסגעהערט.

„איך גריס אַמי אהובתי, מיט אחותי, און שרהן און גאָלדען און יעקב, לאָז ער זיך גוט לערנען, איך האָב אַלע טעג... און שלאָף ביי ר׳ חיימען״, – האָט פּלוצים ר׳ יוחנן געלייענט.

טויבע האָט זיך געלאָזט באַנוגענען מיט די פּאָר ווער־טער. זי האָט צוגענומען דעם בריוו, אים געלייגט אין קע־שענע אַריין און געגאַנגען מיט גרויס פרייד אין מארק אַריין.

– אויף דער נאַכט, — האָט זי זיך געטראַכט – וועל איך אַרונטער צום דין, לאָז ער לעזן דאָס בריוול.

אויף דער נאַכט, ווען זי איז אַהיים געקומען, האָט זי אויך גיך מיטאָג אָפּגעקאָכט, געגעבן די קינדער עסן, און געלאָפן צום דין מיטן בריוול.

זי איז אין שטוב אַריין. לאַנגע פּאָליצעס מיט ספרים באַדעקן די ווענט, און אַ ייד מיט אַ ווייסע באָרד זיצט אויבנאָן און קוקט אין אַ ספר אַריין.

– וואָס, אַ שאלה? — פרעגט דער דין פונדערווייטן.

– ניין.

– וואָס דען?

– אַ בריוול פון מיין יצחקלען.

דער דין האָט זיך אויפגעהויבן, צוגעגאַנגען, זי אָנגע־קוקט און האָט צוגענומען פון איר דאָס בריוול, און אָנגע־הויבן לייענען, אין דער שטיל, פאַר זיך.

— וואויל, אויסגעצייכנט, גוט... דער קליינער פאַר־שטייט... — רעדט דער דַין צו זיך.

טויבען גיבן זיך טרערן פון די אויגן...

— וואָלט ער כאָטש געלעבט! וואָלט ער כאָטש געלעבט!

— שחיטת חוץ... רמ"בּם . . . תּוספות איז גערעכט...— רעדט דער דַין ווייטער צו זיך.

„איר יצחקל, טויבע דער מאַרק־יידענעס אַ יינגל", — טראַכט זי מיט שטאָלץ.

— נאַט אייך דאָס בריוול, — זאָגט דער דַין צום סוף — איך האָב עס שוין דורכגעלעזן.

— נו, וואָס? — פרעגט די יידענע.

— וואָס ווילט איר דען?

— וואָס שטייט אין בריוול? — פרעגט די יידענע אין דער שטיל.

— עס איז נישט פאַר אייך, איר וועט עס נישט פאַרשטיין — זאָגט דער דין מיט אַ שמייכל.

---

יצחקל שרייבּט אַהיים בריוולעך, וואָס אַמאָל ווערן די יידישע ווערטער ווינציקער, די לָשון־קוֹדֶש־ווערטער מער, אַמאָל נאָר אַ גערוס צו דער מאַמען, — און זי קומט צו ר' יוחנן; ר' יוחנן לייענט איר דורך די יידישע ווער־טער און זי לאָזט זיך דערמיט באַנוגענען. „די לשון־קודש־ווערטער זענען פאַר דעם דין," טראַכט זי זיך.

אַמאָל קריגט זי אַ בריוול פון יצחקלען.

זי גייט אַריין צו ר' יוחנן, ער זאָל עס דורכלייענען.

ר' יוחנן לייענט עס דורך

— גאָרנישטאָ צו אייך, — זאָגט ער.

– ווי הייסט?
– גאָרנישט, – ענטפערט ער אָפּ קורץ.
– לייענט=זשע מיר כאָטש דאָס, וואָס איז דאָ.
– עס איז דאָך לשון=קודש, תורה, איר וועט דאָך נישט פאַרשטיין.
– וועל איך נישט פאַרשטיין.
– גייט אייך געזונטערהייט און פאַרדרייט מיר נישט דעם קאָפּ.
טויבע איז אַרויס מיט דעם געדאַנק, אויף דער נאַכט צו גיין צום דין.
– רבי, זייט מוחל, פאַרטייטשט מיר דעם בריוו אויף יידיש – זאָגט זי צום דין, אים דעם בריוו איבערגעבנדיק.
דער דין נעמט דעם בריוו און לייענט אים איבער.
– גאָרנישטאָ פאַר אייך! – זאָגט ער איר.
– רבי, – זאָגט טויבע פאַרשעמט – פאַרטייטשט מיר, זייט מוחל, דאָס לשון=קודשדיקע.
– עס איז דאָך תורה, איר וועט נישט פאַרשטיין.
– נו, לייענט כאָטש דעם בריוו אויף לשון=קודש, הויך, הויך, איך זאָל אים הערן.
– איר וועט דאָך אָבער נישט פאַרשטיין, עס איז דאָך לשון=קודש, – שמייכלט דער דין.
– נו, וועל איך נישט פאַרשטיין, – זאָגט די יידענע–עס איז דאָך מיין קינדס תורה, מיין קינדס.
דער דין האָט עפּעס געקלערט, און אָנגעהויבן לייענען הויך.
– שחיטת חוץ שנתערבה בקודש... רמב"ם בהלכות... מ"א...

באלד אָבער קוקט ער אויף די יידענע און דערמאָנט זיך אָן עפּעס: ער זאָגט גאָר תּורה פאַר אַ יידענע.

— נאָט אייך דעם בריוו, עס איז גאָר נישטאָ פאַר אייך. — האָט ער געזאָגט רחמנותדיק און צוריק זיך גע־זעצט אויף זיין אָרט.

— עס איז דאָך מיין קינדס תּורה, מיין יצחקלס בריוו, פאַרוואָס זאָל איך נישט הערן? לאָם איך נישט פאַרשטיין, עס איז דאָך מיין קינד.

---

דערנאָך, ווען טריבע איז אַהיימגעקומען, האָט זי זיך ביים טישל אַנידערגעזעצט, אַראָפּגענומען דאָס לעמפּל פון טשוואָק, און ביי דער שיין פון דעם פאַררויכערטן לעמפּל, האָט זי שטום אויף דעם בריוול געקוקט.

זי האָט דעם בריוו געקושט, נאָר באַלד האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי איז מטמא דעם בריוו מיט אירע ליפּן, זי איז אַ זינדיקע יידענע...

זי האָט זיך אויפגעהויבן, אַרויסגענומען פון ספרים־שאַפעלע דעם מאַנס סידור און צווישן די בלעטער אַריינ־געלייגט דעם בריוו.

מיט ציטערדיקע ליפּן האָט זי געקושט די טאָוולען פון דעם סידור, און עס צוריק אַריינגעשטעלט אין ספרים־שאַפעלע.

# שבת אין וועג

דו זעסט, אַפילו אַ בלאָז פון אַ ווינטל גייט דאָ נישט פאַרלאָרן. נישט אויף קיין שטיינערנע טראָטואַרן פאַלן דאָ די זונען־שטראַלן, נישט אויף שטיינערנע מויערן בלאָזט דאָ דער ווינט פון פרילינג. וואַרף נאָר דיין בליק אַרום: יעדער פון די פרילינג־ווינטעלעך עפנט אַ נייע טיר אין דער ערד, יעדער שטראַל פון דער זון רופט אַרויס צום לעבן נייע גראָז־קעפּלעך פון דער ערד, און דער ווינט באַנייט זיי די טוי־טראָפּן, טרינקען זיי אָן, און גאָטס וועלט שפּראָצט אַרויס. די געשמאַקע ריחות טראָגן זיך אום אין דער לופטן און באַהויכן מיט זייער אָטעם אַלץ, וואָס זיי באַגע־גענען אויפן וועג...

איינזאַם בין איך אין וועג, ווייט פון שטאָט, פון אַ דאָרף, אַרום ציען זיך גרינע זאַפטיקע בייטן. דער פסח איז נאָכנישט לאַנג אַריבער, די געוויקסן האַלטן נאָך ביים פאַנאַנדערשפּראָצן. דיינע אויגן ווערן נאָכנישט פאַר־בלענדעט פון קיין צייטיקער פרוכט, — ניין, אַלץ האַלט נאָך דערווייל אין איין שפּראָצן...

די ערד איז נאָך שוואַרץ דאָ און דאָרט, קליינע גרינע קעפּלעך עפענען זייערע קליינע מיילעכלעך, קליינע

בלימלעך קוקן ארויס, ווי קינדערשע אייגלעך, מיט התפעלות, פרייען זיך און לאכן.

און אלץ וואקסט אויף די אויגן, וואקסט און בליט פאנאנדער. און אויבן איבער דעם אלעם, שפרייט זיך א ברייטער און א פריילעכער הימל, און ארום איז קיינער נישטא, אויסער דיר איינעם; איינזאם ביסטו, דיין פעקל אויף די פלייצעס, דער שטאק אין דער האנט, און דו גייסט ווייט-ווייט, און עס דאכט זיך דיר, אז קיין וועלט איז גאר נישטא, נישטא קיין שטאט נישט פאר דיר, נישט הינטער דיר, איינער ביסטו אויף דער וועלט, און דו ביסט דער הערשער איבער אלץ, וואס ארום דיר...

---

הינטערן וואלד שטייט א קליין הייזל, די ווענט פון ברעטער, איבערן צעפוילטן שינדל-דאך הויבט זיך א שווארצער, אן אויסגעקרימטער קוימען. דאס קליינע הייזל שטייט פאר זיך, איינס און אליין, אזוי ווי עס וואלט קיין שייכות נישט געהאט צו דער גאנצער איבעריקער וועלט. עס שטייט, און עס זעט, אלע טאג קומען האלץ-העקער מיט העק אין די הענט, האקן ביימער, און דאס קליין הייזל האלט אין זיך טיף פארבארגן דעם טרויעריקן סוד... פון איין זייט ציט זיך דער וואלד, הויכע צווייגיקע ביימער שטייען, ווי א סך מנינים יידן; אין דער הויך און אין דער ווייט ציען זיך צווייגן איינע נאך די אנדערע, און פאר-שווינדן טיף אינם וואלד אריין. דארט, אין טיפן וואלד, איז געוויס פאראן עפעס אזוינס. פון מיטן וואלד קומט געשווינד צולויפן א קוועלעכל און לויפט ווייטער, און איילט זיך, אזוי ווי אימיצער אין טיפן וואלד האט אים שלעכט:

געטאָן, און ער לויפט צו קלאָגן זיך פאַר דעם מוטער־טייך, אַרײַנצופאַלן אין אירע מוטערלעכע אָרעמס. ווייט לינקס, הינטער די פעלדער, זעט זיך נאָך עפעס וואָס, אָבער וואָס דאָס איז — ווייסט איין גאָט.

אויפן בענקל, וואָס פאַרן הייזל, פונקט קעגן וואַלד, זיצט ר׳ בנימין. פון אונטער זיין וועסטל זעען זיך אַרויס לאַנגע ציצית, ער רויכערט אַ ליולקע און קוקט אין דער וועלט אַריין. ער דערזעט מיך נאָך פון דערווייטן, און ווינקט צו מיר מיטן פינגער. „זייט מוחל, ר׳ פעטער" — פאַרטײַטש איך מיר זיין ווונק, אָבער הערן הער איך גאָר־נישט, — דער שטח איז נאָך צו ווייט.

בנימין דער וואַלד־וועכטער וואוינט שוין דאָ פון לאַנג. דאָס הייזל האָט ער געירשנט נאָך פון זיין עלטער־עלטער־זיידן. עפעס אַ מין „הכנסת אורחים" האָט גאָט באַשאַפן דאָס הייזל אין מיטן וועג, אַ ייד זאָל האָבן וואו אַרײַנצו־גיין. אַ פולע שיסל זויער־מילך, אַ שטיק שוואַרצע ברויט,— דאָס באַקומט יעדער אומזיסט, קיין געלט וויל בנימין פאַר אַזעלכע זאַכן נישט נעמען. „אַז איך פיר עס אַרויס אין מאַרק, איז עס סחורה,—זאָגט בנימין,—אָבער כל־זמן דאָס איז נאָך אין דער היים, איז דאָס אַ „שטוב־זאַך", און פאַר שטוב־זאַכן נעמט מען קיין געלט נישט".

ער איז אויפגעשטאַנען און איז געגאַנגען מיר אַנ־טקעגן. ער שאָקלט מיר פון ווייטן מיטן קאָפּ,—ער מיינט, איך זאָל אָפּענטפערן.

— פון וואַנען גייט אַ ייד?

— אודאי פון סטשעלעץ קיין גאָסטינין, אָנצוקומען אויף שבת, — פרוווט ער טרעפן.

— האַסט שוין פאַרשפּעטיקט, — זאָגט ער און מאַכט

מיט דער האַנט, — די זון גייט שוין אונטער. — און ווייזט מיט דער האַנט אויפן רויטן הימל, וואָס הינטערן וואַלד.

נישט קלערנדיק קיין סך, פאַרקירעווע איך זיך אויף דער סטעזשקע, וואָס פירט צו זיין הייזל.

— דער לוח שרייבט, — זאָגט ער מיר דערווייל — אַז זיבן אַ זייגער בענטשט מען ליכט. עס איז שוין נאָך פינף.

זיינע טאַטעס האָבן געציילט די טעג נאָך די שייטלעך האָלץ, וואָס זיי פלעגן אַלע טאָג צוגעבן הינטערן הרובע. און דאָס ווערטער פלעגן זיי פאַרזאָגן נאָך דעם אויסזען פון הימל. אָבער בנימין ווייס דאָס אַלץ שוין פון לוח.

מיר קומען אונטער צום הייזל. אויפן שוועל שטייט אַ הויכע יידענע, אויפן קאָפּ טראָגט זי אַ ווייסע פאַטשיילקע און קוקט אויף איר מאַן, אַזוי ווי זי וואָלט אים עפּעס ווילן פרעגן. הינטער איר פאַרטוך באַהאַלטן זיך צוויי קליינע מיידעלעך, קוקן אַרויס מיט זייערע אָפּגעברענטע פנימלעך, זייערע האָר האַלב־רויטלעך, האַלב געלבלעך זענען צעשויבערט. זיי קוקן אויף מיר מיט אַ קינדערשן שמייכל.

— טויבע, מיר האָבן אַן אורח אויף שבת.

איך גיב אַ שאָקל צו דער יידענע מיטן קאָפּ. מיין שאָקל דאַרף באַדייטן: „גוט־מאָרגן", „גוטנ־אָוונט", — די יידענע שטייט, ווייסט נישט וואָס צו טאָן. אָבער פּלוצלינג גיט זי זיך אַ קער און גייט אַריין אין הייזל.

— אַמאָל, אַז מען האָט געהאַקט דעם אַלטן וואַלד, האָבן דאָ געוואוינט שאָפּאַרעס, און עס איז געווען אַ קאַנטאָר, איז דאָ געווען אַ מנין, און אַ ספר תורה איז געווען, — דערציילט מיר ר' בנימין.

מען פירט מיך אַריין אין שטוב. דאָס ערשטע, וואָס מיין בליק קאָן אונטערשיידן, איז—מילך־קריג, וואָס שטייען

אויסגעשטעלטע אויף צוויי מילכיקע בענק. אין שטיבל איז קאַלטלעך. אויף די פענסטער שטייען פולע טעפּ מיט זויער-מילך, און אַ פעטער גערוך טראָגט זיך איבערן גאַנצן הייזל.

באַלד קומט אַריין אַ הויך מיידל מיט צוויי שוואַרצע צעפּ אויפן קאָפּ. פון אונטער דעם רויטן קליידל זעען זיך די באָרוויסע פיס. אויף דעם רויט-געוואָרענעם געזיכט אירן שוועבט אַ שמעדיקער שמייכל. זי טראָגט אַריין אַ פולן קאָרב אייער. ווי זי דערזעט מיך, גייט זי שנעל אַריין אין צווייטן קאַמער.

דאָס מיידל שעמט זיך. יעדעס מאָל, ווען זי גייט נאָר דורך דאָס שטיבל, הויבן זיך אָן אירע באַקן צו רויטלען און זי לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ. איך האָב איר נישט געוואָלט שטערן, בין איך אַוועק זיך אָרומוואַשן לכבוד שבת.

---

דאָס הויז איז אויפגעראַמט און ריין. עס ברענען צוויי ליכט אין צוויי באַגילטע, אויסגערייניקטע לייכטער. דער טיש איז צוגעדעקט מיט אַ ווייסן טישטוך. אַרום איז שטיל, די חלות זענען צוגעדעקט מיט אַ קליין ווייס טישטוכל, דער רויטער ווייִן בלישטשעט אין קלאָרן פלעשל, און די כּוסות שטייען אַרום. אויף אַלץ רוט דער גייסט פון שבת. דער טאַטע, אַן אויסגעוואַשענער און אַ ריינער, שטייט ביים טיש אויבנאָן אין דער שבתדיקער קאַפּאָטע און זאָגט אויפן קול „לכו נרננה" פון אַ סידור. די מאַמע, אויך אַן אָרומגעוואַשענע, מיט אַ ווייסן שבתדיקן שלייער אויפן קאָפּ, זיצט און קוקט אין אַ תחינה. די מיידלעך אין בלויע קליידלעך מיט ווייסע פאַרטוכלעך זיצן שטיל און

הערן זיך איין אין טאַטנס דאַווענען. און די עלטערע טאָכטער, פייגעלע, מיט די צוויי לאַנגע שוואַרצע צעפּ, זיצט אויך ביים טיש. זי שעמט זיך שוין נישט. דאָס געזיכט רויטלט זיך. זי איז פאַרטראַכט. די אויגן בלישטשען, און צוויי ברעמען ווי בויגנס וואַכן און היטן די אויגן, וואָס קוקן זיך צו אַלץ צו און שווייגן, די צוויי רויטע זאַפטיקע ליפּן ליגן האַרט איינע נעבן די אַנדערע, און פייגעלע זיצט און טראַכט עפּעס...

עס איז אַזוי שטיל, שבתדיק. דעם טאַטנס קול נאָר צעשפּרייט זיך איבערן גאַנצן הייזל. אַלע זיצן און האָרכן.

איך שטיי נעבן פענסטער. דאָס פענסטער איז אָפן, דער אַלטער וואַלד שלאָפט שוין לאַנג, איינגעהילט אויף העלפט אין נעבל. פון עק הימל זעט זיך נאָך אַ רויטער בלאַסק, די זון גייט אונטער, זי פאַרשווינדט האַרט ערגעץ טיף אין וואַלד. און דער אַלטער וואַלד שטייט און הערט זיך איין אין ר' בנימינס קול, וואָס איז מקבל שבת, הערט, טראַכט עפּעס און שווייגט...

און ר' בנימין דאַוונט אַלץ העכער. נישט מיט לעבע־דיקער שמחה איז ר' בנימין מקבל־שבת, — עס איז ספירה־צייט, דער ייד איז איצט פאַרטרויערט, דער „לכה דודי" איז אויך אַ טרויעריקער. מיט אַ פאַרטרויערטער שטילער שמחה נעמט ר' בנימין אויף דעם שבת.

אַלץ אַרום איז גרייט, און וואַרט נאָר אויפן שבת, און אָט באַלד, באַלד וועט ער קומען פון טיפן וואַלד, וועט קומען און וועט זיך אויף אַלץ צעשפּרייטן.

אַלץ אַרום שטייט און וואַרט און האָרכט ר' בנימינען. דער אַלטער וואַלד וויל אויך מקבל־שבת זיין. ער בעבקט

נאָכן שבת און וויל לדיבן דעם אלמעכטיקן, אָבער די בײמער זענען שטומע.. און ר׳ בנימין איז דאָס זייער שליח-ציבור, ער זאָגט פאַר זײ, און זײ האָרכן. און אָט קומט צו גײן דער שבת און צעשפּרייט זיך איבער דער גאַנצער געגנט.

אַלץ שווייגט און איז פול רו. דורכן פענסטער קומט אַרײַן דער שבת, די ליכט ברענען, די חלות זענען צוגעדעקט. אַרום טיש מיטן ווייסן טישטוך זיצן אַלע אין שבתדיקע קליידער און דער טאַטע גייט אַרויס אַנטקעגן און זינגט:

שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם, עֲלֵיכֶם שָׁלוֹם!

---

די נאַכט פון שבת. די ליכט גייט אויס, די לאָמפּ ברענט נאָך העל, די מיידלעך זיצן אַרום טיש, האַלב זיצנדיק און האַלב אָנגעלענטערהייט, די קעפּלעך אויף די הענטלעך, און זײ שלאָפן. די מאַמע זיצט בײ אַ ווינקל פון טיש, קוקט אויף די גוססנדע ליכט און האָרכט. דער טאַטע זיצט אויבנאָן, אָנגעלענט אויפן שטול, מיט אַ יאַרמולקע אויפן קאָפּ, ער קייקט געקאָכטע באָב און האָרכט אויך. די עלטערע טאָכטער, פייגעלע, לייענט עפּעס אַ מעשה-ביכל פאַרן לאָמפּ.

שטיל און רויק לייענט דאָס מיידל עפּעס אַ מעשה, וואָס איז פאַרלאָפן מיט אַ גרויסן צדיק, וואָס האָט זייער אָפּגעהיט דעם שבת, און אַלע פרייטאג נאָך מיטאָג פלעגט ער שוין נישט אַרויסגײן פון שטוב. און דער צדיק האָט אַמאָל פאַרבלאָנדזשעט. עס איז געווען אַ ווינטער-טאָג, דאָנערשטאָג. דער צדיק איז אַוועק אין אַ דערבײאיקן דאָרף אויף אַ ברית, מל צו זײן אַ קינד. אַז ער איז גע=

גאַנגען צוריק, איז אַרויסגעפאַלן אַ גרויסער שניי און האָט פאַרטראָגן דעם וועג. דער צדיק פאַרבלאָנדזשעט און האָט געמוזט נעכטיקן אין וואַלד. אויף מאָרגן, פרייטאָג, איז דער צדיק אין גרויס צער און איז מתפלל צו גאָט, ער זאָל אים נישט דערלאָזן מחלל־שבת צו זיין. פלוצלינג הערט ער פון ערגעץ אַ זייגער שלאָגט צוועלף. דער צדיק שטעלט זיך אָפּ אונטער אַ בוים — ער וויל ווייטער נישט גיין — עס איז שוין שבת. ער גיט אַ קוק, - ערשט ער שטייט פאַר אַ גרויסן פּאַלאַץ. דער צדיק גייט אַריין אין פּאַלאַץ, זעט ער אינעווייניק שטייט אַ טיש, צוגעדעקט מיט אַ ווייסן טישטוך, און ביים טיש זיצט אַ גרייז־גרויער מאַן מיט אַ לאַנגער ווייסער באָרד, אין האַנט האַלט ער אַ זילבערנע טאַ־באַק־פושקע און לערנט. ער גייט אונטער: „שלום־עליכם" עליכם־שלום! - אַ ייד האָט פאַרבלאָנדזשעט, וועסטו ביי אונדז האַלטן שבת...

איך שטיי ביים פענסטער. שטיל. דער וואַלד שלאָפט. די ביימער שטייען שטיל און האָרכן אויך די מעשה, וואָס פייגעלע לייענט, אָבער טיף אין וואַלד רוישט עפּעס. . . די שטערן ווינקען עפּעס פון הימל מיט אַזויפיל חן. אַלץ רוט, אַלץ איז שבתדיק.

און עס דאַכט זיך מיר, אַז איך בין עס דער צדיק פון פייגעלעס מעשה, וואָס האָט אויך שבת פאַרבלאָנדזשעט אין גן־עדן התחתון. . .

## אויף דעם וועג קיין שעמענעץ

אין דער וועג ציט זיך, און ערגעץ ווייט ווערט ער פארבלאנדזשעט צווישן די פעלדער, אונטער א בארג. און דער הימל שמייכלט אראפ צו די פעלדער, און די פעלדער — ארויף, און אלץ איז אזוי רויק, אזוי זיכער ביי זיך, אזוי פעסט; אלץ ארום איז אזוי קלאר, אלץ איז איינגעווארצלט זיכער מיט א פעסטן יסוד אין דער ערד, נאר איך אליין בלאנדזשע ארום, צווישן הימל און ערד, צווישן אלערליי גאטס באשעפענישן. און די שאסיי-שטיינער רעכטס און לינקס, די שטיינער מיט די נומערן, זאגן מיר, אז אוועק פון אלעם, אויסרייסן זיך, אנטלויפן פון דער חברה איז נישט אזוי לייכט. . . אומעטום מענטשן, אומעטום זייער ארבעט, זייערע הענט.

נאך גוט, טראכט איך, וואס זייערע הענט קאנען צום הימל נישט דערגרייכן, זיי וואלטן אים אויך אפמעסטן אויף וויארסטן און מיילן... מיט דער צייט וואלט זיך א גרויסע אקציען-געזעלשאפט געמאכט און וואלט באקומען א מאנאפאל צו עקספלואטירן די זון, די לבנה, די שטערן... און

מיליאָנען „טשינאָווניקעס" וואָלטן געווען און מיליאָנען „שלאָבענס"...

עס שלעפערט זיך, דער וועג ציט זיך. און ווייט צווישן הימל און ערד הייבט אָן צו טונקלען, און גאַנצע מחנות אָפּגעריסענע שטיקער וואָלקן ציען זיך ארויס און פליסן און טוקען זיך, און גיסן זיך צוזאַמען, און רייסן זיך איבער. און אַנדערע שטיקער הימל פאַרשלייערן זיך, און לייכט און דורכזיכטיק זענען די זילבערנע שלייער; און די שלייער ציען זיך צונויף, באַהעפטן זיך, עס ווערט אַזוי היימלעך, אַזוי פריינטלעך, גלייך מען שפּילט אין באַהעל־טעניש...

און קיין איינציק הייזל זעט מען נישט... אויס! גאָטס וועלט, – נישט קיינעמס נאָר דעם רבונו־של־עולמס, און די טוי־באַדעקטע פעלדער הייבן זיך צו די טוי־באַדעקטע הימלען, און די פייכטע הימלען לאָזן זיך אַראָפּ צו דער ערד און עס ווערט איין וועלט, ווי איין גאָטס... און די איינגעוואַקסענע גרעזלעך אין דער ערד באַוועגן זיך שטיל, זיכער, ווי עפּעס אַ קינד, וואָס וויגט זיך אין דער מאַמעס שויס, שפּילנדיק זיך פאַרגעניגנדיק.

און ווען איך זע דאָס אַלץ, פאַרשעם איך מיך פאַר זיך אַליין, פאַרוואָס איך אַליין בין העכער פון די אַלע גרעזער, וואָס וואַקסן אַרום. אַלץ איז איינגעוואַקסן, איינ־געוואָרצלט אין דער ערד, נאָר איך אַליין קריך אַרום, עפּעס אַזוי ווי איך וואָלט מיך פון דער ערד אָפּגעריסן, אין דער וועלט זיך געלאָזט. איך האָב מיין מאַמען פאַרלאָזט, מיין טאַטן אוועקגעוואָרפן און ווי אַ יתום דריי איך מיך אַליין אַרום, זוכנדיק ערגעץ אַ מקום־מנוחה... עפּעס זעט דאָס אויס חוצפּהדיק, פאַרלאָזט איז עס... און דאָרט אין מיטן

פעלד, הינטן, אין אַ טאָל, שטייגט אַ ביימל אַרויס און גלאָצט אויך אין דער וועלט אַריין. דאַכט זיך, עס פילט אויך דאָס זעלבע: העכער געוואַקסן פון אַלע גרעזער... דער גרעסטער פון אַלע... אַ שיין פּנים האָט דאָס!...

---

און די שטיקלעך אָפּגעריסענע וואָלקן האָבן זיך צו־זאַמענבאַהעפט איינס מיט דעם צווייטן, און עס שוועבט שוין אַ לייכטער פאַנסער איבער דעם הימל: טייל ערטער איז דער פאַנסער דורכגעריסן און פון די אויפגעריסענע ערטער גלאַנצט עפּעס, ווי באַשטויבטע ליכט אַזוי ווייך, און פאַרהילט אַזוי קורשנדיק די לייכטע רייזנדיקע וואָלקן.

אַ רעגן וועט זיין!

דאַכט זיך, עס פרייט מיך! אַליין בין איך אויפן וועג, ווי דאָס גרעזעלע וועל איך זיין, נישט האָבנדיק פאַר דעם רעגן זיך וואו צו באַשיצן.

אַ שטילע ליבע אימה הערשט איבער אַלעם. די גרע־זער בייגן איין די קעפּ, רוימען אין דער שטיל איינס צום אַנדערן: „אַ רעגן וועט זיין!" דער לאַנגער וועג, וואָס ציט זיך דאָרט, דאַכט זיך, גרייט זיך אָן צום רעגן: „וואָס קאָן איך טאָן", — וואָלט ער זאָגן. פון ערגעץ ווייט קומט אַ פויגל אָן צו פליען און פליט מיט רעש דורך, אָנזאָגנדיק: אַ רעגן וועט זיין! און דאָרט אין פעלד שאָקלט זיך דער בוים, די צווייגן רוישן מיט אימה..

און די פעלדער ציען זיך, גלאָצן אין הימל אַריין: הקדוש־ברוך־הוא, מיר זענען גרייט אָנצונעמען דיין גוטס, וואָס דו שיקסט אונז!

איך גיי אויף דעם וועג.

דאָרט ווייט דערהויבט א ווינט דעם שטויב, א גע־דיכטער קארוש ווערט. פון אונטער א טאָל קומען צוויי פערד אַרויף, שלעפנדיק זיך. מען זעט, ווי זיי שטרעקן די העלזער אויס, אַרויפשלעפנדיק זיך באַרג־אַרויף. דערנאָך ווייזט זיך א פויער מיט א בייטש אין האַנט.

אָט ווייזט זיך א דעכל.

דאָרט אין טאָל שטייט א הייזל, און עפּעס ווי פאַר־שעמט באַהאַלט עס זיך אין די געדיכטע צווייגן און פּילע בלעטער פון דיביימער, וואָס שטייען אַרום. און דאָס הייזל, ווי איינגעטונקט צווישן די גרינע בלעטער, זעט אויס פונדערווייטנס, ווי עס וואָלט פון דער הוילער ערד אַרויסגעוואַקסן.

א קליין שמאָל וועגל פּירט פון דעם וועג אַראָפּ און פאַרשלענגלט זיך אויף די פעלדער. עס פּירט צום הייזל צו.

עס הויבט אָן לייכט צו טריפן. די ערד זאַפּט איין די טראָפּן.

עס טריפט און די טראָפּן בלייבן הענגען אויפן גראָז, ווי גרויסע טרערן... און פאַרוואָלקנט איז דער הימל נאָר פון איין זייט; אויף דער צווייטער זייט שמייכלט די זון מיט א גוט געלעכטערל... עס הייסט: זעט, וואָס זיי ליבער נאָמעז קען!

איך נעם מיך אַראָפּ אין א זייט, צום באַהאַלטן הייזל צו. עס לויפט א הונט און קומט מיר פריינטלעך אַנטקעגן, לאָזט מיך דורך און באַגלייט מיך נאָך צוריק צו דער טיר.

א פויעריש הייזל, נידעריק, אָבער זױבער ליגט דער באַלקן אויף פיר אָפּגעווייסטע ווענט. הייליקע בילדער

אַרום. אונטער איינעם אין אַ ווינקעלע, לייכט אַ לעמפּל, אַ קליינס, דער שוואַכער שיין פון לעמפּל צעפּליסט זיך אַזוי ווייך אין דער טונקלקייט פון שטוב, מישט זיך אויס מיט די לייכטע באַוועגלעכע שאָטנס. ביים קוימען זיצט די פּויערטע און צינדט אונטער צוויי העלצלעך... קליינע, קליינע יינגלעך מיט אָפּגעבּרענטע פּנימער און פלאַכע העלע פלאַקסענע האָר רינגלען מיך אַרום און באַקוקן מיך פאַרוואונדערט; אין צווייטן עק ביי אַ וויגל שטייט נאָך איינס מיט אַ גרויסן קאָפּ, וואָס וואַקלט זיך אויף אַ דינעם האַלז און קוקט מיך אָן פונוויטנס און שמייכלט. ביי די באָרוועסע פּיס ליגט אַ שוואַרצער קודלאַטער הונט און קוקט אים אין פּנים אַריין און וואַרט אויף אַ באַפעל...

— קאָן איך מיך פאַרהאַלטן דאָ, ביז דער רעגן וועט אַריבער?

די פּויערטע ערלויבט עס מיר פריינטלעך און דערלאַנגט מיר אַ שטול צו זיצן.

פון דרויסן הערט זיך אַ ווייטער דונער... גלייך פורן וואָלטן דורכגעריבן אויף אַ האַרטן וועג.

און אין שטיב איז שטיל געוואָרן און איז דער שטילקייט דערהער איך אַז אַלטע שוואַכע שטימע:

— ברוך אתה ה׳ אלהינו...— אַ ברכה איבערן דונער.

איך קוק מיר אום: אין ווינקעלע, ביים פענסטער, זיצט איינגעהויקערט אַ ייד איבער אַ שניידערשער אַרבעט.

עס ווערט מיר היימלעכער, עס פרייט מיך צו טרעפן באַד אַ ייד אין אַ גוישע שטוב, מען שפּירט זיך עפּעס היימיש.

— שלום עליכם, פעטער!

— עליכם שלום, אַ ייד.

— אודאי געקומען געררשט קויפן! — טרעפט ער.

— ניין, איך גיי נאָר פאַרביי.

— וואוהין ?

— קיין שעמענעץ.

— אַזוי, נאָך שעמענעץ ! איך בין טאַקע אַ שעמענעצער.

און דאָס האָב איך אַליין געוואוסט, מען דערקענט ס׳איז אין אים. צווישן די קנייטשן אויף זיין אַלטן פּנים ליגט שעמענעץ אויסגעגאָסן און שמייכלט.

יעדע קהילה האָט שוין איר שטעמפּל, וואָס זי לייגט אויף אירע איינוואוינער...

דאָס לאַנג־אויסגעצויגענע פּנים, מאָגערע באַקן, די קנייטשן אַרום די אויגן, די קנייטשן אַרום איינגעפאַלענעם מויל, זענען על פּי נוסח שעמענעץ. על פּי נוסח שעמענעץ זענען די שוואַרצע טאַבאַק־צייכנס אונטער דער לאַנגער שפּיציקער נאָז...

— וואָס טוט איר דאָ, ר׳ ייד?—פרעג איך אים, אבי צו פרעגן.

— איר זעט דאָך

— איז אין דער היים קיין אַרבעט נישטאָ?

— וייט מאַדעס, — זיפצט ער. - אַ יינג פון אַל־די־שוואַרצע־יאָר געקומען מיט אַן אַכט־קאַנטיק היטל, אַ „וואַרשעווער שניידער״, זאָגט ער... האָט ער שפּע... און איך אויף דער עלטער מוז אַרומגיין אויף די דערפער... ער נייט נייעס... איך ניי, אַזוי ווי מיין טאַטע האָט מיך געלערנט, און אַזוי ווי מיין טאַטנס טאַטע האָט מיין טאַטן געלערנט... קיין איבער־שפּיצלעך קען איך נישט.

און גלייך ער וויל מיך טרייסטן, גיט ער צו:

— יעדן פרייטאָג קום איך צו מיין אַלטער... אַהיים! באַ... אומעטום גאָטס וועלט און זיינע באַשעפענישן! און ווידער אַרום —זאָגט דער אַלטער נאָך אַ לאַנגן איבערקלערן זיך — ווער דאַנקט און לויבט דאָ גאָט פאַר אַלע זיינע

תבואות, פאַר אַלץ, וואָס ער האָט אונז באַשאַפן, אַז נישט אַ ייד, וואָס פאַרבלאָנדזשעט זיך אַמאָל צו אַ צר?...

דערווייל האָט זיך אויסגעלייטעט, און די זון איז אין פענסטער אַריין.

— נאָך ווייט קיין שענעץ? — פרעג איך.

— אַ וויאָרסט דריי. דער וועג פירט גלייך צו.

איך דאַנק דער בעל־הביתטע, געזעגן מיך. דער אַלטער האָט מיר לאַנג נאָכגעקוקט.

— ערשט מאָנטאָג! — הער איך אונטער מיר זיין זיפץ.

צוריק אויפן וועג! דער הימל איז קלאָר, די וואָלקן ציען זיך ערגעץ אַוועק; די נאַסע פעלדער שמייכלען צום הימל און דאַנקען פאַר דער שפע...

און איבער דעם קלאָרן הימל מיט בלויע פאַרטונקענע וואָלקן בייגט זיך אויס אַ גאָלדענער רעגנבויגן מיט בלויע קאַנטן. „גאָט איז באַרעמהאַרציק, ער האָט זיך דערמאָנט"—זאָגט דער הימל און טריקנט די ערד מיט ליכטיקער ליבשאַפט, ווי אַ מאַמע ווישט אָפּ די בעקלעך פון אַ פאַרוויינט קינד...

אויך דערבאַרעמדיק זענען די פעלדער אַרום... זיי געדענקען פון גאָרנישט און ווייסן פון גאָרנישט...

---

די זון טוקט זיך, אַ לייכטער וואָלקן שוועבט איבערן הימל, אין מערב גיסט זיך אויס אַ גאָלדענער ים מיט צעוואָרפענע בלויע אינזלען. אַ רונדיקע לבנה שניידט זיך אויס פון די וואָלקן און קוקט אַרויס, ווי פון אונטער אַ פאָרהאַנג, און דער וואָלקן באַוועגט זיך לייכט, ווי אַ פאָרהאַנג, און שוועבט איבער דער לבנה...

און וואָס אמאָל מער, ווערט דער רויטער ים ווינציקער, די טונקל־בלויע אינזלען — גרעסער. דער הימל ארום, א ליכטיקער ים, פאַרטונקלט זיך, און דער וואָלקן איבער דער לבנה ווערט שיטערער און לייכטער, און שוועבט אריבער און עס באַווייזט זיך שוין א זילבערנע לבנה.

פונדערווייטן באַווייזן זיך עטלעכע שיטערע ביימער... גלייך זיי הייבן זיך פון ערגעץ ארויס, און זיי מערן זיך — עס ווערט פון זיי א וואַלד. און דער וועג פאַרבלאָנקעט זיך צווישן די ביימער, און עס שווימען ארום אין דער לופט פאַרבלאָנדזשעטע קולות... מענטשלעכע שטימען צוזאַמען מיט א געקוואַקעריי פון פרעש.

א פריערדיש ייִנגל קומט מיר אַנטקעגן מיט א לידל, מיט א ווייך קלינגענדיק לידל, און ער נעמט זיך ערגעץ אראָפּ אין עק זייט און ווערט פאַרשוואונדן, און דאָס לידל וויגט זיך נאָך אין דער לופט.

די ביימער ווערן שיטערער, דאָס שימערן פון די בלעטער הערט א ווײַלע אויף, עפּעס ווי האָרכנדיק שטייט די געגנט. מען רוט זיך אָפּ. פונדערווײַטן הערט מען נאָר דאָס געקוואַקעריי פון פרעש.

און דאָרט וויַיט שטאַרט עפּעס אין דער לופט... עס קומט וואָס אמאָל שאַרפער ארויס, נאָר וואָס — ווייס איך נאָכנישט. א הונט בילט... דערנאָך גייט אַן אויסגעצויגענער „מע״ בלשון רבים. קי גייען אהיים זיך מעלקן. גרויסע געלע פלעקן באַוועגן זיך... מעעע...

א פורערטע מיט א צווייגל גייט נאָך.

צוויי יידן גייען אויפן וועג, האַלטן זעקלעך אויף די פלייצעס, שטעקלעך אין די הענט און גייען.

טונקל ווערט. היימיש איז אַלץ אַזוי ווי ביי דער מאַ־
מען אין דער היים.

אָט שטייט אַ פור פאַר אַ הייזל, אַ קעלבל ליגט אויף
דער פור און שרייט, יינגלעך שטייען פאַרן הייזל און פרייען
זיך מיט די פערד.

די צוויי יידן קומען אָן, שטעלן זיך אָפּ ביי דער פור
און רעדן עפּעס מיט דעם פויער. איינער טאַפּט דאָס קעלבל,
וואָס איז אויף דער פור און דינגט עס. דער פויער האַלט
אַ פּיפּקע אין מויל און לאָזט געדיכטן רויך אַרויס, און
לאַכט.

דער הימל איז שוין טונקל; קליינע שטערן זעען
אויס, ווי ליכטיקע פענסטערלעך אין די שטיבלעך פאַר
מלאכים, די לבנה, ווי אַ גרויס פענסטער אין זיין ליבן
נאָמענס פּאַלאַץ. און גאָר אין עק, וויַיט־ווייט, פאַרזינקט
דאָס לעצטע ביסל רויטקייט און ווערט פאַרטרונקען
אין גאַנצע מחנות פאַרבלאָנדזשעטע טונקל־בלויע
וואָלקן... אָדער ווייס איך וואָס זיי זענען?..

עס באַווייזן זיך שעמענעצער הייזלעך... נידעריקע
הייזלעך, איינס אָפּגערוקט פון צווייטן. פּלאַץ איז ביליק!
ווייבער זיצן אויף די שוועלן פאַר די טירן און שמועסן.
קינדער לויפן אַרום איבערן שטיינערנעם בריקל פון איבערן
אויסגעטריקנטן טייכל פאַר די הייזער. אין מיטן מאַרק
ליגן גרויסע בינד שטרוי; אַוודאי נאָך אַ מאַרק־טאָג. אין
אַ ברייטע „ליק” צווישן צוויי הייזלעך שפּילן זיך חדר־
יינגלעך אין זעלנער.

אַן איינפאַר־הויז. אַ שילד מיט רויטע טראַנספּעראַנט־
אותיות... אַ לעמפּל רוּכערט זיך פון הינטן, אויף אַ
שוועל פון אַ געוועלב שטייט אַ מיידל מיט אויפגעקעמטע

האָר אין אַ ווייס פּאַרטוכל און קוקט אין גאַס אַריין, וואו אַנדערע מיידלעך שפּאַצירן.

סאַמע ווייבער און קינדער — וואו זענען די מענער?

— יתגדל ויתקדש... רייסט זיך פון בית־המדרש אַרויס! דאָרט זענען זיי.

„אָמן, יהא שמיה רבא..." ענטפערט דער עולם מיט אַ רעש.

און טייל ווייבער אויף די שוועלן ווישן זיך די הענט אָן די ווענט און זאָגן: אָמן, יהא שמיה רבא...

שעמענעך דאַוונט!

די נאַכט איז צוגעפאַלן. זיכער און שטיל שטייען די קליינע הייזלעך אַרום מאַרק, זיי זעען מיר אויס, ווי אַלטע ווייבער מיט שטריק־נאָדלען אין די הענט, וואָס האָבן זיך פאַרזאַמלט אין אַ גרויסע שול און וואַרטן, די זאָגערן זאָל קומען, די זאָגערן מיט ברילן אויף דער נאָז, מיטן פעקל תחנות אין דער האַנט...

אָבער אַ לבנה האָט שעמענעך.

טונקל איז דער הימל, מיט די שטערן, ווי מיט ליכ־טיקן מאָן באַשיט, אין מיטן שניידט זיך אויס אַ ריכטיקע לבנה, טאַקע יהושעס פנים, אָן אַן איינציק פגימהלע, די שכינה שיינט אויפן הייליקן פנים... און זי קוקט אַראָפּ, די לבנה, אויף איר ליבע „כנסת ישראל" און שמייכלט צו איר. איר כנסת ישראל דאַוונט.

און הינטער מיר פרעגט אַ יונגע שטימע:

— מעג מען דען קוקן אין דער לבנה אַריין? יאָ, מען מעג?

איך קוק מיך אום. אַ פּאָר גרויסע קינדישע אויגן אין אַ בלאַס דאַר פּנימל.

— יאָ, מען מעג קוקן, יאָ, מען מעג?

און איך טראַכט מיר: די שעמענעצער לבנה איז אפשר דעריבער אַזוי קלאָר, אַזוי הייליק, אַזוי ריין, ווייל קיינער קוקט נישט אויף איר...

# די ירושה

(ערציילונג)

איך ווייס נישט, פאַרוואָס עס איז מיר געקומען אויפן געדאַנק די ייִדענע חיה-לאה מיט איר אַלטן קאַסטן, וועלכע איך געדענק, ווי אין אַ חלום פון מיינע קינדערשע יאָרן. אפשר איז דאָ דערביי עפּעס אַ זין, וואָס לוינט זיך צו דערציילן. זאָל דער לעזער משפּטן. איך מוז זיך אָבער באַפרייען פון דער ערינערונג, וועלכע איז זינט אַ געווּיסע צייט אויפגעשטאַנען אין מיר, ווי אַ לעבעדיקע ערשיינונג און פאָדערט מיך, אַז איך זאָל זי באַשרייבן.

די ייִדענע חיה-לאה איז געווען די מוטער פון אונזער שכן, חיימשע דער פעלשער, וועלכן מען האָט אויך גערופן ביי אונז אין שטעטל מיט דעם פאַר היינט נישט שיינעם נאָמען, חיימשע דער קאַנעמאַכער. נאָר פאַר די דעמאָלסדיקע צייטן, וואָס מען האָט ליב געהאַט אָנצורופן זאַכן ביי די ריכטיקע נעמען, האָט דער נאָמען נישט נאָר נישט אַרויסגערופן קיין שפּאָט, נאָר פאַרקערט, ער איז געווען אַ טיטל, און האָט געקלונגען ווי היינט, למשל, „דאָקטאָר מעדיצין“. און האָט מען באַגעגנט חיימשען גיין איבער דער

גאַס מיט דער גרויסער קאַנע אונטערן אָרעם, אַזוי האָט דאָס גאַנצע שטעטל געוואוסט, אַז ווער פון אירע חשובע בעלי־בתּים האָט זיך איבערגעגעסן און מען דאַרף אים גיין מבקר־חולה זיין.

חיימשע דער קאַנעמאַכער איז געווען אַ שטיק אַלטערטום. פון זיין מעדיצינישער פּראָפעסיע האָט אַראָפּגעווייט דאָס מיטלאַלטער. געהיילט האָט ער מיט דעם אַלטן, אויסגעפּרוווטן מיטל, מיט דער קאַנע, פון אַלע קראַנקהייטן, און אַז די קאַנע האָט נישט געהאָלפן, האָט ער באַנוצט דאָס ראַדיקאַלע מיטל, געהאַקטע באַנקעס, וועלכע ער האָט גענומען נאָך אַ הייסער באָד. נאָר טאָמער, חלילה, איז עס אָנגעקומען צו באַנקעס, איז שוין נישט גוט געווען. האָט מען געזען חיימשען מיט דער טאָרבע באַנקעס אונטערן אָרעם און מיטן וואַקסענעם ליכט אין דער האַנט גיין איבערן געסל, האָט מען זיך שוין פון קראַנקן מיאש געווען, און קרובים זענען געלאָפן אין שול אַריין תּהלים זאָגן. אַ חוץ די צוויי אויסגעפּרוווטע מיטלען — קאַנע און באַנקעס — האָט נאָך חיימשע באַזעסן אַ גאַנצע צאָל פלעשלעך מיט רפואות־וואַסער. צו יעדער חולאת האָט ער געהאַט אַ באַזונדער וואונדער־וואַסער: כאָלערא־וואַסער, חולי־נופל־וואַסער, יום־כּפּור־וואַסער און נאָך אַ סך אַנדערע וואַסערן, וואָס זענען צונויפגעשטעלט געוואָרן לויט אַ געהיימען רעצעפּט, וואָס איז נאָר באַוואוסט געווען אים אַליין.

געזאָגט האָט מען, אַז די אַלע געהיימע רפואות האָט ער איבערגענומען פון זיין אַלטער מוטער, וועלכע איז געווען אין די פריערדיקע יאָרן אַ הייבאַמע, און האָט אָפּגענומען מיט אירע אייגענע הענט די אַלע בכבודע בעלי־בתּים, וועלכע זענען היינט נגידים, דאַזאָרעס, גבאים און

גלאַט שיינע יידן. זי, די אַלטע יידענע, האָט דעם כּבֿוד געהאַט די ערשטע פּעטש צו געבן אויף די געזעסלעך פֿון אַט די אַלע היינטיקע שיינע בעלי־בתּים. נאָר ראָס זאָגן האָט נישט פאַרקלענערט דעם אויטאָריטעט פֿון חיימשען און האָט נישט אָפּגעשוואַכט זיין פּראָפֿעסיאָנעלן רום. פֿאַר־קערט, דאָס האָט צוגעגעבן אַ גלאַנץ זיין רום, און זיין אויטאָריטעט איז באַפֿעסטיקטער געוואָרן.

איך אַליין געדענק שוין נישט די אַלטע חיה־לאה, אַז זי זאָל זיך האָבן באַשעפֿטיקט מיט איר פּראָפֿעסיע. אין מיינע יאָרן איז זי שוין געווען אַן אַלטע, אַלטע יידענע, וועלכע איז געלעגן אַ גאַנצע וואָך אין בעט. נאָר שבת און יום־טובֿ האָט זי דער זון אָנגעטאָן אין אירע אַלטמאָדישע קליידער, מיט דער גרויסער הויבֿ אויפֿן קאָפּ, מיט דעם גלאַנציקן שטערן־טיכל אויפֿן שטערן, מיטן האַרץ־ברעטל, פֿון וועלכן עס האָבן אַראָפּגעשימערט אַ פּאָר צוויי־פֿלהאַפּטע שטיינער אויף גרינעם סאַמעט. און ער האָט זי אַרויסגעזעצט אויפֿן הילצערנעם גאַניקל, און אַלע, וואָס זענען פֿאַרבייגעגאַנגען, האָבן זי בכּבֿודיק געגריסט און געביטן איר „גוט־שבת". ווייל נישט נאָר די עלטסטע יידענע אין שטעטל איז זי גע־ווען, נאָר זי איז אויך געווען די הייבאַמע פֿון אַלע מוטערס און פֿאָטערס פֿון שטעטל, און אַלע האָבן זי גערופֿן „די באָבע". און צווישן די שבתדיקע אַלט־מאָדישע קליידער און צירונג האָט געבלישטשעט אין דער זון אַ גאָלדן שלי־סעלע, וואָס איז אַראָפּגעהאַנגען אויף אַ גאָלדן קייטל פֿון איבער איר האַלז אַראָפּ. און אַז די מענטשן, וואָס זענען פֿאַרבייגעגאַנגען, האָבן געזען דאָס גאָלדן שליסעלע, איז געוואָרן אַ געשושקעריי אין די אויערן, און איינער האָט דעם אַנדערן געוויזן:

— דו זעסט? דו זעסט?

— דאָס גאָלדענע שליסעלע פון קאַסטן.

— ווער ווייסט, וואָס פאַר אַ אוצרות זי האָט דאָרט ליגן אין קאַסטן.

— נאַפּאָלעאָנס מתנה.

— ווערט דאָס חיימל פּאַקן אין אַפּוטיקאַ.

— איך גיב אים שוין מיין שטוב פאַר דער ירושה, מיט מיין קראָם אין אַלטן מאַרק.

— נאָר איינער, יענער ריכט זיך אויף אַן אוצר. אַ קלייניקייט, נאַפּאָלעאָנס מתנה.

אונטער דעם בעט פון דער אַלטער חיה־לאה איז געשטאַנען אַן אַלטער קאַסטן אויף פיר רעדלעך. דער שליסל פון אַלטן קאַסטן איז געווען אַ גאָלדענער און איז געהאַנגען אויף דער יידענעס האַרץ. די יידענע האָט געהיט דעם שליסל, ווי אירע אויגן אין קאָפּ. שטענדיק איז זי געשלאָפן מיט דעם שליסל אונטער איר קישן, און טאָמער האָט זי געהערט עפּעס אַן אומבאַקאַנטן דורכגיין, פלעגט זי זיך באַלד כאַפּן צום שליסל. זי איז שוין געווען בלינד פון אַלטקייט, און ביי איר בעט איז געשטאַנען אַן אַלטער שטעקן מיט אַ ביינערן קעפּל. אַז זי האָט געהערט וועמען דורכגיין, פלעגט זי מיט איר שטעקן אָנקלאַפּן אַן קאַסטן, איבער דער קאַסטן שטייט. מען זאָגט, אַז אין דעם קלאַנג פון קאַסטן האָט זי געהערט, צי ער איז נאָך אומבאַרירט. קיינער האָט נישט געוואוסט וואָס אין דעם קאַסטן געפינט זיך... קיין קינד האָט זי נישט פאַרטרויט דעם שליסל, נישט דעם אינהאַלט פון קאַסטן, נאָר זי פלעגט פון צייט צו צייט לאָזן פאַלן אַ וואָרט, ווען אַן אייניקל איז צו איר גוט געווען:

— מיין קינד, איך האָב פאַר אַלעמען געזאָרגט. קיינעם נישט פאַרגעסן, קיינעם נישט.

— באָבע, פאַרוואָס האָט דער קאַסטן רעדלעך? — האָט זי אַן אייניקל געפרעגט.

— פאַרצייטנס, מיין קינד, — פלעגט זי ענטפערן — האָט מען דאָך מורא געהאַט פאַר איבערפאַלן, פאַר גוים, האָט מען שטענדיק געהאַט שטיין אַ קאַסטן אויף רעדלעך. אין קאַסטן איז געווען באַהאַלטן דאָס ביסל אָרעמקייט, און אַז עס האָט זיך געמאַכט, באַהיט גאָט, אַ בהלה, אַזוי האָט מען זיך איינגעשפּאַנט אין קאַסטן און מ'איז מיט אים אַנטלאָפן. דערום האָט דער קאַסטן רעדלעך.

מען ווייס נישט, ווער האָט עס פאַרשפּרייט, נאָר עס האָט זיך דערהערט אַ קלאַנג אין שטעטל, אַז אין דעם אייזערנעם קאַסטן, אונטער דער יידענעס בעט, געפינט זיך אַן אוצר. עס האָט זיך באַלד געפונען אַן אַלטער ייד אין אירע יאָרן, וואָס האָט זיך דערמאָנט אַ מעשה פון פאַר־צייטנס: ווען נאַפּאָלעאָן איז געווען אין שטעטל, איז זי, חיה־לאה, דאַמאָלסט געווען אַ יונגע פרוי, איז זי גערופן געוואָרן אין הויף צו נאַפּאָלעאָן — און פון דענסטמאָל אָן האָט זי דעם קאַסטן. אַנדערע האָבן דערציילט, אַז דער אוצר נעמט זיך פון אַ רייכער פּריצטע, וועלכע האָט קיין קינדער נישט געהאַט, און דער מאַן האָט זי געוואָלט דערפאַר אָוועקוואַרפן און נעמען אַן אַנדערע, האָט חיה־לאה דער פּריצטע איינגעגעבן צו טרינקען אַזעלכע טראָפּן, פון וועלכע זי איז טראָגנדיק געוואָרן און פאַר דאַנקבאַר־קייט האָט זי איר געשאָנקען אַן אוצר. ביי אַנדערע איז די פאַנטאַזיע געגאַנגען נאָך ווייטער, און מען האָט זיך אין די אויערן געסודעט וועגן אַ געהיימען פאַרברעכן, וואָס די

יידענע איז באַגאַנגען אין אירע יונגע יאָרן, ביי איר פּראָ-פעסיע: אַז זי זאָל האָבן קינדער אומגעביטן, און טיף אין דעם קאַסטן איז איינעם מיט דעם אוצר באַהאַלטן עפּעס אַ טיף געהיימניש. ווי עס זאָל נישט זיין, — אין דעם אוצר האָט קיינער נישט געצווייפלט. און נישט נאָר האָט די יידענע נישט אָפּגעלייקנט וועגן דעם אוצר אין דעם קאַסטן, נאָר זי פלעגט מיט אירע פאַרבאָרגענע, צוויידייטיקע און גאַנץ מיסטישע באַמערקונגען נאָך מער צוגעבן גלויבן צו דער לעגענדע פון קאַסטן. אַזוי פלעגט זי אָפּט דעם זון באַרויקן, ווען ער האָט זיך געקלאָגט פאַר איר, אַז ער דאַרף די טאָכטער חתונה מאַכן:

— מיין קינד, נאָך הונדערט און צוואַנציק יאָר. איך האָב פאַר אַלעמען געזאָרגט, פאַר אַלע מיינע אייניקלעך.

זעלבסטפאַרשטענדלעך האָט חיימשע אויסגעגעבן זיין טאָכטער, און אין דעם נדן האָט ער איינגעשאַצט דעם אַלטן קאַסטן.

— נאָך הונדערט און צוואַנציק יאָר האָט זי דאָך אַ טייל אין דער ירושה, אין קאַסטן, — האָט ער איינגערעדט דעם מחותן.

דער קאַסטן האָט נישט נאָר בלויז חתונה געמאַכט חיימשעס דריי טעכטער, נאָר ער האָט אויך געשאַפן דעם פעלדשער געלט יעדעס מאָל, ווען ער האָט באַדאַרפט. דער קאַסטן איז געוואָרן ווי אַ צויבער-וואָרט פון אַ כשוף-מאַכער. דער פעלדשער האָט נאָר באַדאַרפט דערמאָנען דאָס וואָרט „קאַסטן", און די בייטלען פון די מלוות פון שטעטל האָבן זיך לייכטער געעפנט פאַר אים, ווי פאַר אַנדערע מיט גאָלדענע און זילבערנע משכנות.

באַלד האָט זיך פאַרשפרייט דער שם פון קאַסטן

איבער דער וועלט און ער האָט אויסגעזוכט נאָנטע און ווייטע קרובים און זיי געבראַכט צום ראַנד פון בעט פון דער אַלטער יידענע. צוויי טעכטער, וועלכע האָבן זיך געפונען אין ראַסיי (חתונה געהאַט מיט יידישע סאָלדאַטן, וואָס זענען געשטאַנען אין שטעטל), זענען געקומען אין שטעטל צופאָרן, נעמען די מאַמע צו זיך אהיים.

— וואָס, אַלץ קומט דיר, די גאַנצע מאַמע, מיר זענען נישט קיין קינדער? — האָבן זיי זיך געקריגט מיטן ברודער.

— וואו וועט זיך די מאַמע שלעפן אויף אירע אַלטע יאָר אין ווייטע מדינות?

— טאַקע, מיינע קינדער, ווי קאָן איך מיך שלעפן איבער דער וועלט מיטן קאַסטן? האָט נישט קיין מורא, קינדער, איך האָב פאַר אַלע געזאָרגט. נאָך הונדערט און צוואַנציק יאָר — פאַר אַלע מיינע קינדער, פאַר אַלע מיינע אייניקלעך.

האָבן זיך די טעכטער באַזעצט אין שטעטל אָפּהיטן דעם קאַסטן... יעדע פאַר וואָכן האָט זיך אָן אַנדער משפּחה אויפגעזוכט, און איז געקומען צופאָרן מיט אַ יחוס־בריוו, אַז ער איז דער באָבעס אַן אייניקל, אַ קרוב. דער קאַסטן איז געוואָרן, ווי אַ טייערער שטיין, וואָס נישט נאָר ער צעשיקט זיינע שטראַלן פון זיך, נאָר זאַמלט אַלע אַרויסגעשיקטע שטראַלן און ציט זיי צו זיך צו. אַזוי האָבן זיך אַלע געקליבן און געזאַמלט אַרום דעם קאַסטן און אַלעמען האָט די יידענע באַרויקט און פאַרזיכערט:

— איך האָב קיינעם נישט פאַרזען, מיינע קינדער, איך האָב פאַר אַלעמען געזאָרגט. אַלע זענט עטץ מיינע קינדער, מיינע אייניקלעך.

זעלבסטפאַרשטענדלעך האָט די יידענע געהאַט אַ בכבודע עלטער און אַ ערונג און אַכטונג פון אירע קינדער און אירע אייניקלעך, וואָס נישט איין בעל־הביתטע האָט זי מקנא געווען און געוואונטשן זיך צו האָבן אַזא עלטער, ווי זי האָט. די קינדער, דער זון און די טעכטער, און די אייניקלעך, און גלאַט אַזוי משפחה, וואָס זענען זיך געקו־מען צוזאַמענצוציען פון אומעטום, האָבן איר אַרויסגעוויזן איבערגעטריבענע ליבשאַפט און געטריישאַפט. יעדער איי־נער האָט געוואָלט זיך אויספּיינען אין די בלינדע אויגן פון דער יידענע און צוגעחנפעט זיך צו איר. ווען מען איז געבליבן מיט איר אַליין, האָט מען אַריינגעוואָרפן אַ שלעכט וואָרט אויפן אַנדערן.

— באָבעשי, האָב איך די באָבעשי ליב. איך בעט גאָט טאָג און נאַכט, אַז די באָבעשי זאָל לעבן, זאָל אונז אַלע־מען איבערלעבן – נישט אַזוי ווי יענע – וואָס זאָל איך זאָגן...

— מיין קינד, איך האָב פאַר דיר אויך געזאָרגט, איך האָב קיינעם נישט פאַרזען, נאָך הונדערט און צוואַנ־ציק יאָר, – האָט די באָבע איבערגעריסן יענעמס חניפה.

און נישט נאָר די קינדער, נאָר גלאַט אַזוי פרעמדע, בעל־הבתים פון שטאָט. מען האָט זיך דערמאָנט, אַז זי איז געווען די הייבאַמע און מען איז אַריינגעקומען איר גוט־שבת און גוט־יום־טוב ביטן; האָט מען אין אַ בעל־הביתישער שטוב געקאָכט אַ פריש יאיכל, האָט מען דער „באָבעשי" אַרונטערגעשיקט אַ טעפל, דאָס האַרץ זיך צו דערלאַבן. פון יעדן גוטן קוגל און פון יעדן געראָטענעם פּוטערקוכן האָט די „באָבעשי" געמוזט פאַרזוכן. וואָרים יעדער איינער

אין שטעטל האָט זיך געריכט אויף עפּעס. – „מען קאָן קיינמאָל נישט וויסן, וואָס אַזאַ יידענע האָט אין זינען...״

אַז ס'איז געקומען די צייט, אַז די יידענע זאָל אוועק־גיין פון דער וועלט, האָט זי געלאָזט רופן דעם זון צו זיך, געהייסן אַלעמען אַרויסגיין. און בלייבנדיק מיט דעם זון אַליין, האָט זי אים איבערגעגעבן דאָס גאָלדענע שליסע־לע, און האָט דעם זון באַשוואוירן, אַז ער זאָל ערלעך אויספירן די צוואה, וואָס זי האָט ליגן אין קאַסטן איני־נעם מיט דער ירושה, און יעדן איינטיילן זיין חלק, אַזוי ווי זי האָט פאַרשריבן אין דער צוואה, אויף וואָס דער זון האָט איר מיט טרערן אין די אויגן הייליק געשוואוירן.

אַרום איר בעט זענען ווי ביי אַ גרויסן צדיק געשטאַנען אַלע אירע קינדער און אייניקלעך, די גאַנצע משפחה פון ווייט און נאָענט – און שיינע יידן פון שטעטל האָבן תהלים געזאָגט. מען האָט זי פאַרגליכן מיט שִׁפְרָה און פּוּעָה, די הייבאַמען פון די יידן אין מִצְרַיִם. און אויסגעטייטשט דעם כָּבוֹד, וואָס זי האָט געהאַט ביי איר לעבן, ווייל זי האָט אַזויפיל יידישע קינ־דער געהאָלפן קומען אויף דער וועלט, און די באָבע איז איינ־געשלאָפן מיט אַ זאַנפטן שמייכל אויפן פּנים, ווי די אַלטע גוטסקייט, וואָס האָט זיך איינגעקנעטן אין די קנייטשן פון איר פּנים, וואָלט פאַרשטיינערט געוואָרן אין איר פּנים אויף שטענדיק.

נאָך דער מוטערס טויט האָט דער זון חיימשע צונויפגע־זאַמלט די משפּחה אין דער צווייטער שטוב, און געטריי דער שבועה, וואָס ער האָט דער מוטער געשוואוירן אויפן טויטן־בעט, האָט ער זיי איבערגעגעבן דער מוטערס רייד. צוויי פון דער משפחה האָבן גאַנץ זאַכט און פאָרזיכטיק אַפּירגענומען דעם קאַסטן פון אונטערן בעט און אַריינגעטראָגן אים אין דער

צווייטער שטוב, אַרויפגעשטעלט אים אויפן טיש. מען האָט צוגעמאַכט די לאָדן איבער די פענסטער און אָנגעצונדן די לאָמפּ, כאָטש עס איז נאָך געווען גרויסער טאָג, כּדי קיינער זאָל פון דרויסן נישט אַריינקוקן און זען וואָס אין קאַסטן טוט זיך. נאָר דאָס גאַנצע שטעטל האָט געוואוסט, אַז יעצט עפנט מען דעם קאַסטן און זיי האָבן זיך געדרייט אַרום דעם פעלד־שערס הייזל, אויסגייענדיק פון נייגעריקייט, און פּרוּבירנדיק פּאָרויס צו טרעפן, וואָס אין קאַסטן געפינט זיך. מיט האַרצ־קלאַפּן און ציטערנדיקע הענט האָט דער פעלדשער אַריינגע־שטעקט דאָס גאָלדענע שליסעלע אין שלאָס פון קאַסטן. דער קאַסטן איז געווען אַן אַלטער, און אַרומגעקאָוועט מיט איי־זערנע פּרענטן און צוימען, און דער שלאָס אַן אַלטמאָדישער. בּחנם האָט חיימשע געפּרוּווט דרייען דעם שליסל אין שלאָס. דער שלאָס איז געווען פאַרראָסטעט און נישט געוואָלט אַזוי גיך נאָכלאָזן. דערווייל זענען אַלעמען די הערצער אויסגעגאַנ־גען פאַר נייגעריקייט און ערוואַרטונג. צוויי שטאַרקע יידן פון דער משפּחה, די זעלבע, וואָס האָבן אַריינגעטראָגן דעם קאַסטן, האָבן מיט זייער גאַנצן כּח געדרייט דעם שליסל אין שלאָס, אָבער דער שלאָס האָט נישט געוואָלט נאָכגעבן, בּיז מען האָט אים נישט געגעבן זיך אָנצוטרינקען מיט אַ פלעשע־לע שמיר־אייל. דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן צו כאָרכלען, ווי אַ געקוילעטע הון. בּאַלד האָט עפּעס דאָרט געפּלאַצט און עס האָט פאַנאַנדערגעשפּילט אַ שפּרינג. ענדלעך האָט ער נאָכגע־געבן. עס איז מיטאַמאָל אויפגעשפּרונגען איין שלאָס נאָכן אַנדערן, און די דריי פּרענטן האָבן זיך געעפנט און זענען געבליבן שטיין פאַר דעם אָפענעם קאַסטן.

צוערשט איז געלעגן פון אויבן־אויף אַן אַלטמאָדיש שטיקל בּראָקאַט, וואָס האָט פאַרדעקט דעם אינהאַלט פון

קאַסטן. חיימשע האָט פּאָרזיכטיק אָנגענומען מיט דער האַנט דאָס שטיקל בראָקאַט, און עס האָבן זיך געלאָזט הערן שטי־מעי:

— נישט רירן, נישט רירן!

און פּופּצן קעפּ האָבן זיך אַריבערבויגן איבער דעם אָפענעם קאַסטן.

— זאַכט, זאַכט,—האָט ווער פון דער משפחה געוואָרנט.

חיימשע האָט אָוועקגערוקט דאָס זײַדענע שטיקל בראָ־קאַט, און אַ פייכטע דומפּקייט פון אַלטקייט און פרוכבע האָט זיך געלאָזט הערן פון קאַסטן.

— צוערשט די צוואה לייענען; די צוואה!—האָבן קולות געשריגן.

באַלד האָט חיימשע געפונען די צוואה ליגן פון אויבן־אויף. אויף אַ גרויסן בויגן פּאַפּיר איז געווען אָנגעשריבן מיט אַ ווייבערשע, אומזיכערע שריפט אַ לאַנגע מגילה.

— לייענען! לייענען! — האָבן זיך שטימען געהערט.

„צו אַלע מיינע קינדערלעך און אייניקלעך, וואָס שטייען אַרום מיין בעט, טו איך זיך ווענדן, איך, די דינסטמויד חיה־לאה בת יענטע, מיט אַן אויפריכטיק געבעט צום האַר פון דער וועלט...”

— ווייטער, ווייטער! — האָבן זיך געלאָזט הערן אומ־געדולדיקע שטימען.

חיימשע האָט איבערגעהיפּט און אָנגעהויבן פון אַ נייער שורה:

„איך טו בעטן גאָט, אַז ער זאָל אַריינגעבן אין אייערע הערצער דעם גייסט פון שלום, אַז איר זאָלט אַלע לעבן בשלום ובמנוחה. אַזוי ווי איך האָב געזאָרגט איבער אייך,

מיינע קינדערלעך, און קיינעם נישט פארזען, אזוי זאָל דער האַר פון דער וועלט זאָרגן איבער אייך."

– ווייטער, ווייטער! — האָבן די שטימען שוין העכער געשריגן.

חיימשע האָט ווידער איבערגעהיפּט און אָנגעהויבן:

„איך טייל איין צווישן אייך מיין ביסל אָרעמקייט, סיי די, וואָס איך האָב געקריגן בירושה פון מיינע עלטערן, און סיי די, וואָס איך האָב מיר אַליין ערלעך ערוואָרבן מיט מיין שווערער אַרבעט, — יעדן פון אייך אַ חלק, אזוי ווי איך טו דאָ אויסרעכענען."

– שוויגן! שוויגן! — האָבן שטימען געהערט.

נאָר דאָ איז חיימשע געבליבן שטיין אינמיטן. עס האָט אים אָנגעהויבן אין די אויגן צו שווינדלען. ער האָט גענו־מען ווייטער לעזן, נאָר ער האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס ער לעזט.

– גיט אַהער! גיט אַהער! איך וועל לייענען! — האָט גענומען פון אים די צוואָה אַן עלטערער ייד, אַ משפּחה, וואָס איז געווען אַ למדן.

ביי אַלעמען זענען די הערצער געוואָרן פאַרקאַפּט.

„... דעם ביינערנעם צאָן פון עלפאַנט, וואָס איז אַ רפואה פאַר קינדער־ציינדלעך, לאָז איך איבער מיין עלטסטע איינעקל גיטע־יענטע, אַז זי זאָל עס באַנוצן געזונטערהייט פאַר אירע קינדערלעך, אם ירצה השם."

– ווייטער, ווייטער! — זענען די קולות געוואָרן אומ־געדולדיק.

„דעם ספר עזריאל, וואָס איז אַ רפואה פאַר געווי־נערנס, אַז זיי זאָלן לייכט געבוירן, לאָז איך איבער מיין טאָכטער מרת פערל, אַז זי זאָל די זכיה האָבן..."

– ווייטער, ווייטער! — האָבן שוין אַלע געשריגן.

„די קמיע, וואָס איך האָב געקריגן בירושה פון מיין מאַמען, עליה השלום, וואָס איז זייער גוט אָפּצושפּרעכן אַן עין הרע, לאָז איך איבער מיין זון.“

די משפחה איז געוואָרן אומגעדולדיק און געוואָרפן זיך אויפן קאַסטן. דער קאַסטן איז געווען פול מיט קמיעות, רפואות, וואַסער-פּלעשלעך, עלפאַנט-ציינער, אַלטע קוויטלעך און נאָך אַזעלכע זאַכן.

די משפחה איז צוריק אַריינגעקומען אין דער צווייטער שטוב, וואו די טויטע איז געלעגן. אויף דער טויטערס פנים איז געווען אויסגעגאָסן יענץ אומשולדיק, קינדיש-אומבאַהאָלפן שמייכעלע, וועלכעס איז פאַרגליווערט געוואָרן צוזאַמען מיט דער אַלטער איינגעדאַרטער הויט פון פנים. און זיי האָבן נישט געוואוסט, צי די טויטע לאַכט אויס זיי, צי זי בעט, ווי א הילפלאָז קינד: – זייט מוחל...

# דער חזן מיט די משוררים

איבערן געסל, פון וועג אָן, האָט זיך געשלעפּט אַ גרויסער, שווערער פּראַכטוואָגן. באַוואָלקנט אין שטויב, זענען געווען אויף אים אָנגעפּאַקט אַ חברה משוררים. דער חזן מיט צוויי קליינע „קוויטשערלעך" פון ביידע זייטן זענען געזעסן אויף איין געזעס, דער באַס מיטן אונטערבאַס און סאָפּראַן זענען געזעסן אויפן צווייטן געזעס, און נאָך זיי אַ שוואַך־טענאָרל און אַן אַלט מיט פּעקלעך און קעסטלעך.

די שטאָט־מיידלעך, פאַרטאָן אין שבת־מאַכן, האָבן געלאָזט שטיין אין מיטן די קוגלען, און אין די זומערדיקע בלוזקעס מיט די באַשמוצטע שירצן האָבן זיי זיך באַוויזן אין די טירן. מיט די פינגער האָבן זיי אַריבערגעוואָרפן די צעפּ, וואָס האָבן זיך פאַרוואָרפן איבער די רויט־געוואָרענע באַקן, און איינע האָט צו דער צווייטער אויף יענער זייט שוועל אַריבערגעוואונקען: קוק אָן די העכט, דו זאָלסט מיר לעבן!

די טענאָרן האָבן אין איילעניש אַרויסגענומען די רונדע שפּיגעלעך מיט די בערשטעלעך פון די וועסטן־קעשענעס, אַרונטערגעקעמט די פּאות הינטער די אויערן, פאַרשפּילט די קאַלפּעס פון די מאַנטלען, אַז מען זאָל נאָר אַרויסזען דאָס

שוואַרצע שניפּסל מיט אַ שטיקל קראַגן, האָבן אויסגעהוסט זיך, אַ צי אויס געטאָן דעם גאַרגל און געוואָרפן אויגן.

דער פּראַכטוואָגן האָט זיך אין מיטן געסל אָפּגעשטעלט. דער חזן האָט פון פור נישט געוואָלט אַראָפּ, וואַרטנדיק, אַז דער גבאי פון שול זאָל קומען אים מקבל־פּנים זיין און אָנ־ווייזן אים דאָס אָרט, וואו זיי האָבן זיך אויפצוהאַלטן. דער גבאי איז אָבער געשלאָפן נאָכן מיטאָג, און דער שמש האָט אים מורא געהאַט צו וועקן. דערווייל איז דער וואָגן מיט דער חברה געשטאַנען אין מאַרק.

עס זענען אָנגעקומען יידן פון אַלע זייטן, זיי האָבן שלום־עליכם אָפּגעגעבן דעם חזן מיט די משוררים, און האָבן זיך אַרומגעשטעלט אַרום דער פור, וואַרטנדיק אייניגעם מיטן חזן אויפן גבאי. עס זענען אויך אָנגעקומען אייניקע פון די „לייטלעך", וואָס האָבן אַ גרויסן שייכות מיט מוזיק, וואָס זע־נען אַליין עפּעס שטיקלעך מנגנים. זיי האָבן זיך געשטעלט באַזונדער, עס האָט זיי נישט געפּאַסט אייניגעם צו שטיין מיט דעם איבעריקן עולם, און זיי האָבן אָנגעהויבן צו רעדן צווישן זיך אויף חזניש לשון. איינער פון זיי האָט אַרויסגענומען פון בוזעם־קעשענע דעם זשורנאַל „ירחון החזנים" און האָט אָנגעהויבן הויך לייענען אַ שיר. דער חזן האָט באַלד דערקענט ביי זיי אָן די לאַנגע נעגל פון די גראָבע פינגער, אַז זיי זענען פון די „גוטע ברידער", האָט ער זיך געגעבן אַ ווענד צו זיי:

— זענען עפּעס ביי אייך אין שטאָט דאָ בעלנים אויף זמר?

— וואָס שייך? אַ יידישע שטאָט, — האָבן זיי אים אָפּ־געענטפערט.

דערווייל איז אָנגעקומען דער גבאי מיט זייער רויקע, פּאַמעלעכע טריט און מיט נאָך פאַרשלאָפענע

אויגן, און די קאַנטן פון די פאות זענען ביי אים נאָך באַס געווען פון דעם וואַשן זיך נאָכן שלאָף. ער איז צוגעקומען פאַמעלעך צו דער פור, האָט זייער לאַנגזאַם אויסגעשטרעקט די האַנט, און גערעדט ווי פון שלאָף:

— שלום עליכם.

— עליכם שלום.

— וואוהין פאָרט אַ ייד ? – האָט דער גבאי געפרעגט, ווי ער וואָלט פון קיין פותר-חלום נישט געוואוסט.

– אין יידישע שטעט אַרום, – האָט דער חזן געענט-פערט.

.– וואָס, אַ מגיד ? – האָט דער גבאי געפרעגט מיט דעם זעלבן נאַיוון טאָן.

– ניין, אַ חזן מיט משוררים.

– אזוי, אַ חזן מיט משוררים, – האָט דער גבאי לאַנג אויסגעצויגן, און דערביי זיך געלאָסן די פאות אויסגעצויגן, די וואָנסעס און די באָרד אויסגעגלעט, און נאָך אַ לאַנג איבערקלערן, ווי ער וואָלט אויפן ריכטיקן שכל געפאַלן, גיט ער אַ פרעג :

— און צו וואָס פאָרט אַ חזן מיט משוררים אין יידישע שטעט אַרום? —

— דאַווענען, — האָט דער חזן אָפגעענטפערט.

— אזוי, דאַווענען, נו, זאָל ער זיך פאָרן געזונטערהייט.— דער גבאי האָט די האַנט אויסגעשטרעקט און איז אַוועקגע-גאַנגען.

דער חזן האָט גלייך עפּעס דעם פורמאַן אין אויער איינגערוימט, און דער פורמאַן האָט געגעבן אַ שמיצל צו זיינע פערד.

– וויאָ, קיין קראַשנעוויץ!

זענען אָבער די יידן באַפאַלן דעם וואָגן און די פערד ביי די לייצעס איינגעהאַלטן:

— וואָס, פאָרן װעט איר? דאָ װעט איר שבת האַלטן, אויף אונזערע קעסט.

— פאָרן! — האָט דער חזן ברייט באַפוילן דעם פורמאַן, און האָט געגעבן אַ װאונק צו די „פון די לייטלעך" מיט די לאַנגע נעגל פון די גראָבע פינגער, עס הייסט, אַז ער קאָן זיך אויף זיי פאַרלאָזן...

דער פראַכט־וואָגן האָט געגעבן אַ קרעכץ אָפּ, שווער זיך איבערגעריבן איבער דער שטאָטישער ברוק און איז אַרויס אויפן קראָשנעוויצער וועג, אָפּגעפאָרן אַ וויאָרסט צוויי, צום וואַסער צו, וואָס האָט אַ „נאָמען" (דורכדעם מעג מען זיך גטן) אין שטעטל... און וואָס דאַרף יעדעס יאָר אַ מענטש. האָט דער חזן געהייסן זיך אָפּשטעלן, כדי צו באַגיסן די רעדער.

חברה זענען אַראָפּגעקראָכן פון דער פור, די ביינער זיך אויסגעצויגן און האָבן אָנגעהויבן צו מורמלען אויפן חזן: עטן...

דער חזן האָט אַרויסגענומען דאָס שליסעלע פון װעסטן־קעשענע און אויפגעעפנט דאָס קעסטל, וואָס טראָגט אויף זיך דעם נאָמען „צידה־לדרך" און וואָס עס איז פאַרשלאָסן מיט אַן אויבער־שלאָס, מיט אַ הינטער־שלאָס און מיט נאָך אַ ענגליש שלאָס באַלייגט. אוודאי נישט בחנם. ער האָט אַרויס־גענומען פון קעסטל פינף ציבעלעס מיט דריי הערינג און האָט זיי איבערגעגעבן יעקל קאַלבאַסניק, — אַ יינג, וואָס איז קליין־געוויקסיק און וואָס פאַרענדערט זיך קיינמאָל נישט, אַזוי אַז מען קאָן קיינמאָל נישט וויסן ווי אַלט ער איז; טייל רעכענען אַז ער איז אַכצן יאָר אַלט, און טייל האַלטן, אַז אַכט־און־

דרייסיק. ער קאַכט, שטריקט און נייט ווי אַ פרוי, דערפאַר האָט מען אים אַ נאָמען געגעבן: די בעל-הביתטע, און איבער־געגעבן אים די קיך אין וועג. יעקל קאַלבאַסניק האָט זיך אָנ־געטאָן אַ פאַרטוך און אויף אַ שטיין זיך גענומען צו האַקן די ציבעלעס מיטן הערינג. דער חזן האָט דערווייל איבערגע־שמועסט מיטן עלטערן אַלט, וואָס ווייטער צו טאָן. דער עלטערער אַלט, אַ הויך און אַ דאַר יידל, אַמאָליקער בית־מדרש־בחור, לערנט זיך שחיטה און שדכנט זיך צו צום חזנס עלטערער טאָכטער. ער איז אַ גרויסער ליבהאָבער פון לשון קודש און האָט אַליין שוין אָפּגעדרוקט דריי קאָרעס־פּאָנדענציעס אין „ירחון־החזנים" בדרך־שיר. ער האַלט זיך איבערהויפּט ווייט כּדן דער חברה־משוררים און רייבט זיך שטאַרק מיטן חזן, האָפנדיק אַמאָל ממלא־מקומו זיין... „קנאַק־ניסל", דער קוויטשער מיט אונטערגעהאַקטע אויגן און מיט אָפּגעשוירענע פּאות ביז אין האַלבן קאָפּ אַריין, איז אַרויף אויפן העכסטן בוים אויסקוקן פון אַ „שפּאַקטיוו", צי מען קומט נישט אָן צו פאָרן פון דער שטאָט.

יעקל קאַלבאַסניק איז פאַרטיק געוואָרן מיט די הע־רינג, דער חזן האָט אַרויסגענומען דאָס ברויט און געטיילט „מוציאס". די חברה האָבן זיך גענומען צו אַכלען, אַז עס איז אַ רויך געגאַנגען. געשטילט דעם ערשטן הונגער, האָבן זיך די חברה אויסגעטאָן און האָבן זיך אויסגעצויגן אונטער די ביימער, צווישן וועג און די פעלדער.

עס איז געווען אַ הייסער זומער־טאָג, דאָס וואַסער האָט זיך געצויגן אַנטקעגן דער זון ווי אַ שפּיגל, די פּאַר־טיקע זאַנגען האָבן האַלב געבויגן די קאָרנדיקע בעזעמ־לעך, וועלכע האָבן זיך ווי וואַקס געגאָלדעט אין דער זון,

פאַרשטעלנדיק די פּיס פון שוואַרצן וואַלד, וואָס האָט זיך נאָך זיי געוויזן.

חברה נאָכן עסן זענען געווען אין גוטן הומאָר. זיי האָבן געוואָלט אָנהויבן צו זאָגן ווערטלעך, האָבן זיי אָבער מורא געהאַט פאַרן חזן. דער חזן מיטן עלטערן אַלט זענען אַרומגעגאַנגען די קעפּ אַראָפּגעלאָזט. אָבער דאָך האָבן זיי נישט אָנגעוואָרן דעם בטחון אויף די פון די לייטלעך, וואָס האָבן אַ שטיקל שייכות מיט זמר, אַז זיי וועלן נישט שווייגן. . .

דער פורמאַן האָט אויסגעשפּאַנט די פערד, אָנגעשאָטן פאַר זיי האָבער, און אַליין האָט ער זיך אויסגעצויגן ביי דער פור, שמעלצנדיק זיך אין דער זון. דאָס גראָבע פּנים זיינס, וואָס איז אַזוי באַוואַקסן מיט אַ וואַלד שוואַרצע האָר, אַז עס איז אויף אים קיין שטיקל הויט נישט צו דער־זען, פרעגלט זיך אין די זונס שטראַלן, און די טראָפּנס שווייס רינען איבערן שטערן. נחומקע דער ליטוואַק, דער באַס, וואָס קאָן עסן פאַר פיר און האָט תמיד דאַפּלטע טעג, האָט זיך גערוקט צום פורמאַן דעם טאַבאַק צו דער־פּאַקן ביי אים. די קוויטשערלעך האָבן אָן רחמנות די האָר פון די פערדס ווידלען געריסן, און יאָסקע יאָלד מיט „לעפּעלן", דער אונטער־אַלט מיטן אונטער־טענאָר, צוויי גלייכע אַלצן־יאָריקע בחורים, וואָס טראָגן פּאַפּירענע אויפ־געשטעלטע קראַגנדלעך מיט קאָלירטע שניפּסלעך, האָבן זיך פאַרקליבן הינטער אַ בוים, אַרויסגענומען טינט און פעדער – צו פאַרפאַסן אַ בריוו צו אַ מיידל קיין זשאָכלין.

און די „לייטלעך" האָבן טאַקע נישט געשוויגן. אזוי ווי דער גבאי איז אוועק פון דער פור, האָבן זיי זיך גע־געבן א לאָז אין קצבישן געסל אריין, צו די „גוטע ברי־דער", און האָבן אָנגעהויבן צו דערציילן, אַז עס איז אָנגע־קומען א חזן מיט נאָטן און מיט זיבעצן משוררים, אכט סאַמע ווייַנענדיקע קוויטשערלעך, נאָר דער גבאי האָט נישט געלאָזט דאַוונען אין שול, איז דער חזן מיט די משוררים אוועקגעפאָרן קיין קראַשנעוויץ. די קצבים האָבן עס דערהערט, האָט זיך דאָס בלוט אין זיי פאַרקאָכט, האָבן געכאַפּט די שטעקעלעך אין האַנט אריין, ארונטער צום גבאי און אים אראָפּגעצויגן פון דער קאַנאַפּע: „געהרגעט קאָנט איר דאָ ווערן! — האָבן זיי געשריען צו אים,—דעם חזן מוזט איר אראָפּברענגען!" און זיי האָבן טאַקע באַלד געשיקט נאָך די פורמאַנעס, אייַנגעשפּאַנט דריי ווענגן, ארויפגעפּאַקט אויך דעם גבאי אויף א וואָגן און הייד־א קיין קראַשנעוויץ נאָכן חזן.

„קנאַקניסל" האָט דערזען פון דערווייטן, אַז מען הוילכט, האָט ער געגעבן א שפרונג אראָפּ פון בוים, פאַר־מאַכט דאָס פיסק, און א קריי ארויס פון בויך.

— קוקי־ריקו—מען רייַט!

— חברה, גלייך אויפגעשטאַנען זאָל זיין! די ביכער אין די הענט אריין, — האָט דער חזן געגעבן א רוף אויס.

מען האָט אויפגעוועקט האַצקלען דעם פורמאַן, אראָפּ־געשלעפּט אים פון וואָגן, פּלינק די פערד אייַנגעשפּאַנט און דעם עמער אים געגעבן אין האַנט אריין, אַז ער זאָל באַגיסן די רעדער מיט וואַסער: מען פאָרט!..

חברה האָבן זיך גלייך אויפגעשטעלט. די קוויטשער־לעך האָבן זיך געשטעלט ארום חזן, גענומען די ביכער אין

האָנט אַריין און אָנגעהויבן צו אַרבעטן מיט די כּלים, אַ „לפּה־הודי״.

אַז די פּורן זענען אָנגעקומען, האָט אַ קוויטשערל גענומען:

„מקדש מלך עיר מלוכה״,—און האָט געגעבן אַ כאַפּ אויף דער צווייטער דינערער זייט: צאי צאי מתּוך ההפ־הפּ־כה, האָט דער באַס געגעבן אַ לאָז אַראָפּ די טראָמבע און אַ האַק צו מיט „איקעלבאַק״ פּי־כה, און דאָס משוררל האָט זיך ווייטער רחמים געבעטן: געדענקט אין גאָט, רַב לך, אך אך, רב לך, נו טאַקע, רַב לך, שֶבֶת או־אר שֶבֶת.

האָבן אים די אַלטן אָפּגעענטפערט:

— שֶבֶת רַב לָך! שֶבֶת רַב לָך!

האָט זיך אַ טענאָר אָפּגערופן מיט אַ טרעל און האָט געפרעגט: ווייסטו וואו? ווייסטו וואו?

האָט אים דאָס קוויטשערל אָפּגעענטפערט: בעֵ־מֶק, בע־מק הבּ־כאָ.

האָט דער טענאָר געגעבן צו פאַרשטיין: — הבכא, הבכא.

געפעלט עס נישט ווייטער דעם באַס, און ער גיט אַ ברום: בעמק הבכ־אָ־אָ!

קומען צו די אַלטן און הויבן אָן: בָכָא עֵמֶק, עֵמֶק, עֵמֶק — מֶק, — מֶק, — מֶק. — אַזוי קלימפּערן זיי צו, בשעת דער צווייטער קוויטשערל נעמט זיך אויף נאָך אַן אײדע־לער שטימע.

דאָ גיט אַ גיי צו צום חזן יאָסקע האַקער און גיט אַ מאַך:

— חזן, פאַרט מיט אונז אין שטאָט אַריין!

— איך פֿאָר קיין קראָשנעוויץ. אַ בריוו פֿון קראָשנע־וויץ געקראָגן, - רופֿט דער חזן.
- עס וועט אייך נישט העלפֿן קיין טענות ומענות,— רופֿט נאָטע „שייגעץ״ אויס און נעמט און שפּאַנט אויס די פֿערד פֿון חזנס וואָגן, און אַ שפּאַן איין זיי אין זיין וואָגן.
- וועגן עסן זאָלט איר זיך נישט זאָרגן, אַ אָקס גע־שאָכטן היינט,—רופֿט שלמה „דער געלער״ אויס.
- אויף די פּראַנטן קוקט נישט! - רופֿט זיך „שרץ־אָן, - ווייזנדיק אויפֿן גבאי, - די געלזוכט קען מען קריגן ביי זיי, מיט מיר רעדט, ברודער!
- חברה, די פּעקלעך! - שרייט יאָסקע און פּעקלט שוין איבער די כּלים, און איידער זיי קוקן זיך אום, זיצט שוין חברה אויף די פֿורן און מען פֿירט דעם חזן אין שטאָט אריין ביד רָמָה.

---

מען האָט דעם חזן אין שטאָט געבראַכט און אים געגעבן אַ קוואַרטיר ביי דוד גאָרקיכער. די קצבים האָבן די משוררים אויף קעסט צו זיך אהיים גענומען. די ווייבער האָבן זיך איבער די קוויטשערלעך געריסן און געגעבן זיי צו אַכלען, אַז אַזעלכעס האָבן זיי נאָך אין די אויגן נישט אָנגעזען. יעקל „בעל־הביתטע״ האָט זיך נאָר צווישן די יידענעס ארומגעדרייט, געזעסן מיט זיי און געמאָלט ווי איינע פֿון זיי. „קנאַקניסל״ האָט ביי זיין בעל־הבית געוויזן שטיק, פּלוצלינג האָט ער אָנגעהויבן צו בילן ווי אַ הונט; מען האָט זיך אונטערן טיש אַראָפּגעבויגן דעם הונט ארויס־צוזאָגן, הויבט ער גאָר אָן צו מיאַוטשען ווי אַ קאַץ. יאָסקע

יאָלד מיט „לעפּעלך" דעם אונטער־באַס האָבן זיך גלייך באַקענט מיט די טעכטער פון אָרט. מיט איין וואָרט, חברה האָט זיך באַזעצט אין שטאָט ווי היימישע, מיט אַלעמען זיך באַקענט, גוט געלעבט, אומעטום געווען און מיט אַלעמען זיך געוויטעוועט.

אין דעם שטעטל האָבן זיך געפונען צוויי יונגע־לייטלעך – „ויקהל" און „פּקודי". „ויקהל" איז געווען אַן איינבינדער, וואָס אין אמתן איז ער געווען אַ וואַטן־מאַכער און אַן אָרעמאַן – זאָל דער איינציקער גאָט אויסהיטן. „פּקודי" איז געווען אַ שדכן, אַ גרוש, אייגנטלעך גאָר־נישט קיין גאַנצער גרוש, נאָר דאָס ווייב איז אים משוגע געוואָרן, באַשעפטיקט ער זיך דערווייל מיט אויפקלויבן מאה חתימות... די צוויי יונגעלייטלעך האָבן זיך באַשעפ־טיקט מיט שדכנות בשותפות, תמיד האָט מען זיי געזען גיין אין גאַס באַזונדער, „ויקהל" צו חתנס צד און „פּקודי" – צו כלהס צד. האָט מען געזען „ויקהלן" מיט „פּקודין" גיין צוזאַמען האָט מען געוואוסט אין שטאָט, אַז מען האָט חתן־כלה צוזאַמענגעפירט און מען וועט טעלער ברעכן...

געקומען זענען „ויקהל"־„פּקודי" צום חזן אזוי גלאַט, אין געסט הייסט עס. זיי האָבן אים אָנגעשלאָגן אַ געשעפט, אַז ער זאָל מאַכן אַ קאָנצערט אויף בילעטן אין גאָלדמאַנס זאַל, אַגב אורחא האָבן זיי זיך נאָכגעפרעגט, ווער פון די חתנים איז פריי פון מיליטער. אָפּגעשטעלט האָבן זיי זיך אויף יעקלען. יעקל קאָלבאַסניק האָט די טבע צו ציטערן מיט די ליפּן און צו שאָקלען מיט איין אויער – מיינט מען, אַז אויף אַלץ, וואָס מען זאָגט, שאָקלט ער צו: גוט! האָבן האָט ער אַ טבע, אין יעדער שטאָט, וואו ער קומט אַריין, צו שדכענען זיך אין אַ הויז, וואו עס איז דאָ אַ מיידל, און

אַ חתן צו ווערן. קריגט ער, פאַרשטייט זיך, צו עסן, צו טרינקען און נאָך חתימה־געלט אין דער קעשענע, און מאַרט זיך אין אַ צווייטער שטאָט אַריין, ווייטער אַ חתן צו ווערן. זיין אייגנס איז אַ בלויער בילעט. דאָס איז זיין פּראָפעסיע און זיין נדן.

די שדכנים האָבן מיט אים אָנגעהויבן צו רעדן.

– גאַנץ גוט, – זאָגט ער.

– דריי הונדערט גולדן מיט אַ ניי־מאַשין.

– גאַנץ גוט, – זאָגט ער.

און יעקל טרינקט שוין ווייטער בראָנפן און עסט שוין ווייטער לעקעך.

– איך ווייסט, חזן, זאָגט צומאָרגנס „קנאַקניסל“, – יעקל איז שוין ווייטער אַ חתן געוואָרן.

– אַ בייזע נאַכט אויף זיין קאָפּ. מען וועט האָך אונז פון דער שטאָט אַרויסטרייבן.

און יעקל גייט אָנגעטאָן אַ ניי העמד מיט אַ נייעם קאָלנער און קנאַקט ניס־קערנדלעך, – און שוט אים עפּעס!

דערווייל האָט דער חזן גענומען אָנגעגרייט זיך אַ שבת צו דאַוונען. צום ערשטן האָט ער געאַרבעט מיט די קוויטשערלעך, ער האָט געוואָרסט, אַז ער האָט זיך אויף וועמען צו פאַרלאָזן. צו קבלת־שבת האָבן די ווייבער די פענסטער אין שול אויסגעהאַקט, פאַרוואָס מען האָט די ווייבערשע שול פאַרמאַכט, און שבת ביי טאָג האָט דער חזן אָפּגעהאַלטן דעם עולם ווי ראש־השנה. אין אַלע חברות האָט מען דעם שבת פרי אָפּגעדאַוונט, אַהיים געאיילט זיך, דעם „קידוש“ אַריינגעכאַפּט, פאַרביסן מיט די ציבעלעס און אין שול אַריין צו דער צווייטער קדושה. אין שול איז אַזוי דושנע געוואָרן, אַז מען איז שיער געשטאָרבן פאַר אַ

טרונק וואַסער. דער חזן האָט געוויזן קונץ־שטיקלעך — און די קוויטשערלעך האָבן געהילכט. אין דער ווייבערשער שול איז געוואָרן אַ געוויין, ווי צו שופר־בלאָזן, קיינער האָט נישט גע־וואוסט פאַרוואָס און ווען, נאָר ווי האָט דאָס נישט אַ יידענע וואָס צו וויינען — האָט מען דערווייל די שונאים אָנגעשאָלטן אויף וואָס די וועלט שטייט.

שבת ביים עסן האָט די גאַנצע שטאָט געקלונגען פון געזאַנג, פאַר יעדן פענסטער, וואו עס האָט נאָר אַ משורר געגעסן, זענען געשטאַנען קופּקעלעך יידן, ווייבער, ייִנגען און מוידן, און האָבן זיך איינגעהערט. פון די אָפענע פענסטער האָט דאָס געזאַנג אַרויסגעדרונגען אין גאַס אַריין, יידן האָבן די אַראָפּגעפאַלענע טענער צוריק אויפגעהויבן און איבערגע־חזרט נאָך די משוררים. אין קצבישן געסל איז גאָר געווען היימלעך. בערל „קאָרעטע" האָט זיין משורר „קנאַקניסלען" פאַר דער טיר אַנידערגעזעצט, און אַליין, אָנגעטאָן אין דעם אָנצוג, וואָס ער האָט זיך געמאַכט אויף פסח, האָט ער זיך אוועקגעזעצט צו דער רעכטער זייט און אַרומגענומען דאָס ביסל פּורמאַנעס אַרום זיך און איבערגעחזרט איין שטיקל נאָכן אַנדערן פון דעם, וואָס מען האָט אין שול געזונגען...

נאָכן עסן האָבן זיך חברה אין גאָרטן צו שרה־פריידען אוועקגעלאָזט. דאָרט האָבן שוין געוואַרט אויף זיי שניידער־געזעלן, אייניקע זענען געווען אין נייע שבתדיקע קאַפּטנס אָנגעטאָן און מיט „העכסט אינטערעסאַנטע ראָמאַנען" אונטער די אָרעמס, און אַ פּאָר שניידערגעזעלן זענען געווען מיט קורצע רעקלעך און אין הויכע פּאַפּירענע קראַגנדלעך. דאָ האָט מען זיך שוין נישט שלום־עליכם אָפּגעגעבן, נאָר פאַר־געשטעלט:

— האָבע די ערע פאַרצושטעלן פריילין דוואָשע-הערר פנחס.

— זייער מיר אנגענעם — און מען גיט זיך די הענט, און מען זעצט זיך אויפן גראָז אונטער די ביימער. צוערשט זיצט מען שטיל, דערנאָך הויבט מען אָן צו רעדן וועגן געשיכטן.

— וואָס פאַר אַ געשיכטע לעזן זי היינט?

— די געשיכטע מיטן „שטומען גוטן ייד"

— אַ העכסט־אינטערעסאַנטער ראָמאַן.

דערנאָך הויבט מען אָן שמועסן פון לידער. זינגט אַ מיידל אַ ליד פון „אַן אומגליקלעכער ליבע", זינגט אַ יונגער־מאַן, ווי אַ יונגער־מענטש זאָגט אָפּ ווידוי, איידער ער נעמט זיך דאָס לעבן און געזעגנט זיך אָפּ פון פאָטער און דער מו־טער, פון די ברידער און שוועסטער — אַלץ דעריבער, וואָס זי האָט אים אָפּגענאַרט. און די קינדער שאַלן צווישן די ביי־מער אין האַלב־טונקעלן שאָטן — ביז די נאַכט פאַלט צו. מיט איין וואָרט, עס איז געווען אַ שבת פון געזאַנג.

---

און פון דעם אַלעם איז נישט געווען מיט וואָס אַוועק־צופאָרן. אַז עס איז געקומען זונטאָג, האָט יעדער זיך גענומען צו זיין געשעפט, יעדער איז געווען פאַרטאָן מיט זיך און קיין גראָשן האָט מען נישט געזען, דער חזן איז אַלץ געזעסן אין גאָרקיך, און דער גאָרקיכער האָט אַלע טאָג געציילט די פעקלעך, וויפל זיי זענען ווערט. די משוררים האָט מען גע־געבן אָנצוהערן דאָרט וואו זיי עסן, אַז עס זענען דאָ אויך אַנדערע בעלי־בתים, נאָר דאָס זענען נישט אַזעלכע לייטלעך, וואָס מאַכן זיך פאַרשטיין מיט אָנצוהערענישן...

עס איז נישט געבליבן קיין אַנדער עצה, ווי צו מאַכן אַ „קאָנצערט" אויף בילעטן אין גאָלדמאַנס זאַל. געבליבן איז צו מאַכן אַ קאָנצערט „די מאַמע רחל", דאָס הייסט פאָרשטעלן, ווי נבוזראַדן טרייבט דורך די יידן פאַר דער מאַמע רחלס קבר, און די מאַמע רחל שטייט אויף פון קבר און באַוויינט די יידן.

מען האָט געשיקט נאָך פענקע דעם מאָלער און מען האָט זיך אָנגעהויבן דינגען דעם זאַל. מיט גאָלדמאַנען האָט מען אָפּגעמאַכט אויף העלפט, און פענקע האָט זיך גענומען אויסצומאָלן די סצענע. קודם־כל האָט ער אַוועקגעשטעלט אַ וואַנט, אויף וועלכע עס זענען געווען אויסגעמאָלט הויכע טענענביימער, און אויף זיי זענען געוואַקסן לולבים, געבונ־דענע מיט אתרוגים. אויף דער וואַנט איז געשטאַנען אויסגעשריבן: דרך בית־אל, דאָס הייסט, אַז דאָס איז דער וועג קיין בית־אל, אויף דער ערד ביי דער וואַנט האָט ער אַנידערגעשטעלט אַ גרויסן שטיין, אויף וועלכן עס איז געשטאַנען אויפגעשריבן „קבר רחל", רחל דער מאַמעס קבר, און פאַרטיק.

חברה האָבן זיך אָנגעטאָן ווייסע קיטלעך מיט טליתים פון אויבן. מיט פעקלעך אויף די אַקסלען און מיט אויס־געקרימטע שטעקנס אין די הענט ווערן זיי אַרויסגעטריבן אין גלות אַריין פון נבוזראַדן, פון יעקל קאָלבאַס הייסט דאָס, וואָס איז געווען אָנגעטאָן אין אַ רויט העמד מיט זעלנערישע שליפעס און אַ רויטן לאַמפּאַס מיט אַ קופּער־נער קאַסקע פון די פייערלעשערס אויפן קאָפּ. מיט אַ רויט אָפּגעפאַרבט פּנים און אַ לאַנגער רויטער באָרד, האָט ער טאַקע נעבעך אויסגעזען ווי אַ נבוזראַדן, און נבוזראַדן האָט אַזוי געזאָלט זינגען:

גייט, יידעלעך, גייט,
אין גלות אריין,
אין גלות אריין,
גייט, יידעלעך, גייט...

פארוואס נעבעך יעקל קאלבאס איז געווארן אויס־געקליבן פאר נבוזראדן, ווייסט איין גאט, — דאכט זיך א ייד, וואס זיין גאנצער נדן איז „א בלויער בילעט", נאר מסתמא איז עס איבער דער באס־שטימע און פאר נבוזראדן פאסט דאך א באס־שטימע...

יידלען דעם עלטערן אלט האט מען געמאכט פאר די „מאמע" רחל. מען האט אים אנגעטאן אין לאנגע ווייסע תכריכים מיט א שבתדיקער הויב אויפן קאפ און א רעכט־ביסל תחינות אים אין ארעם אריינגעגעבן און אנידערגע־לייגט אונטערן שטיין.

יידל דער אלט האט זיך אנידערגעזעצט און אויפ־געשריבן מיט גרויסע כתיבה־אותיות א מודעה אויף א ווייס שטיק פאפיר:

## „קול רינה והודיה!"

„עס וועט ווערן געגעבן א קאנצערט פון דעם בא־רימטן קעלצער חזן מיט זיין בארימטן כאר, אין וועלכן עס וועט פארגעשטעלט א שטיקל מיטן נאמען:

## די מאמע רחלס קבר.

וואו עס וועט זיך ווייזן ווי לעבעדיק די מאמע רחל, ווי זי באוויינט אירע קינדערלעך, און נבוזראדן ווי ער טרייבט די יידן אין גלות אריין.

## איבערמאָרגן דינסטאָג

אכט אַ זייגער אָוונט אין באַרימטן סאַלאָן פון ה׳ גאָלדמאַן.

ערשטע פלעצער 1 רובל, צווייטע 50 קאָפּ., צו שטיין 25 קאָפּ (ליכטיק וועט זיין אין סאַלאָן ווי בייטאָג, אלץ בייע לאָמפּן).

„ויקהלן״ מיט „פּקודין״ האָט מען גענומען און איבער־געגעבן זיי דאָס פּאַפּיר, אויף וועלכן פּענקע האָט אויסגע־מאָלט די זעלבע טענענביימער, וואו עס וואַקסן די גע־בונדענע לולבים מיט אתרוגים — און זיי איבערן שטאָט געשיקט צו די בעלי־בתים מודיע צו זיין וועגן קאָנצערט.

---

אַז עס איז געקומען איבערמאָרגן דינסטאָג, האָבן חברה געפּאַסט אַ גאַנצן טאָג. אַז מען האָט זיך געהאַלטן אין איין צוגרייטן, גרייט מען זיך שוין צו נאָך. קודם כל האָט מען געבראַכט צושלעפּן פון דער גאַנצער שטאָט טליתים מיט קיטלען און אַלערליי מכשירים, האָט אַ ייד געבאָרגט אַ טלית, איז ער געוואָרן אַ גאַנצער מאכער און אָנגעגרייט זיך צו קומען אויפן קאָנצערט מיט דער גאַנצער משפּחה און נאָך מיטן ווייבס משפּחה צוגעלייגט...

פון דער פרי אָן איז די קאַסע געווען אָפן. מען האָט גענומען אַ טישל און אַנידערגעשטעלט אין הויף פון סאַלאָן, באַדעקט אים מיט אַ טישטוך און אַנידערגעזעצט דערביי יידלען, דעם עלטסטן אַלט מיט בילעטן צום פאַרקויפן. באַר יידן האָבן נישט אַנדערש וואָס צו טאָן ? גייט אַוועק די ערשטע שעה, די צווייטע שעה, די דריטע.—עס ווייזט זיך קיין הונט נישט. טראַכט יידל: אינדערפרי צו וואָס האָט מען זיך צו איילן, מען וועט נישט קריגן די מציאה ?

קומט אָן אַ זייגער איינס, צוויי, ווייזן זיך אַ גאַנצע חבֿרה חדר־יינגלעך, וואָס אָט ערשט זענען זיי אַרויסגעגאַנגען פֿון אונטער דעם רבינס רוט, און איינער פֿאַר אַלע האָט אויפֿגעבונדן פֿון אַרבע־כּנפֿות דאָס „קעזל" און אַרויסגענומען פֿינף און צוואַנציק צווייערס פֿאַר אַ בילעט „צו שטיין". וואַרט יידל ווייטער, עס ווערט פֿאַרנאַכט, קומט נאָך אַ ייד צוגיין און לייגט אַרויס פֿינף האַרטע צענערס, דערנאָך ווערט ווידער שטיל... יעדע מינוט באַווייזט זיך אַן אַנדער משורר און גייט באַלד טרויעריק אַוועק...

עס איז געוואָרן נאַכט. די גאַנצע חבֿרה איז צוזאַמענגעקומען. אָנשטאָט יידלען האָט זיך דער חזן אַנידערגעזעצט. — טאָמער וועט עס בעסער גיין... קיין האָן קרייט נישט... עס הויבן אָן צו קומען די ערשטע געסט. יעקל קאָלבאַסניקס (נבֿוזראַדנס, הייסט דאָס) „נייע" משפּחה — די כּלה אַ נייעם קאַפּטן אָנגעטאָן, מיט די מחותּנתטע און די מחותּנים - דאַכט זיך היימישע מענטשן: זייער נבֿוזראַדן... דערנאָך זענען געקומען צוגיין די טליתים־יידן און די קיטל־יידן...

דערווייל הינטער דער פּלאַכטע, וואָס „ויקהל" האָט פֿון ערגעץ־וואו געבראַכט צו שלעפּן און וואָס האָט געדינט פֿאַר אַ פּאָר־הויז — האָבן חבֿרה זיך אָנגעטאָן, הינטערן שטיין אַרונטערגעלייגט און מען וואַרט. יעדע מינוט וואַרפֿט אַן אַנדער משורר אַן אויג פֿון אונטער דער פֿאָרהאַנג. דערזעט ער נבֿוזראַדנס משפּחה, זיצנדיק אויף דער ערשטער באַנק, גיט ער אַ קרעכץ אָפּ און גייט אַוועק. חבֿרה, מיד פֿון אַ גאַנצן טאָג, ציען זיך אויס אין די טליתים אויף דער ערד, אויף דעם וועג קיין בית־לחם, צווישן די טענענביימער. אַ מידקייט איז אויף זיי געפֿאַלן, עס ווערט וואָס

אמאָל שפּעטער. די פּאָר ליכט, וואָס מען האָט אָנגעצונדן, האַלטן ביים צאַנקען, אין דעם סאַלאָן הויבט אָן טונקל צו ווערן. נבוזראַדנס משפּחה לאַנגווייליקט זיך... די טליתים-יידן ווערן מיד וואַרטנדיק און פאַרלאָזן איינציקווייז דעם „סאַלאָן": „עס וועט שוין גאָרנישט זיין"... אין פאָרהויז קריגט זיך דאָס חדר-יינגל און וויל צוריק די פינף-און-צוואַנציק קאָפּיקעס...

עס איז געוואָרן שפּעט אין דער נאַכט, אין זאַל איז שוין קיינער נישט געווען. חברה אָפּגעמאַטערט, אָנגעטאָן אין די צעריסענע טליתים, זענען געלעגן אויף דער פּאָדלאָגע אויפן וועג קיין בית-לחם, און מיטן צווישן זיי איז נבוזראַדן מיט דער „קאַסקע" אויפן קאָפּ מיטן רויטן העמדל, אַלע ליגן זיי פאַר דער מאַמע רחלס קבר.

דאָ און דאָרט האָט נאָך געצאַנקט אַ לעצטער שיין פון אַן אויסגייענדיק ליכט. די לבנה דורכן פענסטער האָט באַגאָסן די ליגנדע, אָפּגעמאַטערטע, אַרויסגעטריבענע יידן און האָט באַפונקלט נבוזראַדנס קאַסקע. די שאָטנס אויף דער וואַנט האָבן געררוט צווישן די טענענביימער, וואָס זענען אויפן וועג קיין „בית-לחם", די מאַמע רחל איז מיד געוואָרן ליגנדיק אין קבר, איז אַרויס אין די לאַנגע תכריכים און אין דער שבת-הויב אויפן קאָפּ, און האָט זיך אַנידערגעשטעלט צו קאָפּנס פון די ליגנדיקע, אויסגעמאַטערטע, אַרויסגעטריבענע יידן. קוקנדיק אויף זיי האָט זי די הענט פאַרשפּרייט צום הימל און האָט אַזוי אָנגעהויבן צו באַזינגען:

זע, טאַטע אין הימל,
וואָס דו האָסט פון דיין פאָלק ישראל געמאַכט.

דיין שטאָט חרוב געמאַכט,
דיינע קינדער פאַרטריבן!

- - - - - - - - - - - - - - -

און נבוזראַדן האָט פון שלאָף אָפּגעענטפערט:
גייט, יידעלעך, גייט
אין גלות אַריין,
אין גלות אַריין,
גייט, יידעלעך, גייט!

---

# תִּשְׁעָה-בְּאָב

און די כנֶסֶת ישראל האָט זיך מיטן הַקדוש-ברוך-הוא אַ ברוגזל געמאַכט, ווי אַ שיינע כלה, וואָס וואַרפט צוריק דעם חתן די כלה-מתנותלעך: גיי דיר, גיי. אַזוי האָט די כנסת ישראל אויך צוריקגעוואָרפן די תורה דעם בורא-עולם: גיי דיר, אויס מחותנימשאַפט!

יונגע איידעמלעך, וואָס זענען אויף קעסט, און בחורים דרייען זיך אַרום פוסט און פּאַס. חדר-יינגלעך, ווי עס וואָלט שוין קיין קאַנטשיק, קיין חדר, קיין רבי אויף דער וועלט נישט געווען, ליפן פראַנק און פריי אין מיטן מאַרק אַרום, און אין דעם אַלטן בית-המדרש זיצט זיך די תורה איינע אַליין אין אַ ווינקעלע און טרויערט, און האָט פּרע-טענזיעס צו דער שכינה: אַלע האָבן מיך פאַרלאָזט!

די זון האָט נאָך געוואָרפן אַן אָפּגלאַנץ אויף די דעכער פון שטעטל, אויפן האַלבן קלאָץ, וואָס שטייט אינ-מיטן מאַרק (אַ שריד ופליט פון אַ צעלייגטן צירק), נאָך באַ-גילדט די שויבן פון דעם גרויסן איינפאָרהויז, וואָס שטייט אין אָנהייב שטעטל; אין מערב-זייט אָבער האָט שוין די

דויט=גאָלדענע זון געגאָסטט. און אַ שווערער וואָלקן, וואָס האָט זיך קאַלטבלוטיק געטראָגן פון יענער זייט שטאָט, האָט איר פלאַמעדיק אויג באַצויגן ווי מיט אַ גרויער הויט. די פּיל ליכטיקע שטראַלן, וואָס בלאַנדזשען נאָך אין מאַרק, זענען שוין ווי דאָס ליכטיקייט פון אַ לאָמפּ, וואָס מען האָט איר קנויט אַראָפּגעדרייט...

אין העלן טאָג הויבן זיך אָן אין דער גאַס די געוועלבער צו פאַרמאַכן, איינציקווייז, איינציקווייז... און יעדעס געוועלב, יעדעס געוועלב, ווי עס פאַרהאַקן זיך נאָר די טירן, ווי עס ווערן פאַרשוואונדן די פאַרשידנפאַרביקע שילדן, און אויף זייער אָרט באַווייזט זיך אַ שווארצער פלעק אויף דער ליידיקער מויער,—זעט עס אויס ווי אַ ליכטל, וואָס ווערט פּלוצים אין אַ ליכטיקער, העל=באַלויכטענער שטוב אויסגעלאָשן... און באַלד נאָך אַ ליכטל און נאָך אַ ליכטל, און פינסטער ווערט עפּעס. ווי אַ גאַסט, וואָס פאַרלאָזט דעם חתונה=זאַל, באַלד נאָך אַ גאַסט, און נאָך איינער,—און עס גנבעט זיך אָן אומעט אַריין...

ערגעץ פאַר אַ טיר שטייט אַ הויכער דאַרער ייד, אָנגעטאָן אין אַ צעריסענער קאַפּאָטע, די לענדן פעסט מיט אַ גאַרטל אַרומגעגאַרטלט; ער פאַרגלאָצט די אויגן און קוקט אין הימל אַריין, די דאַרע באַקן באַוועגן זיך, ווי אַ ווינטל וואָלט צווישן צוויי הוילע בלעטער געפּייפט. באַלד נעמט ער די אויגן פון הימל אַוועק. און ער קוקט פרום אין מאַרק אַריין, מיט אַ מינע, ווי איינער זאָגט: רבונו של עולם, איך וואַרט אויף דיין באַפעל... דערווייל זענען נאָך די כּנֶסת ישראל אין די שטיבער פאַרזאַמלט, כאַפּן אַריין דעם לעצטן ביסן און מאַכן זיך גרייט, מיט אַ טרויע=

ריק פּנים, זיך צו נעמען צו דער „איכה". אין דער גאַס איז שטיל, די הײַזלעך שטייען אַרום דעם מאַרק און שווײַגן, וואַרטנדיק אויף עפּעס.

באַלד טרעט אַרויס פון ערגעץ אַ הויז אַ דאַרער, הויכער, געלער ייד. זײַן אײַנגעטריקנטער גוף טראָגט זיך אין אַ ברייטן, ווײַסן כאַלאַט, אויף וועלכן עס באַוועגט זיך אַ לאַנג־אויסגעצויגן פּנים. מיט געלע האָר אַ געלע באָרד און אַ לאַנגער בלייכער נאָז. פון אונטער די פּאָלעס זעען זיך צוויי לאַנגע פיס אַרויס, אָנגעטאָן אין ווײַסע זאָקן אָן פּאַנטאָפל. און דער ייד אין די זאָקן גייט, אונטערשפּרינגענדיק אַלע ווײַלע, בשעת ער טרעפט אויף אַ שפּיציקן שטיין. ער טראָגט אין דער האַנט אַ ספר'ל אָן טאָוולען, גייט איבערן מאַרק און מאַכט אַן אײַנדרוק פון אַ טויט־שול־קלאַפּער, וואָס רופט מתים אין שול אַרײַן...

באַלד באַווײַזט זיך נאָך אַ ייד, און נאָך אַ ייד, פון יעדער הויז לאָזן זיך אַרויס קופּקעס יידעלעך, אָנגעטאָן אין צעריסענע קאַפּאָטעס, אין ווײַסע זאָקן ווי די אבלים. און אַלע לאָזן זיך צום ראָג, צום שול־געסל.

אין גאַס ווערט שטיל. וואָכעדיק איז אַלץ. לאַנגע, בלייכע, וואָכעדיקע יידן, נידעריקע, אײַנגעפאַלענע, וואָכעדיקע הײַזלעך און דער קאַלטער וואָכעדיקער פאַרנאַכט פון נעכטן, פון אייערנעכטן ציט זיך ווײַטער איבערן שטעטל, און דאָך זענען די געוועלבער פונקט ווי פרײַטאָג פאַרנאַכט, פאַרמאַכט, עפּעס ווי אין מיטן לעבן אָפּגעהאַקט געוואָרן.

און וואָס אַמאָל ווערט עס שטילער און טונקעלער: אָט, דאַכט זיך, וועט אַ לויה פון זייער אַ גרויסן רב דורך דעם מאַרק דורכגיין...

איז מיטן מאַרק ביים ברונעם שטייט נאָך אַ קופּקעלע

יונגע בעלי־בתים, טייל בחורים, און כאַפּן דעם לעצטן טרונק פאַרן תּענית: די עלטערע בעלי־בתּים וואַרפן, נעמענדיק די שעפערס צו די ליפּן, א בליק דערוויל אין הימל אַריין, צי האָט אַ שטערן זיך נישט חלילה, פּלוצים, שוין באַוויזן.

און פון דער צווייטער זייט געסל, דאָרט פון אונטער דעם ראָטהויז, פון דעם וועג, וואָס פירט צום בית־עולם, קומט צולויפן א חברה קונדסים: זיי האַלטן בערעלעך אין די הענט און שיסן איינער דעם צווייטן. פאָרויס לויפט אַ קונדס מיט אַן אָפּגעריסענער קלאַפּע פון אויבערמאַנטל; ער קומט אָן פאַר די בית־מדרש־טרעפּלעך און ווינקט מיט פרייד צו די יידן, וואָס שטייען דאָרט, וויזנדיק מיט די הענט אויף די אָנגעפילטע קעשענעס: פולע קעשענעס, אוי, א לעבן!

עפּעס אַ נידעריק יידל מיט זייער אַ ברייטער באָרד, וואָס זעט אויס ווי צוגעקלעפּט צו זיין ווייס געזיכט, כדי די דאַרע בלייכע באַקן צו פאַרשטעלן, שטייט אויף די טרעפּלעך און באַטראַכט טרויעריק דעם קונדס און עס דאַכט זיך אויס, אַז פון זיינע טרוקענע ליפּן הערט זיך אַ ברום: אַ שוואַרץ וואוילטאָג איז אויף אים!

און שטיל ווערט אויך אין שול־געסל. די זון איז שוין לאַנג אַרונטער אונטער דעם ראָטהויז אויף דעם וועג, וואָס פירט צום בית־עולם. יידן האָבן זיך אַלע פאַרזאַמלט אין שול, אין בית־המדרש. צייטנווייז באַווייזט זיך אַ יידענע. וואָכעדיק געקליידעט, האַלט אַ גראָבן ספר אונטערן אָרעם, און אַ ליכטל אין דער האַנט און גייט דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגן. די נידעריקע הייזלעך אין געסל, אַזוי ווי זיי וואָלטן מורא האָבן אַליין, אָן יידן, אָן אַ תּורה אין גלות צו שטיין—קאָרטשען זיך עפּעס איין און עס דאַכט זיך: זיי האָבן זיך צום רבינס

נידעריק הייזל צוגעבויגן: אַן עצה זיך צו האַלטן ווי צו טאָן אין אַזאַ שלעכטע צייט?

פון דעם רבינס פענסטער שיינט עפּעס אַ שוואַרצע טרויעריקייט אַרויס, און עס פינקלט אַ קליין ליכטל אין דער פינסטערניש: עס דאַכט זיך, אַז אינעווייניק מוז ליגן אַ מת אויף דער ערד, צוגעדעקט מיט אַ שוואַרץ ליילעך און אַ גראָשנדיק ליכטל צוקאָפּנס, און דער רבי פּאַרלאָזט זיין מת: ער איז אָנגעטאָן אין אַן אַלט שטריימל. אין אַן אַלטער צעריסענער קאַפּאָטע, מיט אַ באַטריבט פּנים, אַראָפּ־בויגנדיק דעם קאָפּ צו דער ערד, גייט ער אַליין אין זאָקן אויף די שפּיציקע שטיינער, און ער לאָזט זיך אין בית־המדרש אַריבער. אפשר וועט ער דאָרט ביי דער עדה יידן אַ טרייסט געפינען.

אין דעם געסל גייט זיך מאַטשעק פון דער פּאַשע אהיים. די קי מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ לאָזן זיך פּאַרויס. און ער מיט זיין באַהעלפער דעם הונט פון אונטן, שפּילט זיך אויף זיין פייפל ווי נעכטן, ווי אייערנעכטן...

---

נאַכט. שטיל אין דער שול־גאַס, די לאָדנס זענען פאַרמאַכט, די טירן פאַרשלאָסן, די לבנה איינע אַליין, בלאָנדזשעט אַרום אויבן אין דער הייך אויפן הימל, איבער אונזערע קעפּ, און זי קוקט אַראָפּ אין שול־געסל און שווייגט. הינטן, ערגעץ־וואו, פון אַ שפּאַלט פון אַ לאָדן, לאָזט זיך הערן אַ וויינענדיקער ניגון, וואָס גיסט זיך שטיל אַריין אין געסל, עפּעס ווי פאַר זיך, גלאַט אַזוי — אַ ניגון אָן אַ פּרעטענזיע, אָן אַ שום זאַך — און ער שוועבט דורך די גאַס, שווימט אַוועק, און ער ווערט פאַרטונקט ווייט —

ערגעץ אין געסל, דאָרט נאָך דעם ראַטהויז, אויף דעם וועג, וואָס פירט צום בית-עולם. פון אַ שפּאַלט פון דעם רבינס לאָדן שיינט נאָך אַרויס דאָס שטילע יאָרצייט-ליכט, פאַר אַ הייליקע נשמהס - וועגן, און אינעווייניק ביים רבין שווייגט מען. די לבנה וואַרפט אַ קאַלטן שטראַל און באַשיינט קאַלט די גרויסע שויבן פון בית־המדרש; אינעווייניק איז פינסטער און עס רודערט זיך עפּעס אין דער שטיל. אויף די טרעפּלעך פון בית-המדרש ליגן עפּעס מענטשן, צי מתים. די קעפּ פאַר־נורעט, די הענט פאַרלייגט איינע אויף די אַנדערע. זיי ליגן שטיל; די לבנה שווימט פאַרביי, וואַרפט אַ קאַלטן שטראַל אויף די ליגנדע. די שול איז פאַרמאַכט, מיט דער שווערער טיר פאַרהאַקט, אַזוי ווי מען וואָלט אינעווייניק עפּעס וואָס אַריינגעכאַפּט און מען לאָזט נישט אַרויס... נאָר פון אַ קליין פענסטערל ערגעץ אין אַ ווינקעלע ביי דער טיר, וואו די חברה תהלים איז, שטראַלט אַרויס אַ שוואַך ליכטיקייט. דער שיין שפּיגלט זיך אָפּ, ווי פאַרטרונקען אין דער פינסטערניש אויף דעם געמויערטן קלאָץ, וואָס שטייט פאַר דער שול, אונטער־שפּאַרנדיק דעם גאַניק פון דער ווייבער-שול. אינעווייניק, אין דער חברה תהלים, זיצט עפּעס אַ מענטש אויף דער ערד און ביי דער שיין פון אַ קליין ליכטל קוקט ער אין אַן אָפן ספר אַריין, און ער שווייגט...

ביי דער רביצן אין עס-צימער האָבן זיך די „כלי-קודש" ווייבער פאַרזאַמלט. טונקל איז אין שטוב, באַלעבט פון שאָטן, און אויף דער ערד, אויסגעבעט מיט קישנס, זיצן אַרום די ווייבער, האַלטנדיק אין די אָרעמס די שלאָפנדיקע קינדער, און האָרכן זיך איין צו דער כשרער, פרומער רביצנס קול, וואָס זיצט אינמיטן דעם קרענצל. אויף אַ שטול איז אויסגע־שפּרייט דער „צאינה וראינה", באַלויכטן פון דעם פאַר־

רויכערטן קין־לעמפל, און די רביצן מיט א וויינענדיקער שטימע דערציילט די מעשה פון חנהן און אירע זיבן זין.

אין בית־דין־שטוב ביים רב איז די אייגענע האלבע פינסטערקייט. אויף דעם טיש ברענט זיך א יאָרצייט - ליכט, אריינגעשטעקט אין א שעפּ פול מיט זאמד, און פון דעם ליכט טריפט דער חלב אין זאמד אריין. אויף דער ערד, אין א ווינקל, באהאלטן דאָס געזיכט צווישן צוויי פּאָליצעס, וואָס זענען אָנגעשטעלט מיט ספרים, זיצט דער רב. טיילמאָל בלאָזט א ווינטל, עמיצער שפּאצירט דורך דער שטוב, ווי א שווערער שאָטן, און דער רב באהאלט דאָס פּנים צווישן די פּאָליצעס ספרים, און ער שוויגט...

אין גאס הערשט אלץ די פריערדיקע שטילקייט, די לבנה בלאָנדזשעט ארום אין הימל און קוקט מיט קאלטע אויגן אויף דעם פינסטערן געסל. אלץ איז ווי עפּעס פּאר־טרונקען אין זיך אליין. צי זענען שוין דען אראָפּגעפאלן גאָטס צוויי גרויסע טרערן און האָבן אלץ, אלץ פארטרונקען?... און עס דאכט זיך אויס, אז אויפן וועג צום בית־עלמין־צו שפּאנט ירמיָהו הנביא איינער אליין. ער גייט צו די אָבות, ער גייט זיי וועקן פון די קברים און באלד וועט זיך אָנהייבן דאָ אין געסל דער גרויסער וכו׳.

# אונזער חברהלע

מיר זענען אָרעמע חברה=לייט, מיר וועלן זיך נישט שעמען, וואַסער=טרעגער פּשוטע, אונזער חברהלע איז אָרעם און אונזער ספר=תּורהלע איז אָרעם. נישט געפּוצט, נישט געשמוקט, אַ פּשוטע.

אַ גאַנצע וואָך זענען מיר דאָך פאַרנומען, אַרבעטס=מענטשן... צרות איבערן קאָפּ. אָבער שבת, זעט איר, דאָרט אין דער חברה...

אונזער חברהלע, אונזער ספר=תּורה.

גאָטס אַ פאָלק, נישט קיין רייכס, אָבער ווי ווייט מ'קאָן, טוט מען דאָך אים צוליב.

ר' טוביה דער צווייטער שוחט, אַ שיינער ייד, וואָס, ניין? — אונזער חזן. ר' גבריאל מלמד — אונזער רבי. צען גילדן אַ חודש און יעדן שבת נאָכן דאַוונען — מיר זענען הונגעריק — דאָך שטייען מיר, און מיר הערן אויס, וואָס דער רבי לערנט מיט אונז.

אונזערס אַ חברה=מאַן פילט זיך גוט אין דער חברה. אין שטאָט=זאַכן, אַ חזן אויפצונעמען, למשל, אָדער אַ שוחט,

וועט מען דאָך אַ נאַש=בראָט קיין דעה נישט פרעגן, קיין עטאַט צאָלט ער נישט און קיין דעה האָט ער נישט: כאָטש די שול קער זיך מיט אונז אָן, פונקט אַזוי ווי מיט זיי; אונ= זערע טאַטעס האָבן פונקט אַזוי די ציגל געבראכט ווי זייערע טאַטעס, און אַ ווייב און קינד האָבן מיר אויך. און אויף אַ שטיקל פרנסה דאַרף אַ נאַש=בראָט אויך בעטן, וואָס, ניין? איז דאָך גאָט פונקט אונזערער ווי זייערער... נאָר גיי שריי חי וקים, אַז דו האָסט קיין געלט נישט, פאַר דעם האָבן מיר אונזער שולכל. אונזער ספר=תּורהלע און אונזער חזן.

יעדער חברה=מאַן צאָלט צען גראָשן אַ וואָך, געלט איז דאָ, און קיין פרעמדע בעל-דעות דאַרפן מיר נישט.

און אונזער איינער איז זיך דאָרט פאַר זיין געלט אַ שיינער בעל=הבית. אין גאַס, למשל, אונזערס איינער, וואָס איז מ'שטיינסגעזאָגט? שלעפ זעק מעל און ווייטער פטור, איינער רייסט דעם צווייטן אָפּ דעם נאָז ביי אַ זעקל מעל, וואָס קאָן מען מאַכן? פרנסה, ברודער! אין דער היים איז אודאי צרות: דער קעלער קאַלט און ווילגאָטש. די קינדער: איינס ווייניט-ברויט, דאָס צווייטע איז קראַנק. און די יידענע, גאָט איינער, די יידענע! אָבער פאַר דעם, אַז עס קומט שבת, יום טוב, טוט זיך אַ נאַש=בראָט די קאַפּאָטע אָן, שמירט די שטיוול מיט אייל אויס און האָלאַ, אין דער חברה.

פיר לאַנגע טישן, דריי לייכטער אויף דעם טיש, איך זאָל אַזוי לעבן. אין מיטן חברה האָסטו דיר אַן „אַלמעמער“. זאָג איך דיר אַ נייעס, אַ צאַצקע. אליעזר דער סטאָלאַר האָט אים געמאַכט, 5 קאַרבוינעס קאָסט ער, כ'לעבן. טאַקע דאָס אָרון=קודשל הינקט אַביסל צו. מילא, וואָס קאָן מען מאַכן, ברודער, אַז גאָט גיט אונז, גיט מען אים... וועט

מען זיך אם ירצה השם פארן „אלמעמער" אויסצאָלן. וועט מען אָן אָרון־קודשל שטעלן, אָבער דאָס ספר־תּורהלע האָט מען עץ־החיים געקויפט, און אַ נייַ העמדל, אויף יום־טוב האָט מען די זילבערנע יד אויסגעלייזט, וואָס זי איז געווען פון גרויסן אומגליק אָן פאַרישבט ביים אפרים קינדער־האָבן. אַז דער גאָסטינינער בחור האָט אונז אַ „מזרחל" אויסגעמאָלט, אין בית־המדרש צו שטעלן. וואָס מען קאָן—מאַכן מיר.

און די גבאים, ביי אונז איז נישטאָ קיין מחלוקות, כאָטש אָרעמע „ווּיסאַבניקעס"—דאָך פאָריאַדעק איז. אין דער חברה „תּמימי דרך"—פּריצים זענען אַלע, ווילן זיי גבאים ווערן, מיר, האָבן זיך אונזער קלפּי, און יעדן סוכּות, אסרו־חג אויף דער נאַכט, קומט מען זיך צונויפצאַמען אין חברה, דער רבי שרייבט אויס קוויטלעך, יעדן חברה־מאַנס נאָמען, מעג ער זיין ווער ער איז, יעדנס. די קוויטלעך לייגט מען אין אַ קאַפּל אַריין און אין אַ צווייט קאַפּל לייגט מען ווייטער ליידיקע קוויטלעך אַריין, מיט דריי אויפגעשריבענע; מז"ט „גבאי ראשון", מז"ט „גבאי שני", מז"ט „גבאי שלישי", און אויף וועמען דער גורל פאַלט, וועמען גאָט באַגליקט, דער זאָל זיך זיין גבאי געזונטערהייט, קיין האָן וועט נישט קרייען.

און דעם גבאי הערט מען. ווער עס הערט נישט — אויס חברה־מאַן. אויף דער וואַנט הענגט, למשל, אַ צעטל: „מען זאָל זיך נישט דערוועגן צורירן צום „ברעטל", אַז דער גבאי וועט נישט הייסן", און דו שטיי דיר, דאָס הארץ גייט דיר אויס פאַר אַ מנחהלע, פאַר אַ קדושהלע, אָבער אַז דער גבאי הייסט נישט — איז „פערפעל", ברודער, פערפעל! זעט איר, למשל, אויף סכּות, דאַרף מען אַן אתרוגל. יעדן ערב־יום־כּפּור גייט דער גבאי אַרום און

נעמט צוזאַמען אויף אתרוג=געלט און יעדער גיט, וויפל ער קאָן. און איר מוזט וויסן, אַז דער עיקר איז אַ שיינער אתרוג, וואָרים, ברודער, האָסטו אַ שיינעם אתרוג – איז דיר אַ גאַנץ יאָר שיין. איז אָבער נישט... דעמאָלט ברודער... און ווידער, גוטער ברודער, מיט וואָס קאָנען מיר גאָט דינען, מיט אַ פּרק משניות, וואָס מיר קענען נישט, אַז נישט מיט אַ שיינעם אתרוג? און פאַרוואָס נישט? וואָס, מען טאָר נישט? אונזער געלט איז אפשר קיין געלט נישט? האַ?

באַלד נאָך יום=כּפּור גייען מיר מיט אונזער רבי צו ר׳ חיים דוד דיין אויסקלייבן אַן אתרוגל. ר׳ חיים דוד דיין איז זיך אַודאי אַז ערלעכער ייד.–ער האַנדלט מיט אתרוגים–דאָך, ברודער, יעדער קוקט פאַר זיך, יעדער באַהאַלט זיך „ממתקימלעך" פאַר די נגידים. מיר חברה „יגיע כּפּים"–אי, עס שאַדט נישט, אָרעמע לייט, ווען מיר מיט אַזאַ אתרוג אויך יוצא זיין.

און דער גבאי בעט אים:

– ר׳ חיים דוד, מיר זענען פּראָסטע יידן, מיר פאַרשטייען זיך נישט אויף די זאכן, מיר גיבן דיר אַזויפיל און אַזוי=פיל און גיב אונז אַן אתרוגל, אַזעלכעס, ברודער=לעבן, וואָס מיר זאָלן נישט האָבן מיט וואָס זיך צו שעמען.

נעמט מן הסתם אַזאַ חיים דוד און גיט אונז אַן אתרוגל. מיר גיבן אַ קוק–„נישט קיין סחורה". עפּעס אַביסל „גרינלעך" און „הויקערט" צו; ווייזט אונז אַ צווייטן „בחור",–קיין לייט נישט.

דער גבאי בעט זיך:

– חיים דוד לעבן, קרוין, מיר ווען דיר באַצאָלן וויפל דו ווילסט, גיב אונז עפּעס רעכטס!

און ער ענטפערט זיך:

– גיט נאָר אַ קוק! איר וועט מיט אַזאַ אתרוג אויך יוצא זיין, נישקשה.

דער גבאי קומט צולויפן: קומט, ברידער!

און וואָס קלערט איר? מיר גיבן אַ קום אריין אַלע, פון קליין ביז גרויס, צו ר׳ חיים דוד, מיר גיבן זיך אַ לאָז זוכן! ר׳ חיים דוד שרייט, שעלט – נאָר דער קאַטער הערט אים, מיר צעוואַרפן די קאַסטנס, מען קלייבט אויס, און מען גיט אונזער רבי דורכצוקוקן. וואָס קלערט איר? דעם בעסטן „העכט" האָבן מיר געפּאַקט. אויף מיינע נאמנות – דאָס שענסטע, פאַרן רב האָט ער געהאַט באַהאַלטן.

מיר האָבן אים גוט באַצאָלט, דריי רובל מזומנים, מיר דאַרפן דען, חלילה, אַז עס זאָל ווער אונז געבן בחנם?

# שמחת תורה אין דער קצבישער חברה

דער עולם האָט זיך נאָכמיטאָג שמיני=עצרת אין דער קצבישער חברה צוזאַמענגעקליבן. מיט מנחה האָט מען ר׳ ברוך פֿישער מכבד געווען און ר׳ ברוך דעם טלית אויף איין אַקסל פֿאַרלייגט און אַ פּן קאָפּ אַ קאַפּעלושל מיט ווייסע שלייפֿערלעך און ווייסע פֿעדעמלעך אַריינגעשטאָכן. שטייט פֿאַרן עמוד און זינגט די יום=טובדיקע שמונה=עשרה, אונטער זיינע פֿיס איז אוועקגעשטעלט אַ באַנק, כּדי ר׳ ברוך זאָל אומפֿאַלן, ווען ער וועט די שמונה=עשרה אויסגיין. מען איז עפּעס דורך די „ימים נוראים=צייט" מיט גאָט נאָענטע מחותּנים געוואָרן, — „אויף דו"...

ר׳ ברוך האָט שוין שמונה=עשרה אָפּגעזאָגט, דער עולם איז אַרויס מיט אַ פֿריילעכן קדיש, אַזוי ווי דאָס מאָל וואָלטן די געשטאָרבענע מוחל געווען, אַז מען זאָל פֿאַר זיי בעטן... און ר׳ ברוך איז שוין אומגעפֿאַלן, ווי מען האָט געוואַרט, מען האָט אים מיט געזאַנג אויפֿגעהויבן און מיט גרויס פֿאַראַד געפֿירט צום טיש, אַנידערגעזעצט אים אויבן=אָן, ביים „רבין", און מכבד=געווען מיט צוויי שטיקער לעקעך.

דער עולם איז געזעסן ארום ביי די טישן, און די גבאים האָבן דערלאַנגט.

און לעקעך האָט מען געטיילט אומגעוואויגן, און בראָנפן האָט מען געגאָסן אומגעמאָסטן.

ביי דער טיר זענען געזעסן זעקס בחורימלעך אויף איין זייט, זעקס בחורימלעך אויף דער צווייטער זייט: באַהעלפער פון חדרים, אתרוג=ארומטראָגערס, הושענה=מאַכערס, לולב=בינדערס. די צוועלף בחורימלעך האָבן געדינט אַלס מוזיק אויפצונעמען יעדן חברה=מאַן, וואָס קומט אריין, מיט אַ פריילעכן „ברוך=הבא" און אָפּצוקנאַלן אַ „גוט=יום=טוב" ביי אַ טרונק בראָנפן.

דער עולם האָט נאָר ביר געטרונקען, דעם לעקעך האָט יעדער פאָטער צעטיילט די קינדער, וואָס זענען מיט אין דער חברה געווען, און די עפּל, און די ניס האָט מען באַהאַלטן פאַר די ווייבער אין די קעשענעס.

די גבאים, אָנגעטאָן אין ברייטע פאַרטוכער, האָבן דערלאַנגט, דער עולם האָט געטרונקען. דער חברה=חזן מיט די משוררים האָבן אַ פריילעכן ניגון געזונגען, און דאָס יינגל, דאָס קוויטשערל, האָט אין דעם ניגון אַ טרויעריקן „ונתנה=תוקפדיקן" טאָן אריינגעכאַפּט, און דער באַס האָט אַ בעמעלע געגעבן: אוי,-אוי,-אוי,-און דער עולם האָט מיטגעהאָלפן: אוי,-אוי,-אוי,-האָט עס אויסגעזען עפּעס, ווי אַ פריילעכער יום=כפור.

און וואָס אמאָל האָט זיך דער „אוי=אוי" אַלץ מער פאַרגרעסערט, אַלץ שטאַרקער געהילכט. און האָט אַ ייד אַ בליק אין פענסטער געוואָרפן און די פאַרלאָפענע שויבן געזען, האָט ער מיטגעברומט: אוי=אוי, אוי=אוי, דער ווינ=טער קומט, דער ווינטער קומט!

אַ צווייטער ייד האָט מיטגעזונגען: „דער אוידון איז צעבראָכן", און אַ דריטער ייד האָט מיטגעזונגען: „און דער פעלץ איז אויסגעקראָכן", און דער איבעריקער עולם האָט אַ ברום געגעבן: „און קיין געלט איז נישטאָ" —

— „אוי־אוי, אוי־אוי".

און אַזוי האָט דער עולם אונטערגעהאָפּט, ביז עס איז טרויעריק־פריילעך געוואָרן, און ר' ברוך פישער האָט דער ערשטער זיך פון אָרט אויפגעהויבן און האָט זיך אַ לאָז געטאָן טאַנצן.

שישו ושמחו בשמחת תורה!.. היידא, עולם! היידא! היידא!

— צוויי גילדן אַ פונט פישלעך—האָט אונטערגעבראָכן זינגענדיק, אַנטשל קצב און איז צו צו ר' ברוך און אים אָנגענומען פאַרן לאַץ.

— פערציק גראָשן אַ פונט פלייש - האָט ר' ברוך געזונגען, האַלטנדיק ר' אַנטשלען פאַר דער האַנט, און דער עולם איז אַרויס מיט אַ הילך:

— גוט־יום־טוב! גוט־יום־טוב!

באַלד האָט זיך דער עולם איינגעשטילט. דער רבי פון דער חברה האָט דעם גרויסן מדרש אין האַנט גענומען, פון וועלכן ער פלעגט יעדן שבת לערנען, אויפגעעפנט עס און אָנגעהויבן:

— נו, רבותי!

— רבי, אַ שטיקל, אַ פריילעכס.

— אַ יום־טובדיקס, רבי, — האָט דער עולם געזאָגט.

— זיי ווילן אַן אַגדתא, רבי, נישט קיין „הלכה", — האָט ר' מרדכי קצב זיין בקיאות פאַרן עולם אַרויסגעוויזן.

דער רבי האָט אַ שמעק טאַבאַק גענאָסן און אָנגעהויבן זאָגן:

— מיר וועלן מסיים זיין דעם מדרש.

— אַז עס איז געקומען די צייט, ווען משה רבינו זאָל נפטר ווערן, האָט ער ביי גאָט געבעטן: „רבונו־של־עולם, פערציק טעג, פערציק נעכט בין איך ביי דיר געווען, בעט איך דיר, זאָלסט מיך נישט איבערגעבן דעם מלאך־המות״...

— רבי, אַ פריילעכס — שרייט דער עולם.

— ניין, רבי, טאַקע דאָס, — שרייט ר׳ ברוך און טרערן באַווייזן זיך אים אין די אויגן, — אָט אַזוי ווייטער.

דער רבי זאָגט ווייטער:

— דעמאָלט האָט זיך משה געזעגנט ווי אַ מלאך, און גאָט אַליין האָט אַראָפּגענידערט צו אים, צוצונעמען זיין נשמה, און דריי מלאכים זענען מיט הקדוש־ברוך־הוא: מיכאל, גבריאל און זגזגאל.

— אַ רוח זאָל... אָט... — כליפּעט ר׳ ברוך און קלאַפּט אין טיש אַריין, — ביר! גבאים, וואָס שלאָפט איר? אונזער משה רבינו, נעבעך, אונזערער.

און טרערן באַווייזן זיך אים אין די אויגן.

— אונזער הייליקער משה־רבינו, — און ר׳ ברוך פישער איז צו צום אָרון, אויפגעעפנט דאָס פרוכת, און ער האָט דער חברהס ספר־תורה אַרויסגענומען. אָנגעקליידעט איז עס געווען מיט דעם נייעם ווייס־אַטלאַסן מאַנטעלע, און פון זילבער אַ מגן־דוד אויסגענייט. און ר׳ ברוך האָט מיט דער ספר־תורה אַ טענץ אַרום „שלחן״ געמאַכט.

— שישו ושמחו בשמחת תורה, אונזער הייליקער משה רבינו...

און ער האָט געוואַרט ביז דער עולם וועט אים אונטערהעלפן...

און דער עולם איז אַרויס פון טיש.

— גוט־יום־טוב! גוט־יום־טוב!

— אין שול אריין, אין שול אריין! — און דער עולם האט זיך געלאזט אין שול.

צוערשט זענען געגאנגען די בחורים מיט א פריילעכן ניגון, דערנאך די קינדער מיט די ברענענדיקע פאנען, און ר׳ברוך פישער אין הויזן מיט א שפענצער, מיט דעם קאפעלושל, מיט די ווייסע פעדערן אויפן קאפ. ער האלט אין האנט די ספר־תורה און טאנצט דערמיט אין גאס, און זינגט הויך אויפן קול.

— שישו ושמחו בשמחת תורה, אונזער הייליקער משה רבינו!

און דער עולם מיטן „רבי" גייען נאך ר׳ ברוכן, און דערנאך גייען די ווייבער פון די חברה־לייט, יום־טובדיק געקליידעט. פון פארנט שפרינגצע, ר׳ ברוך פישערס ווייב, פירט דעם פאראד.

עס האט שוין אנגעהויבן צו טונקלען, און פאר יעדן פענסטער האבן ליכטלעך געפינקלט, און ווייבער, און מיידלעך זענען מיט לייכטער און לאמפן פאר דער טיר ארויס צו מאכן אן אילומינאציע פאר דער הייליקער תורה.

און ווייבער מיט ברענענדיקע ליכט זענען דער הייליקער תורה נאכגעפאלגן.

און טונקל ווערט. די הערבסט־נאכט פאלט שווער איבער דעם שטעטל צו, און יידן גייען דארט... ווייט... עס פינקלען נאך די ליכטלעך, און עס הערט זיך נאך פונדערווייטנס ר׳ ברוך פישערס קול.

— שישו ושמחו בשמחת תורה. אונזער הייליקער משה רבינו... אונזער משה רבינו...

---

די יידן האָבן געכאַפּט גאָט אין קרענצל אַריין, און גע־מאַכט, מחילה, מיט אים אַ טענצל. דאָס אָרון־קודש איז אָפן און אַ ליכט ברענט זיך דאָרט, די קינדער האַלטן פאָנען אין די הענט, אויף די שטעקלעך פון די פאָנען זענען רויטע עפּע־לעך און אין זיי זענען אַריינגעשטעקט ברענענדיקע ליכטלעך. די קינדער שטייען אויף די בענק און שרייען: „גוט־יום־טוב! גוט־יום־טוב!" אויסגעמישט איז דער עולם: נישטאָ היינט קיין אונטערשיד, היינט זענען אַלע גלייך. סיי רייך, סיי אָרעם — אַלע זענען „מורנו'ס". יעקל וואַסערטרעגער האָט זיך אַרויפגעכאַפּט אויבן־אָן, אויף מתתיהו גאָלדמאַנס שטעל, באַלד ביים רב, אין דער מזרח־וואַנט. און ר' יעקל וואַסער־טרעגער רייבט זיך צו צום קרענצל נגידים, וואָס שטייען ביים רב, און ר' יעקל וואַסערטרעגער גיט אַ שאָקל מיטן קאָפּ און זאָגט הויך: „גוט־יום־טוב, רבי!" און שאָקלט זיך פרום.

די חברה־לייט קומען זיך צונויפֿ... די חברה־לייט קומען זיך צוזאַמען אין שול אַריין, יעדער פאָלק מיט זיין שטאַב און זיינע פאָלקאָווניקעס, יעדע חברה מיט איר הייליק ספר־תורה, פּאָרויס, און מיט אירע גבאים, מיט לעקעך און בראָנפן, מיט אירע חברה־לייט, חברה־ווייבער און חברה-קינדער. יעדע חברה קלייבט אויס איר דעלעגירטן און שיקט אים מיט דער ספר־תורה אַרויף אויפן באַלעמער. און דאָ, אויפן באַלעמער, קאָנט איר דערקענען יעדע חברה מיט אירע סימנים. אָט זעט איר אונזער באַקאַנטן ר' ברוך פישער (דעלעגירט פון דער חברה קצבים). אָט שטייט ער מיט דעם קאַפּעלושל אויפן קאָפּ, אין די הויזן מיטן שפּענצער, און האַלט דער חברהס ספר־תורה און די חברה־לייט קוקן אויף ברוכן און קווענקלען פאַר נחת. נעבן אים שטייט דער דעלעגיר־טער פון דער חברה „פּועלי־צדק" (שניידערס און שוסטערס), ר' געצל, דער טאָג־חזן פון בית־המדרש, וואָס זיין רעדן איז

שטענדיק מיט דעם ניגון פון „וישתבח". די חברה „פועלי־צדק" האָבן זיך געלאָזט באַנוגענען דערמיט, וואָס זייער דע־לעגירטער, ר' געצל, טראָגט אַ פּאַרקערטע קאַפּאָטע מיט אַ פּאַרקערטער הוט, און דאָס ספר תורה פון דער חברה „פועלי־צדק" האָט אַ שיין סאַמעט מאַנטעלע מיט אויסגעהעפטע לייבן. פון דער חברה „תמימי־דרך" (בעלי־בתים, סוחרים, אָרנטלעכע שניידערס) איז דעלעגירט ר' אפרים עָקר, אַ ייד, וואָס האָט קיין קינדער נישט און וואָס האָט פאַר זיין אייגן געלט אַ ספר־תורה געלאָזט שרייבן.

דער דעלעגירטער פון דער חברה „תמימי־דרך" טראָגט אַ פּאַרטוך אויפן קאָפּ, און די ספר־תורה — אַ זילבערנע „עטרה", מיט אַ זילבערנעם „יד". פון דער חברה „נקי כפים" (טרעגערס און וואַסער־פירערס) איז דעלעגירט עפּעס אַ הויכער יינג, וואָס האָט תמיד אַ פאַרבונדן אויג, אַז מען מיינט, דאָס ער איז געבאָרן מיטן טיכל אויפן אויג, און דאָס טיכל איז אין דער וואָכן שמוציק, שבת—האַלב ריין, און יום־טוב—קלאָר. ער האַלט אין דער האַנט דער חברהס ספר־תורה, אַ נאַקע־טעס, נעבעך, און אַ קליינס — אַן עופּעלע פּשוט, און טראָגט, ווי אירע בעלי־בתים, אַ צייגן מאַנטעלע און די עטרה מיטן יד זענען נעבעך פאַרישבט.

באַלד איז מען מכבד דעם רב פון דער שטאָט מיט ער שטאָטס ספר־תורה, אַ גרויסע, מיט אַ גאָלדענער „עטרה" און מיט אַ גרויסן גילדענעם יד.

און דער „חזן" מיט די „משוררים" דאָרט ביים „עמוד" האָבן דעם סיגנאַל געגעבן, און ער איז אַרויס מיט אַ גע־זאַנג, דער רב מיט דער ספר־תורה פון פאָרנט, און נאָך אים ר' אפרים, דער דעלעגירטער פון דער חברה „תמימי־דרך" מיט זיינע חברה־לייט און גבאים און חברה־ווייבער און

חברה=קינדער, דערנאָך דער דעלעגירטער פון דער חברה קצבים, ר' ברוך פישער מיט דער חברהס ספר=תורה, און חברה=לייט, און מיט די גבאים, און מיט חברה=ווייבער, און חברה=קינדער, און דערנאָך ר' געצל, דער דעלעגיר=טער פון דער חברה „פועלי=צדק" מיט זיינע חברה=לייט, און דערנאָך דער היכער יינג מיט דעם פאַרבונדענעם אויג, מיט דער נאַקעטער ספר=תורה אין האַנט.

און דער אַרומיקער עולם האָט אַ וועג געמאַכט פאַר דעם עולם מיט דעם „עוזר=דלים".

---

פינסטער איז שוין געווען, אין גאַס האָט געבלאָזן אַ קאַלטער הערבסט=ווינט. פון אויבן, פון הימל, האָבן די שטערן קאַלט אַראָפּגעשיינט. דאַכט זיך זיי שרעקן עפּעס...

---

# חורבן-ירושלים

## ערשטער געזאַנג

די כשדים אַרום ירושלימס מויערן. — ירמיהוס געוויין לאָזט נישט ירושלים חרוב-מאַכן. — די מלאָכים ברעכן די מויערן איין. — דער בית-המקדש ברענט. — די לויים מיט זייער געזאַנג. — די וועב-מיידלעך מיט זייערע פּרוכתן. — דער אוצר פון די היילן אין בית-המקדש. — די שטילע תּפילות. — די זון וויל נישט איבער דער וועלט שיינען.

צעטרעטן ליגט יהודה צו נבוכדנצרס פיס. שוין איינגעזאַמלט דעם גאַנצן כשדים-חיל אַרום ירושלימס מויערן האָט דער פיינט. אַלע וועגן אָפּגעשניטן, אַלע וואַסערן, וואָס פליסן קיין ירושלים, פאַרשטאָפּט. האַרט ביז צו מויערן גייען די כשדים שוין צו. שוין ווייזט זיך קעגן זיי קיין העלד נישט מער, קיין פייל, קיין שפּיז פון ירושלימס זייט ווערט נישט מער געוואָרפן צו זיי — אָבער ירושלים נעמט ער דאָך נישט איין. עס האָבן צייט די כשדים-העלדן צו לאָקן זייערע בערד, זאַפּן זיך די האָר אין די אייל-געשירן און קנייפּן און קאַרבן זייערע בערד און האָר. עס פּיטערן זיך רויק נעבן זיי זייערע געפּוצטע פערד. דער פיינט נעמט ירושלים נישט איין.

יעדעס מאָל, ווען נבוכדנצר קומט צו ירושלים צו, ווערט זי פאַרהוילן פון זיינע אויגן. עס פאַרשווינדט דער וועג, און אוועקגעוואָרפן ווערט ער פון ירושלימס מויערן אויף מיילן ווייט. עס פאַלן די שפּיזן אויף זיינע אייגענע חילות צו. צי ווי מיט אשור שפּילט יהוה מיט אים אַ שפּיל? אָ, עס ציטערט דער פיינט.

און דאָך אויף דער צווייטער זייט מויער – אויסגעשטאָרבן ליגט ירושלים. ווי ארויסגעוואָרפענע שמאַטעס, וואַלגערן זיך אַרום איבער די ווייסע גאַסן די שענסטע ווייס־לויכטנדע לייבער פון די טעכטער פון ירושלים. קיין פיינטס שווערד האָט זיי נאָך נישט אָנגערירט. דאָס זענען זיי אַזוי דורך הונגער פון זייערע פּאַלאַצן ארויסגעוואָרפן געוואָרן. עס ברענט די זון איבער זייערע נאַקעטע לייבער, און זיי פילן דאָס ליכט נישט מער. אויסגעטריקנט, געלעכצט נאָכן טרונק, איז זייער בלוט פאַרשלאָפן געוואָרן אין זיי. די ליפּן, ווי פאַרברענטע רויזן פון זומער־היצן – איינגעשרומפן. עס דרימלען די קראַנקע יינגען.

עס באַוועגט טיילמאָל אַ פאַרחלשטע פרוי מיט איר האַנט און זוכט נעבן זיך איר איינציק קינד, וואָס ווי אין חלום שוועבט זיין געשטאַלט פאַר איר. טייל קינדער מתים האָבן זיי ליגן נעבן זיך; טייל קינדער, קריכנדיק אויף אַלע פיר, נויגן זייערע פאַרלעכצטע מיילעכלעך, זוכן פאַרשמאַכט, ווי אין קראַנקהייט, נאָך דער מוטערס נאַרונג. געפינט די אויסגעדאַרטע ברוסט, וואָס ווי אַ פאַרטריקנטע פרוכט, נאָגט דאָס קינד פון איר הוילע לופט אין זיך אריין. ווי דורך אַ שלייער פילט די פאַרחלשטע מוטער די שטילע גסיסה פון איר קינד, און זי צאַפּלט אויף צום לעצטן מאָל

און טראָגט איר פּאַרטריקנטע צונג אין דעם שטאַרבנדן קינדס מײַלעכל אַרײַן.

שווײַגנדיק רוקט זיך די נאַכט צו, ווי אַ שוואַרצע חופּה איבער אַ טויטער כּלה. עס הילן זיך די גאַסן אין שאָטן אײַן. און אויף אַלע פיר הויבן קראַנקע אָן פון זײַ־ערע לעכער אַרויסצוקריכן. צי זענען עס יונגע, צי זענען עס אַלטע? אַלע זעען אויס גלײַך. זיי נויגן זייערע מײַלער צו דער ערד צו, לעקן מיט זייערע צונגען, ווילן פון דער ערד אָפּקריבן דעם טוי, וואָס די נאַכט הויכט אָן אויף איר. אָבער מיט שטויב דעקן זיך זייערע מײַלער צו. טרוקן זענען די נעכט און לייגן זיך שווער, ווי אַ גוף פון אַ בר־מנן, איבער דער ערד. אָנגע־פּילט מיט טויט איז די לופט, די נשמה ווערט געבונדן אין דעם גוף אין אַזאַ נאַכט, און פאַרחלשט, מיט בענקענ־דיקע בליקן קוקט ישראל, ווי נאָך אַ ישועה אויס, נאָך דעם פּײַנט.

אָבער דער פּײַנט קאָן ירושלים נישט נעמען. נאָך שטייט אויפן הר־הבית ביים מזבח דער כּהן אין זײַן ווייסן געוואַנד און ברענגט דעם קרבן צו גאָט אין דער ריכטיקער צייט. פאַרשוואַכט ווערט ער פון דעם גערוך פון פלייש, וואָס ברענט זיך אויפן מזבח פאַר אים. דער ווײַן גייט אין זײַנע פאַרטריקנטע געדערים אַרײַן. און שיכּור און קראַנק פון דעם גערוך פון ווײַן און פלייש, וואָס זײַנע הוילע גע־דערים ווערן אָנגעבלאָזן מיט אים, שלעפּט ער זײַן קראַנקן גוף פון מזבח אַוועק. אויף אַלע פיר קריכט ער פון דער עזרה אַרויס, נויגט זײַן קאָפּ צו דער וואַנט צו און ער הויכט זײַן נשמה אויס, מיט דעם פאַרחלשטן שמייכעלע אויף זײַנע ליפּן, אַז ער האָט מיט זײַן נבלה די עזרה נישט טמא געמאַכט.

נאָר נישט איבער דעם קרבן, וואָס דער כהן ברענגט צו גאָט, קאָן ירושלים נישט פאַלן. פאַרזינדיקט האָט זיך ישׂראל, און גאָט איז אַוועק פון אים. פון מצרים האָט ער אים אַרויסגענומען, אין דעם לאַנד, וואָס צו זיינע עלטערן צוגעזאָגט, האָט ער אים אַריינגעבראַכט. משהן האָט ער געשיקט צו זיי, אַ תורה זיי געגעבן, געמיינט, זיי וועלן זיין די לערער פון דער וועלט, זיינע געזעצן די פעלקער לערנען, דערציילן ווער יהוה איז. דורך דורות, דורות האָט ער זיי נביאים געשיקט און אָנגעזאָגט: „זייט די וועלט, זייט דאָס ליכט. נישט קיין אָקסן און נישט קיין קאַלב וויל איך פון אייך, נישט קיין געשרייען און נישט קיין געבעט. דעם שוואַכן העלפט, פאַר דעם אָרעמאַן און פאַר די יתומים נעמט אייך אָן". הינטער יעדן בוים זיך געצן געשטעלט און פון אומווירדיקע פעלקער זיך מדות געלערנט. אַ, עס האָט אויפגעברענט דער צאָרן אין גאָט אויף זיין אויסדערוויילט פאָלק.

געציטערט האָבן די יסודות פון דער ערד, געדונערט דער הימל, און דער ים איז ווי אַ מויער געבליבן שטיין. די שטערן און די זון האָבן זיך אין די לעכער באַהאַלטן, נישט געוואָלט גיין זייער שליחות אויספירן און שיינען איבער דער וועלט, ווען גאָט האָט געשוואָרן ירושלים אונטערצוברענגען, דעם בית־המקדש צו פאַרברענען. מיט אייזערנע ריטער האָבן זיי די מלאכים פון זייערע באַהעלטעניש אַרויסגעשמיצט און מיט געוואַלט זיי געטריבן איבער דער וועלט ליכטן צו גיין. אָפּגעצויגן האָט דאַן גאָט פון דער ערד, וואו מענטשן האָבן אים געשאַפן אַ היים, אין די הימלען איז ער אַוועק, צוריק געלאָזן האָט ער זי אַליין, פאַרשלאָסן די הימלען איבער איר, דעם שער־הרחמים

צוגעמאַכט און באַשוואוירן האָט ער די מלאָכים, פאַר אים נישט צו ברענגען קיין געבעט און קיין געוויין. מלאָכים מיט פייערדיקע ריטער האָט ער ביים שער הרחמים אוועק־געשטעלט — אָפּצוטרייבן די תּפילות, וואָס דרינגען פון דער וועלט אַרויף צו זיי, איבערגעלאָזט די וועלט צו איר מזל אַליין. אָ, פינסטערע כּוחות, גייט פון אייערע באַהאַל־טענע לעכער אַרויס און פּירט אויס אייערע מעשׂים! עס פרעסט שוין דער שטאַרקער דעם שוואַכן, און קיין גע־רעכטיקייט איז נישטאָ מער. עס רייסן די בליטן איינע פון דער צווייטער דעם זונען־שטראַל אַרויס. די וואָרצלען אין דער ערד קריגן זיך צווישן זיך און גנבענען איינער פון דעם אַנדערן דאָס חיות אָפּ. אָ, דאָס ווערימל, אויף גאָטס חסד ביז אַהער געשיצט, צו שפּייז דעם שטאַרקן איז עס געוואָרן, און גאַנצע מינים באַשעפענישן גייען שוין אונטער דער זון. אָ, עס נויגט זיין שוואַך קעפּל דאָס אָרעמע גרעזל צו דער זון צו און פּרעגט אויף גאָט. דאָס קליינע פעלד־פייגעלע, איבערגעלאָזט אין נעסט אַליין, קלאַפּט מיט זיינע יונגע פליגלען, פּישטשעט מיט זיין שנאָבל, און זיינע אייגעלעך קוקן מיט אַנגסט דעם טויט אַנטקעגן — זוכנדיק גאָט. נאָר פאַרשלאָסן האָט גאָט זיינע הימלען איבער דער וועלט און איבערגעלאָזט עס צו זיין מזל אַליין.

אָבער ווי אַ שפּיז שטעכט דעם פאַרשלאָסענעם הימל אָן איינזאַמער געוויין, ווי אַ שרייען פון אַ קינד, קלאַפּט אויפן שער הרחמים אָן און דרינגט אַריין צו גאָט — עס איז ירמיהוס געבעט, וואָס שפּאַרט אַזוי אין די הימלען אָן. איינגעהילט אין זיין ווייסן געוואַנד, דרייט זיך דער מאַן פון פיין צווישן די לעבעדיקע מתים אַרום. אין גרוב האָבן זיי אים געהאַט אַראָפּגעוואָרפן, געוואָרפן שטיינער אויף

אים, ווען ער האָט זי אָן זייער שלעכטס דערמאָנט. יעצט, ווי אַ שאָטן דרייט ער זיך צווישן זי אַרום, און ווי דער רוף פון קינד וועקט די גוססדיקע מוטער פון טויט צוריק — אַזוי לאָז, ירמיהוס קרעכצן ירושלים נישט שטאַרבן. איינגעזאַפּט אין יעדן זיין טראָפּן בלוט די לייד פון זיין פאָלק, דריקט ער צו זיין פאַרדאַרטער ברוסט די קאַלטע קערפּערס פון די טויטע קינדער צו. און ווי אַ פאַרוואונדעטע חיה שרייט ער אויף מיט פאַרבלוטיקטע אויגן און רופט צום הימל צו: „גאָט, זע די שאַנד, זע!" אין די ווינקלעך באַהאַלט ער זיך, זיצט אָפּ דאָרט טאָג און נאַכט, ווי אַ משוגענער בליקט ער אַרום זיך שטום און רעדט צו זיך אַליין. גאָט קוקט דאָך אין זיין האַרץ אַריין און ער ווייס ירמיהוס לייד. איינזאַם שלייכט זיך זיין געבעט אין דער בלייענער לופט אַריין, שלאָגט זיך אַדורך דעם וועג אין פאַרוואָלקנטן הימל. עס טרעטן צוריק פאַר ירמיהוס געשריי די שטרענגע מלאכים מיט זייערע ריטער, ווי אַ שטורם יאָגט זי ירמיהוס געבעט פון פאַרשלאָסענעם טויער אָפּ. און עס ברעכט זיך אין דעם הימל אַריין און טרעט פאַר גאָט פאַר — און לאָזט ירושלים נישט שטאַרבן.

אָבער עס בענקט דער חולה נאָכן טויט, און פון גסיסה־בעט גענאַרט מען דאָס ווייַנענדיקע קינד אָפּ, עס זאָל לאָזן די מוטער שטאַרבן רויק. אַזוי האָט גאָט ירמיהון פון ירושלים אַרויסגענאַרט. געזאָגט האָט ער אים: „נאָך ענתות גיי און קויף דאָרט אַ פעלד ביי דיין פעטער דיר אָפּ. און זעץ דיך רויק אויף דעם לאַנד — נאָך וועט דער פיינט ירושלים נישט נעמען, — און רויק קאָנט איר בלייבן דאָ נאָך אויפן אָרט".

און ווי ירמיהו האָט נאָר געטרייסט די טויערן פון ירושלים פאַרלאָזט, זענען פיר מלאכים פון הימל אַראָפּגעני־דערט און האָבן זיך אויף די מויערן פון ירושלים געשטעלט,

אָנגעגנומען בײַ די װענט און צעבראָכן זײ. נישט נבוכדנצר, נישט נבוזרדן האָבן די הײליקע שטאָט אײַנגענומען, נאָר װי משה דורך גאָטס קוש געשטאָרבן — האָט גאָט אַלײן זײַן שטאָט צעבראָכן. אַראָפּגענידערט האָבן פיר מלאכים פון הימל אַראָפּ, פּאָקעלן האָבן זײ געהאַלטן אין זײערע הענט, בײַ די פיר װינקלען פון בית־המקדש זיך אװעקגעשטעלט און גאָטס הױז אונטערגעצונדן.

געשטאַנען זענען די כהנים בײַ זײער עבודה און האָבן דעם קרבן אויפן מזבח געבראַכט, און די לוים מיט זײערע האַרפן האָבן פאַר גאָט אַ ליד געזונגען. דערזען האָבן זײ דעם פײַער פון דערװײַטן, װי ער האָט אַרומגעכאַפּט די פיר װענט פון מקדש, זײער אָרט האָבן זײ נישט פאַרלאָזט און װײַטער זײער עבודה געטאָן. שױן כאַפּט דער פײַער די עזרה אָן, דאָס פּימפּסן־האָלץ צװישן די מעשענע זײַלן קנאַקט, און עס רױטלט זיך דאָס פלאַם אין זיבן־פאַרביקן קאָליר, — רױיק שטײען װײַטער די כהנים בײַ זײער דינסט, און העכער שאַלט דאָס ליד פון די לוים. עס בריט דער מאַרמאָר־שטײן אונטער זײערע פיס, דאָס גאָלד טוקט זיך אין פלאַם, און זײ פילן נישט קײן לײד; דאָס פײַער כאַפּט דעם פּרוכת־אָן, צינדט זײער װײַסן געװאַנד אונטער, שױן ברענען די פידלען אין זײערע הענט, עס קנאַקן די סטרונעס, עס ברומען די האַרפן זײער לעצטן קרעכץ, און העכער שאַלט דאָס ליד פון די לוים. עס כאַפּט דער פײַער דעם געזאַנג און ברענט עס אונ־טער אין זײַן פלאַם, און עס טריפן דערפון טראָפּנס בלוט אין פײַער אַרײַן. הויך װאַרפן די כהנים די שליסלען פון בית־המקדש צום הימל אַרויף. עס כאַפּן זי מלאכים פון פײַער אונטער און טראָגן זײ צום הימל צוריק. און זײ גײען, די כהנים, צו זײער עבודה צוריק און, װי זײער קרבן, װערן זײ פאַרברענט פאַר

גאָט. עס קומען צוגיין די וועב־מיידלעך, די טעכטער פון די כהנים און לויים. געהאַט האָבן זיי אין אַ ווינקל פון בית־המקדש זייערע וועב־שטולן שטיין, געשטריקט האָבן זיי מיט גאָלדענע פעדעם אויף פּורפּור־צייג די פּרוכתער פאַרן בית־המקדש. געהילט האָבן זיי זייערע יונגע לייבער מיט די האַלב־געוועבטע פּרוכתער פון פּורפּור־שטאָף אין גאָלדענע פעדעם, און ווי די לויים מיט זייער ליד וועלן זיי מיט זייערע שטיקערייען אין דעם בית־המקדש־פייער פאַרברענט. עס שיסט דער פייער זיין פריידן־געשריי, — צי איבער דעם פרישן מיידל־לייב, צי איבער דאָס גאָלד און פּורפּור־געוועב, ברומט ער זיין פריידן-געזאַנג? עס פאַלן די ריזן, די יסודות פון דער וועלט, די קופּערנע זיילן פון בית־המקדש, ווי געט־לעכע הרוגים לייגן זיי זיך אין פייער. עס רויטלט זיך זייער גלאַנץ ווי מיט בלוט באַגאָסן. און עס איז, ווי נישט־ערדישער שטאָף וואָלט אין פייער פאַרצערט געוואָרן, נאָר שטיקער הימל־וואָלקן טוקן זיך אין לעצטן רויטלעכן זונען־ליכט. קלאָר איז מיטאַמאָל געוואָרן דאָס ליכט, און פון דער לאַזור־שיין, וואָס מיט איר באַשיינט די זון דעם הימל אין מיטאָג־שעה, איז דער פייער באַהעלט געוואָרן, ווי אַריינגעגאָסן וואָלטן זיך קוואַלן לבנה־ליכט אין דעם ים זונען־שיין — אַזוי לויכט זיך ליכט אַדורך ליכט. און אַ גערוך האָט זיך איבער דער וועלט פאַרשפּרייט, ווי דער ריח פון גן־עדן וואָלט אויף דער ערד אַראָפּגעגאַנגען געהאַט. דאָס האָט דער פייער דערגרייכט צו די אוצרות איילן, וואָס זענען אין אַ ווינקל פון בית־המקדש באַהאַלטן געשטאַנען פון דוד המלכס צייטן. יעדער כהן־גדול האָט געהאַט זיין אייל — געשטעלט איז געוואָרן דער געשמאַק נאָך דעם כהנס גוסט, לויט זיין יחוס און לויט זיין איידלקייט. איבערגעגעבן איז געוואָרן דער סוד פון די

איילן — רייבן די געווירצן, די געבליטן און די קרייטעכצער — פון דור צו דור, צו שטעלן דעם געררוך לויט דעם משפחה־ריח. וואָרים יעדע איידעלע משפחה אין ירושלים האָט אירע אייגענע איילן געהאט. און נאָך דעם ריח פון דעם לייב האָט מען דעם יחוס דערקענט. פיל איילן זענען דאָרט געווען, וואָס ווען מען האָט זייער ריח דערשפירט, האָט מען צו זינדיקן אויפגעהערט און אַן איידלקייט איז אַריין אין האַרץ, און בעסער איז געוואָרן דער מענטש. נאָר איין אייל איז דאָרט געווען, פון יענעם קריגל, וואָס שמואל הנביא האָט דערפון דוד המלך געזאַלבט, און קוים האָט ער דערפילט זיין גערוך, האָט די שכינה גערוט אויף אים, און ער האָט געוואוסט, ווער עס איז גערעכט, און ווער אומגערעכט. דעם קריגל האָט אַ מלאך פון בית־המקדש צוגענומען און פאַרן מלך המשיח אויפבאַוואָרט.

אויפגעגאַנגען זענען די אַלע איילן אין פלאַם פון בית־המקדש. און צעטראָגן זייער געשמאַק האָט דער ווינט איבער דער גאַנצער געגנט אַרום. און וואו עס איז נאָר געווען אַ שוואַכער אויף צוויי טויזנט מייל, אַז ער האָט דעם גערוך דערפילט, איז ער באַלד געגעזן געוואָרן. און וואו עס איז נאָר געווען אַ זינדער, וואָס האָט בדעה צו זינדיקן געהאַט, אַז ער האָט נאָר דעם ריח דערפילט, איז אין אים אַן איידלקייט אַריין — גוט געוואָרן און תשובה געטאָן.

פון דעם פייער האָבן זיך יונגע ווייסע מלאכים געטראָגן, מחנות, מחנות, ווי די טויבן זענען זיי פון דעם פייער געשטיגן און זענען אין די וואָלקנס אַריין און פאַרלאָרן געוואָרן אין דער טיפקייט פון הימל. עס זענען דאָס געווען די סודות פון קדשי־קדשים, וואָס האָבן זיך מיט גאָט אויפבאַהאַלטן. יעדע שטילע תפילה, יעדער שטילער נדר, באַהאַלטענער קינדער־געוויין און שטומע לייד, וואָס קיין מענטש זעט זיי נישט, נאָר

נאָט אַליין ווייס דערפון, — האָט גאָט זיי ווי אַ טייערע פּערל־שנור צונויפגעקליבן און אין זיין קדשי־קדשים אויפבאַוואָרט. אַלע די כשרע נשמות זענען מיט אים, ווי טויבן־געשטאַלטן, אין הימל געפלויגן, ווען גאָט האָט זיין הויז פאַרלאָזט.

לאַנג האָט זיך געצויגן די נאַכט פון חורבן־בית־המקדש. די זון האָט נישט געוואָלט אַרויסגיין שיינען איבער דער וועלט, ווען עס איז געקומען איר צייט, אָ, געשלאָגן האָבן זי די מלאכים מיט פייערדיקע ריטער. באַהאַלטן האָט זי זיך אין אירע באַהעלטענישן אַריין: „צו־וואָס זאָל איך איבער דער וועלט שיינען גיין, ווען דער בית־המקדש איז שוין מער נישטאָ אויף איר?" זענען זיי צו דער נאַכט געקומען און האָבן געזאָגט: „בלייב דו איבער דער וועלט". האָט זי גע־ענטפערט: „מיין צייט איז פאַרביי". אַזוי האָט די נאַכט נישט געוואָלט מער איבער דער וועלט בלייבן, און אויך נישט דער טאָג. זענען זיי צום רבונו של עולם געקומען און האָבן געפרעגט: וואָס צו טאָן? האָט גאָט זיי געהייסן קומען פאַר אים, זענען די ליכטער פאַר גאָט געקומען אין טונקעלע שלייערס געהילט און געזאָגט אַזוי: „האָסט אונז באַשאַפן די וועלט צו באַליכטן, ווען מיר זאָלן מיר באַליכטן, אַז דאָס בית־המקדש געפינט זיך נישט מער אויף איר". אַזוי האָט גאָט געשוואָרן דאָס בית־המקדש צו באַנייען; אין דער מינוט איז משיח געבוירן געוואָרן און די זון איז אַרויס די וועלט צו באַליכטן.

## צווייטער געזאַנג

ירמיהו גייט געטרייסט קיין ירושלים צוריק.—ער דערקענט דעם בלוטיקן וועג, לויפט נאָך די גולי-בבל נאָך, טרעפט זיי ביי רחלס קבר.—חשובי ירושלים, בחורים ובתולות.—די וועגן מיט די אוצרות פון בית-המקדש, די פרחי-כהונה.—ירמיהוס רייד צו נבוזרדן. נבוזרדנס ענטפער.—ירמיהו טרעפט די מוטער ציון פאַר די צעבראָכענע מויערן פון ירושלים זיצן.

מיט אַ געטרייסט האַרץ איז ירמיהו קיין ירושלים צוריק געגאַנגען. ווי גאָט האָט אים באַפוילן, האָט ער אין ענתות אַ פעלד זיך געקויפט און געזאָגט האָט ער זיך אַזוי: „עס איז אַ סימן, יידן וועלן אויף זייער אָרט זיצן בלייבן, אויפעסן וועט גאָטס גרויסע דערבאַרעמונג זיין צאָרן—און זיין גוטיקייט, ווי אַ ים, וועט אויסטריקענען די נאַרישע מענטשן-זינד". אַזוי, געשטיצט אויף גאָטס חסד, גייט דער נביא געטרייסט צו זיין פאָלק צוריק. אַוועקוואַרפן וויל ער זיין שטעכעדיקע שטראָף-בייטש און טרייסטן זיי. געקומען איז ער אויף דעם בית-לחם-וועג—און דערזען האָט ער פון ירושלים אַ גרויסן רויך אויפגיין. ביינאַכט איז עס געווען, און דערפלאַם פון ירושלים האָט זיך פון דערווייטנס געלויכטן. געטרייסט האָט זיך דער נביא: „אַ, פאַרשוואונדן זענען די פשדים, זיי זענען, ווי אשור אַמאָל,

הינטער ירושלימס טויערן ווי אַ נעפּל צערונען. און דאָס דאַנקט ירושלים גאָט אָפּ, און דער רויך פון אירע קרבנות גייט אין הימל אויף". פריילעך איז דער נביא געוואָרן, אויפגעלויכטן זיין פּאַרוואָלקנטער שטערן און זיינע אויגן, ווי די ליכטער, אויף ירושלים אויפגעהויבן. מיט די הענט אין דער הויך געשטרעקט, האָט ער פאַר גאָט אַ לויב־ליד זינגען געוואָלט. זיין האַרץ צעגאַנגען פאַר געטלעכקייט—באַגינט דער נביא פאַר גאָט צו טאַנצן און צו וויינען פאַר פרייד. ערשט ער קוקט אויף דעם וועג,—רויט גערויטלט איז דער ווייסער זאַמד און ווי אַ פּאָדים ציט ער זיך איבער דעם וועג. פון ירושלים קומען די בלוט־פלעקן אָן צולויפן און קיין בבל ציען זיי זיך. געוואָרפן האָט דער נביא זיך אויף דער ערד און דערזען ביים שטערן־ליכט יונגע קינדער־פיס. געטרעטן אין דעם בלוט. ער האָט זיי אָן דעם ווייכן גאַנג דערקענט, אויסגעגאָסן, ווי אַ פורעם, האָט זיך דאָס קינדישע פיסל אין דעם בלוטיקן שטויב. דערקענט האָט דער נביא דעם איידעלן טריט פון זיין פאָלק, געקושט האָט ער יעדן טריט, צום האַרצן צוגעדריקט און אויסגעשריען מיט אַ געשריי, ווי אַ געווילד, וואָס דער יעגער האָט מיט זיין שפּיז אין האַרץ געטראָפן, - אַזוי פאַרוואונדעט מיט דער שפּיז אין דער ברוסט לויפט דער נביא איבער דעם וועג, אויף די בערג זיך געלאָזט און קיין ירושלים געקוקט. אָ, דערקענט האָט ער ביים גרויען מאָרגן־שיין – ירושלים ברענט, ווי פון אַ גרויסן קרבן גייט דער רויך אין הימל אויף. אָבער נישט אויף שטיינער און אויף מויערן האָט דער נביא געקלאָגט זיין ליד — נישט אויף דעם, וואָס דער בית־המקדש איז חרוב געוואָרן, נאָר איבער די יידנס לייד האָט ער זיין האַנט קעגן הימל אויפגעהויבן און אויסגעשריען "אָ, דו האָסט מיך אויסגעלאַכט, אָרויסגענאַרט האָסטו מיך:

פון דער היים, און הינטער מיין רוקן די קינדער גע־שאָכטן!" און געזוכט האָט ער מיט זיינע אויגן, וואו־אהין עס פירט דער וועג פון די אַרויסגעטריבענע. ארויסגעשיקט האָט ער זיין געהאָרך צו פאַרנעמען, פון וואָסער זייט דער ווינט טראָגט די קרעכצן צו, געניט נאָך ליַנקס, געזוכט נאָך רעכטס, און נאָך דעם בלוטיקן טריט איז ער, ווי אַ חיה, וואָס האָט איר נעסט געפונען וויסט, נאָך דעם געפאַנגע־נעם קינדער־טריט נאָכגעלאָפן.

געטריבן האָט נבוזרדן די יידן קיין בבל אריין. פאַר דער מוטער רחלס קבר האָט ער זיי פאַרביי געטריבן, — געוועזן איז עס אויף דעם וועג קיין בית־לחם, וואו באַ־גראָבן האָט זי יעקב איינזאַם אויף דעם פעלד אליין. אָפּ־געשטעלט האָבן זיי זיך ביים קבר און ארום דעם פעלד זיך אַנידערגעלייגט. און אָנגעכאַפּט האָבן זיי זיך אָן די ווענט און נישט געוואָלט ווייטער גיין. אָבער געשלאָגן האָט זיי דער פיינט, מיט די רימען און מיט די ריטער, פון דעם קבר אַוועק. אָפּגעריסן האָט ער די קינדער מיט גע־וואַלט פון דער מוטערס שירץ, געשלעפּט האָט ער די קינדער פריער, און די מוטערס זענען שוין אַליין נאָכגע־לאָפן. אַזוי האָט זיי דער פיינט אין גלות געפירט. געראַנגען זענען די טרערן אין גרוב אַריין און די מוטער נישט גע־לאָזט ליגן רויק. אויפגעהויבן האָט זי זיך אין איר ווייסן געוואַנד, — אָנגעטאָן די שבת־קרוין אויף איר קאָפּ, איז זי פון איר קבר אַרויס און נאָך די קינדער נאָכגעגאַנגען און אויסגעשטרעקט צו זיי אירע הענט און גערופן זיי. אָבער קיינער האָט איר שטים נישט געהערט, קיינער איר געשטאַלט נישט געזען — טויט איז זי געווען און נישט געקאָנט געבן פון זיך קיין קול, נאָר גערעדט צו זיך אַליין.

אזוי האָט זי ארומגעבלאָנקעט א גאַנצע נאַכט איבער די פעלדער אליין, און ווען דער טאָג האָט געגרויט, איז זי צוריק אין איר רו אריין. אזוי שלייכט זי זיך יעדע נאַכט פון איר קבר ארויס, קומט אין יידישן גלות אריין, און ווער עס וואַנדלט ביינאַכט דורך יידישע שטעט, זעט, ווי א ווייס געשטאַלט גייט אין געסל אויף אליין, קוקט דורך פאַרמאַכטע לאָדנס אין יידישע שטיבער אריין. דאָס איז די מוטער רחל, וואָס קאָן אין קבר נישט ליגן רויק איבער אירע קינדערס געוויין, אזוי ביזן היינטיקן טאָג אריין.

פאַרלאָזט האָבן די יידן דער מוטער רחלס קבר און זענען אין גלות געגאַנגען. דער טאָג האָט אָנגעהויבן צו גרויען, און דערזען האָט דער נביא ביים דעם גרויען שיין די ארויסגעטריבענע פון דערווייטנס. דערקענט האָט ער די ארויסגעטריבענע נאָך דער מחנה שוואַרצע רויב-פויגלען, וואָס זענען נאָך זיי נאָכגעפלויגן. די זון האָבן זיי פאַרשטעלט מיט זייערע שוואַרצע פליגלען און דערשראָקן די לופט מיט זייער געשריי. געזייט איז געווען דער גאַנצער וועג מיט מענטשלעכע גלידער, און אָפּגעשטעלט האָבן זיך די שוואַרצע פויגלען אויף די קערפּערס פון די טויטע, גע-פּיקט פון זיי און מיט א באַנגען „קרא"-„קרא" אַדורכגע-לעכערט די לופט. אַנטלאָפן זענען די פייגעלעך פון פעלד פאַר זייער געשריי. און די טויבן זענען אין זייערע טויבן-שלעק אריין, באַהאַלטן זיך אין די ווינקעלעך, די קעפּ אונטער די פליגלען געשטעקט, די אויגן פאַרגלייסט און אין גאָט געגלויבט. אוועקגעיאָגט האָט ירמיהו די שוואַרצע פויגלען פון די געפאַלענע קינדער, זיינע קליידער אויסגע-טאָן און די מתים פאַרהילט מיט זיי פאַר די פייגלס שיין. אָפּגעטראָגן האָט ער די טויטע פון דעם וועג אין א זייט,

אַז זיי זאָלן אונטער די קעמל־טריט נישט צעטרעטן ווערן. לאַנג פאַרברענגען בײַ די טויטע האָט ער דאָך נישט געקאָנט — גערופֿן האָבן אים די קרעכצן פֿון די לעבעדיקע. איבערגעלאָזט האָט ער די טויטע מיט אַ פֿאַרווייטאָקט האַרץ און צו די לעבעדיקע געאײַלט. אדם־נאַקעט איז ער געווען — די קליידער אויסגעטאָן, לויפֿט ירמיהו אין דער שײַן פֿון דער זון. פֿון זײַנע פֿיס רינט בלוט. די אויגן אויפֿגעריסן, מיט די דאַרע הענט קעגן הימל אויסגעשטרעקט און מיט אַ ווילדן געשריי לויפֿט ער די אַרויסגעטריבענע נאָך. אָנגעטראָפֿן האָט ער די שוואַכע קינדער און די ווײַבער, וואָס נישט געקאָנט האָבן זיי נאָך דעם שטאַרקן מענער־טריט נאָכגיין. נאַקעט זענען זיי געווען און זייערע לײַבער פֿאַר דער זונס שטראַלן צום רויב איבערגעגעבן. נאָכגעטריבן האָבן זיי בבלס זעלנער מיט קופּערנע היט אויף די קעפּ, מיט רויטע בענדער אַרומגעפּוצט — רויטע, דורשטיקע אויגן פֿון די מעשענע געזיכטער אַרויסגעקוקט, מיט אויפֿגעדעקטע ברוסטן און געפֿלאָכטענע האָר און בערד — האָבן זיי מיט זייערע ריטער די שוואַכע קינדער נאָכגעשמיצט. געפֿאַלן זענען די קינדער אין דער זונס שטראַלן, ווי די קליינע געשאָסענע טויבן פֿאַלן פֿון דער הויך, און זענען אויפֿן וועג געבליבן ליגן, דער שוואַרצער מחנה פֿויגלען צום רויב. מיט געוואַלט האָבן זיי די מוטערס פֿון די קינדער צעשיידט, וואָס האָבן זיך באַהאַלטן אין זיי מיט זייערע בליקן. אויפֿגעהויבן האָט דער נביא די קינדער פֿון וועג, אויף זײַנע הענט געטראָגן. גוססע זענען זיי אָבער אין זײַנע אָרעמס געווען און מיט אַ געשריי איז ער אַנטלאָפֿן פֿון זיי. אָנגעקומען איז ער צו די אַלטע לײַט. געשמידט זענען געווען די חשובֿי־ירושלים, הענט און פֿיס אין

אייזערנע שטאַנגען ־ אַריינגעבראַכט, – דאָך האָט זיך דורך די פאַרקנעכטע קייטן אַרויסגעריסן זייער פרייער מענער־בליק, מיט שטילן ערנסט און כבוד האָבן זיי זייער לייד איבערגעטראָגן. צווישן זיי איז געגאַנגען צדקיהו, דער לעצטער קעניג פון דודס הויז. העכער פון אַלעמען איז ער געווען, און דערקענט האָט מען, אַז אויף זיין געקרייזלטן גרויען קאָפּ האָט גערוט דודס קרוין. אויסגעשטאָכן זיינע אויגן האָט אים דער פיינט, דאָך געזען האָט ער אין זיין פינסטערע נאַכט איין בילד – זיינע קינדערס טויט. גע־שטאָכן פאַר זיינע אויגן האָט דער פיינט די קינדער זיינע און אויסגעשטאָכן זיי – אַז זיי זאָלן קיין אַנדער ליכט נישט זען מער, נאָר זיינע קינדערס טויט. אָבער פון זיינע אויסגעלאָשענע אויגן איז שטענדיק אַ שטאָלצער בליק גע־פאַלן. און ווי ער וואָלט נאָך געטראָגן אויף זיין קאָפּ די קרוין, איז ער אין זיינע קייטן, אַ קעניג צווישן שקלאַפן, געגאַנגען. באַהאָפטן האָט זיך ירמיהו אין זיי, אַריינגע־בראַכט זיינע הענט אין זייערע קייטן און געבעטן זיך ביים פיינט: „שמיד מיך, ווי זיי!“ דאָך דער פיינט האָט גע־האַט דעם שטרענגן באַפעל פון זיין מוראדיקן הער נבוזרדן, ירמיהון נישט צו רירן. געוואוסט האָבן זיי, אַז ער איז אַ געטלעכער מאַן, און נישט מיט זייער קראַפט האָבן זיי ירושלים באַזיגט, נאָר איבער ישראלס זינד, וואָס נביאות האָט ירמיהו געזאָגט איבער זיי. דערזעען די אַלטע לייט, אַז זיי האָבן ירמיהון, איז אַ שטילע האָפנונג אַדורכגעגאַנ־גען צווישן זיי: „גאָט האָט געזען אונזערע ליידן און ירמיהון געשיקט צו אונז“. און דערוואַרט האָבן זיי צו הערן פון אים גאָטס טרייסט. דאָך פאַרשטומט זענען ירמיהוס ליפּן געווען, נישט קיין טרייסט און נישט קיין

וואָרט האָט ער זיי פון גאָט געבראַכט. נישט דערמאָנען האָט ער זיי געוואָלט אָן ציונס פריילעכע טעג, נישט גע-דענקען זייערע זינד, נישט שיטן זאַלץ אויף די וואונדן, נאָר געשוויגן האָט ער און מיט די טרערן זיין צער גע-טרונקען. אַראָפּגעלאָזט האָבן די אַלטע די קעפּ צו דער ערד, ערגעץ-וואו מיט די אויגן געקוקט, און אָן ירושלים געדענקט. אָ, נישט לענגער אויסהאַלטן האָט דער נביא געקאָנט זייער בליק, אַנטלאָפן איז ער פון זיי און צו די יינגען מיט די מיידלעך אָנגעקומען צו גיין.

געגאַנגען זענען זיי פאַרלעכווייז, די שענסטע קינדער פון ירושלים. ווי די יונגע פּאַלמען-ביימלעך אין זייערע פּאַטערס גערטנער, אַזוי געגליכן זענען זיי געווען. אַזוי ווייס און איידל איז געווען זייער געשטאַלט, און ווי העלפאַנד-ביין, האָט זיך זייער נאַקעט לייב אין דער זון געברענט. אויסגע-קליבן האָט דער פּיינט די שענסטע יינגען מיט די מיידלעך, נאָך ריין ביידע פון זינד — באַהעפטן האָט ער זיי געוואָלט, קינדער זאָלן זיי אים געווינען, צו שקלאַפן זאָלן זיי אים זיין. נאַקעט זענען זיי געווען, לייב אָן לייב אין די קייטן צו-זאַמענגעבראַכט. געבויגן האָבן די בחורים זייערע אויגן צו דער ערד, נישט פאַרשעמען געוואָלט מיט זייערע בליקן די מיידלעך, וואָס נאַקעט זענען זיי געגאַנגען נעבן זיי. קינדער זענען זיי נאָך געווען און שוין געוואוסט דעם ציל, צו וואָס זיי זענען באַשטימט, און געשוואָרן האָבן זיי אין זייערע הער-צער, קיין קינדער נישט צו האָבן אין דער פרעמד. געגלויבט האָבן די מיידלעך אין די ברידער-בחורים, אַז זיי וועלן קיין שקלאַפן נישט וועלן געבוירן פאַרן פּיינט. געפאַלן זענען זיי איינער דעם צווייטן אויפן האַלז, ווען דער פּיינט האָט זיי אין געצעלט געבראַכט צו באַהעפטן זיי, און זייערע נשמות

אויסגעגאָסן אין זייער געוויין. טויט האָט זיי דער פיינט גע־פונען אויף זייערע חתונות־געלעגער. דאָס טויטע מיידל איז דעם בחורס אָרעמס, אַזוי געשטאָרבן זענען זיי. דער נביא האָט אויף זיי געקוקט און אויף זיי האָט ער געקלאָגט זיין גרויס קלאָג־ליד: „איך בין דער מאַן, וואָס כ׳האָב געזען די נויט אין איר ערגסטער פיין".

אַנטלאָפן איז ער פון זיי מיט זיין קלאָג־ליד און צו די בחורים־יינגען אָנגעקומען. איינגעשפּאַנט זענען זיי גע־ווען נאַקעט אין נבוזרדנס וועגן און קיין בבל ירושלימס פּראַכט און רייכטום געפירט. באַהאָנגען זענען די וועגן געווען מיט דודס גאָלדענע פּאַנצערס, און אויסגעשפּרייט איבער זיי האָט דער פיינט די אוצרות פון בית־המקדש. געבלישטשעט האָט דאָס גאָלד אויף די וועגן און די טיי־ערע שטיינער, ווי אַ ים אין זון אויסגעגאָסן. ישראלס פּאָ־נען, די צייכן פון זיינע שטאַמען, אויפגעשטעלט האָט ער אויף די וועגן און אויסגעשפּרייט אין די קאָלירן. און יהודהס פאָן האָט געפלאַטערט פון אויבן אויף, מיט דעם לייב, וואָס איז אויף אים. שטאָלץ איז דער פיינט געווען אויף דער פאָן פון דעם שטאַרקסטן פון ישראל און הויך אויסגעשפּרייט האָט ער זי אין דער זון. גאָלד און זילבער טראָגן זיי דעם פיינט, אַן אַנדער אוצר איז באַהאַלטן צווישן זיי. אין אַ בינטל אויפן פלייצע טראָגט דאָרט ווער אין דער מחנה די תורה איינגעבונדן. ציטערט, געטער, ציטערט, פעלקער! אייער טויט ווערט געטראָגן דאָרט, די שווערד פאַר דער אַלטער וועלט. איינגעבונדן אין דעם בינטל טראָגן זיי גאָטס וואָרט, די ליכט פאַר דער וועלט — אַרויסשיקן וועט עס פון בינטל זיינע שטראַלן, באַלויכטן וועט עס לאַנד און לאַנד. דערשראָקן און פאַרגעסן וועלן

געטער און פעלקער אויף די אינזלען איינזאַם שטאַרבן. אַזוי טראָגן זיי דאָס בינטל פון פאָלק צו פאָלק, פון לאַנד צו לאַנד איבער דעם גאַנצן גלות אַרום. דאָס איז דער סוד, וואָס האַלט זיי אויף ביזן היינטיקן טאָג אַריין.

איינגעשפּאַנט אין רימענס, האָבן די בחורים פון ירושלים די וועגן געשלעפּט. די שטאַרקסטע צווישן זיי האָט ער אויסגעקליבן, און זייערע לייבער פון דעם געשפּאַן האָבן זיך ווי בראָנז אין דער זון געגאָסן. געזען האָט דער נביא די קופּערנע בית־המקדש־זיילן מיט די קרוינען אויף די קעפּ, מיט די בלומען אויסגעהאַקט, צורס מייסטער־שטיק, דורך שלמהס חכמה אויסגעטראַכט. געשלעפּט האָבן זיי די בחורים פון ירושלים. צען בחורים ביי יעדער זייט פון זייל האָבן אונטער דער שווערער לאַסט פון קופּער אָפּגעקרעכצט. געלויכטן האָט זיך אין דער זון יעדע בלום, יעדע פרוכט, וואָס איז אין זייל מייסטערהאַפט געווען אויסגעהאַקט. אַזוי האָבן זיי אויף זייערע אַקסלען דעם בית־המקדש נאָך בבל געפירט. געריסן האָט זיך דער נביא צו זיי, געשריגן מיט אַ שרעקלעכן קול, אַז ער האָט דערזען דעם בית־המקדש צעשטערט און זיינע שטיקער געשלעפּט פון פיינט.

אָבער באַלד פאַרשוויגן איז ער געוואָרן. דערזען האָט ער די פּרחי־כהונה, די יונגע כהנימס קינדער, צאַרט און פון איידעלן שטאַם, גייען פאַרויס פאַר זיי. קינדער זענען זיי נאָך געווען, פון בית־המקדש־הויף אַרויסגענומען, וואו זיי האָבן זיך ביי די עלטערן די עבודה געלערנט. אין זייערע כהנים־העמדעלעך אָנגעטאָן, האָבן זיי די קריגן מיט מנורות פון דעם הייליקן בית־המקדש־דינסט אויף זייערע אַקסלען אויסגעטראָגן. די קינדער, אַזוי טייער און ליב, ווי די כלים פון בית־המקדש, האָבן איבער דעם וועג געוויינט, נאַס געמאַכט מיט

טרערן דעם זאַמד און געזאָגט אַזוי: „די כּלים, וואָס איך זײ האָבן מיר געזאָלט פֿאַר גאָט דעם הייליקן דינסט טאָן, טראָגן מיר צום פֿײַנט". אַז דער נביא האָט זײ דערזען, האָט ער זײַנע הענט צום הימל פֿאַרשפּרייט און מיט אַ גרויס געשריי אויסגעשריגן: „די קינדער, ווי די שעפּעלעך, — וואָס האָסטו צו זײ? זײ זענען נאָך ריין פֿון זינד".

געגאַנגען איז נבוזרדן פֿאָרויס פֿאַר דעם גאַנג. ברוין איז זײַן שטאַרק געזיכט געווען, אָפּגעבערענט פֿון דער זון; זײַן ברוסט אויפֿגעדעקט ביז אין ווייטן לײַב אַרײַן, געקאַרבט זײַן באָרד אין פֿלעכטן געבונדן, און זײַנע האָר שוואַרץ, ווי שוועררע בראָנז אין לאָקן געגאָסן, געקאַרבט און געבונדן האָבן זײ זיך איבער זײַן נאַקעטן קאַרק אַראָפּגעגאָסן. ווי די ליכטער אין דער שוואַרצער נאַכט, האָבן זײַנע אויגן מיט צאָרן פֿון אונטער זײַן שווערן מעשענעם געטורעמטן הוט אַרויסגעקוקט. שטאַרק האָבן זײַנע געקנאָכלטע פֿיס אין דעם הייסן זאַמד געטרעטן און, מיט דער שפּיז פֿאָרויס געשיקט, האָט ער זײ דעם וועג געוויזן. קינדער און אַלטע פֿירט דער פֿײַנט, ווײַבלעך און מיידלעך, נאָר קיין מאַן איז צווישן די געפֿאַנגענע נישטאָ. עס איז נישט קיין מנהג אין ישׂראל געווען, אַז מענער זאָלן אין געפֿאַנגענשאַפֿט גיין, אויפֿן פֿעלד בלײַבן זײ ביז צום לעצטן פֿון זײ. אַזוי געפֿירט האָט נבוזרדן ישׂראל אין גלות אַרײַן. געטראָטן איז פֿאַר נבוזרדן דער נביא, אין די אויגן אים אַרײַנגעקוקט און געזאָגט אַזוי:

„נישט אַזוי גרויס נבוזרדן, נישט אַזוי שטאַרק נבוכדנצר. נישט אײַער האַנט האָט ישׂראלס מאַכט צעבראָכן. געבונדן מיט גאָט אין אַ פֿעסטן באַנד, גייט ישׂראל, דער איינציקער זון, אַ האַר אין קנעכטשאַפֿט אַרום. די וועלט האָב איך צוליב אים באַשאַפֿן, זאָגט גאָט, איך לעבט נאָר

אין זיין זכות. דו ביסט נאָר דער שטעקן, דו ביסט נאָר די רוט, וואָס מיט איר שטראָפט גאָט זיין זון. ווען ישראל וואָלט נאָר צו זיין פאָטער געדופן, ווי דעם ווילדן הונט, ווי דעם אָקס, ווי דעם רינד, וואָלט ער דיר אַ רינג אין דיינע נאָזלעכער געשטעקט און מיט דעם שטאַנג דיך צו־ריקגעפירט אויף דעם וועג קיין בבל צוריק – ווי צו אשורן ער האָט אַמאָל געטאָן! נישט בבלס קינדער איז דער הייליקער זאָמען פון ישראל, וואָס דו פאַרגיסט אַזוי לייכט זיין בלוט. אָ, ציטער פאַר יעדן טראָפּן, וואָס דו פאַרגיסט. דו וועסט מיר רעכנונג אָפּגעבן, זאָגט גאָט, — דו ביסט דער הונט אין מיין הייליקער סטאַדע, דער שעפער איז נאָר אוועק אויף איין אויגנבליק. דו וועסט מיר מיט דיין אייגן בלוט באַצאָלן פאַר יעדן שעפעלע, וואָס דו האָסט פאַרצוקט".

צוריקגעטראָטן איז נבוזרדן, בלייך געוואָרן זיין געזיכט – זיין האַרץ ווי וואַסער צעגאַסן. אַזוי האָט ער זיך דערשראָקן פאַר דעם נביאס וואָרט (דאָס איז געווען זיין זכות.) געוואָרפן האָט ער זיך צו ירמיהוס פיס און געענטפערט אַזוי:

„אויסצופירן זיין שטראָף איבער ישראל האָט מיך גאָט געשיקט, וואָס אַנגעזאָגט דורך דיר האָט ער צו זיי. אליין ביסטו איבער ירושלימס גאַסן אַרומגעגאַנגען און דיין אבל־ליד געקלאָגט, די שטענג אויף דיין רוקן געטראָגן האָסטו, זיי געוויזן דעם סוף, וואָס וואַרט זיי, ווייל זיי האָבן אָן גאָט פאַרגעסן. אויסגעלאַכט האָבן זיי דיך, אין פינסטערן גרוב געוואָרפן, פון דעם שוואַרצן לאָך האָסטו נאָך אַרויס־געדופן צו זיי און דיין קלאָג־ליד אויף זייער חתונה געוויינט– שטיינער האָבן זיי אויף דיר געוואָרפן, דיין מויל, וואָס דורך

אים רעדט גאָט, האָבן זיי מיט ערד פאַרשטאָפּט. איצט קומסטו זיך אָננעמען פאַר זיי? — צי האָבן מיר דען נישט גאָטס שליחות אויסגעפירט, וואָס ער האָט געזאָגט דורך דיר?״

פאַרשוויגן איז באַלד ירמיהו געוואָרן פון נבוזרדנס רייד. געשלונגען האָט ער אין זיך זיין צער און אָן גאָט זיך דערמאָנט — יהוה איז געוואָרן פאַרשעמט איבער ישראלס זינד. פרעמדע נעמען זיך זיין נקמה אָן און פירן אויס איבער ישראל זיין שטראָף — זיין זון האָט ער איבערגעגעבן צו גוים. אין די הענט, דעם בית־המקדש פאַרברענט, ירושלים — אַ פאַרשעמטע מוטער, צו שאַנד און שפּאָט צווישן די פעלקער פון דער וועלט. אָנגעצונדן האָט זיך אין אים די נקמה פאַר גאָט, נישט געהערט האָט ער מער זייער קרעכצן — אָפּגעוויגט האָט ער זיין בליק פון זיי. יהוה איז צו שפּאָט, אברהם, יצחק און יעקב — פּאַטערס פון אַ קנעכטן־פאָלק, און גוים — די האַרן איבער דער וועלט, און אַלץ איבער ישראלס זינד. באַרעכטיקט האָט ער אויף זיי דעם דין.

אוועק איז פון זיי דער נביא און קיין ירושלים צוריק. טיף באַגראָבן אין זיין האַרץ איז זיין לייד, און פאַרשטיינערט איז דער צער אויף זיינע ליפּן געוואָרן. געזען האָט ער דאָס לאַנד, יעדן באַרג, ווי ער שטייט פאַרייניזאַמט אַליין, קוקט אַרויסגעטריבענע נאָך און וויינט און קלאָגט: „ווער וועט מיך זען, ווער וועט איבער מיינע פּירות אַ ברכה מאַכן?״ — קלאָגט יעדער בלאַט, יעדער בוים. פאַרשטיינערט איז שוין געוואָרן זיין צער, און קיין וואָרט האָט ער נישט פאַר איר צו זאָגן. אָנגעקומען איז ער מיט דער נאַכט צו די טויערן פון ירושלים. צעבראָכן זענען זיי געווען. ירושלים איז הפקר: ווער עס וויל, קאָן דערין אַריין. פאַר דעם צעבראָכענעם טויער האָט ער אַ

פרוי געטראָפן. אַרויסגעקומען איז זי פון דעם פאַרנעפּלטן פאַרנאַכט און געגאַנגען אויף איר וועג אַליין. אין שוואַרץ איז זי געווען געהילט. איר שטאָלצער בליק האָט פון אונטער איר טונקעלן שלייער אַרויסגעקוקט. געאיידלט איז איר געזיכט געווען, ווי פון די יידישע קעניגס־טעכטער, און ווי ביי אַ נביא, האָבן אירע אויגן געשיינט. צעלאָזט זענען אירע שוואַרצע האָר איבער איר טונקל געוואַנד געהאָנגען. דער חסד־חן פון אונזערע מאַמעס ביי ליכט־צינדן איז אויף איר געווען אויסגעגאָסן, און די שבת־קרוין, אין טרויער איינגעהילט, האָט אויף איר קאָפּ גערוט. אַזוי איז זי טרויעריק און שטאָלץ אַליין אויף איר וועג געגאַנגען. קיין טרער האָט זיך אין אירע אויגן נישט באַוויזן, קיין קרעכץ, קיין געוויין. נאָר ווי אַ יידישע קעניגין, אין טרויער געצירט, האָט זי זיך אויף אַ שטיין ביים וועג געזעצט. דעם קאָפּ אויף אירע הענט געשטיצט — האָט זי מיט בענקענדיקע בליקן נאָך דעם וועג קיין בבל אויסגעקוקט.

— ווער ביסטו, וואָס דו טרויערסט אַזוי שטיל? צו די מענטשן ביסטו גלייך און מענטשלעך איז דיין לייד, — דאָך ווי געטלעך דו ביסט, און ווי גאָט טראָגסטו צער.

שיין האָבן זיך אירע ליפּן געעפנט, ווי דאָס מויל פון אַ בלום אין אַ שיינער לבנה־נאַכט, און מיט ריח פון בית־המקדש איז די לופט געוואָרן אָנגעפילט, ווען זי האָט איר וואָרט געפירט אַזוי:

— איך בין די מוטער פון דעם קינד, און ווען אויך געטלעך איך בין, דאָך מענטשלעך פיל איך די לייד, יעדן קרעכץ, יעדן געוויין. קיינער פילט נישט דעם צער פון קינד, ווי די מוטער ציון אַליין.

פאַרשעמט איז דער נביא געוואָרן פאַר דער מוטער ציון איבער זיינע פריערדיקע רייד. אויסגעזעצט האָט ער זיך נעבן איר אויף דעם שטיין, און אזוי ווי זי, מיט בענקענדיקע בליקן אויף דעם וועג קיין בבל נאָכגעקוקט.

---

# דריטער געזאַנג

ירמיהו גייט צום הר-הבית. — דער הרובדיקער בית-המקדש.— יחוהס שטים שיקט אים די אבות וועקן. — ירמיהו רופט די אבות פון דער מערת-המכפלה. — אברהם, יצחק, יעקב. — די טענות פון די אבות פארן רבונו-של=עולם.

פארלאָזט האָט דער נביא די מוטער ציון און איז קיין ירושלים אַריינגעגאַנגען. די נאַכט איז שוין איבער די טורעמס פון דער שטאָט געפאַלן — און אויסגעשטאָרבן איז ירושלים געווען. איינער אַליין האָט זיך ירמיהו אַרום=געדרייט גאַס-אויס, גאַס=איין. חורבות זענען די הייזער, און די צעבראָכענע בעל=הבתּישקייט אויף די גאַסן אַרויס=געוואָרפן. געשראָפן האָט ער דאָ און דאָרט אַ טויטן גוף ליגן, וואָס קיינער האָט אים נישט אַהיים גענומען און נישט צו קבורה געבראַכט. געטראָפן האָט ער משוגענע מוטערס, ווי די ווילדע שאַקאַלן איבער די גאַסן אַרומ=בלאָנקען. שטום געוואָרן פון שרעק זענען אַ טייל פון זיי—האָבן מיט זייערע קראַנקע אַרויסגעזעצטע אויגן ווילד גע=קוקט און צוגעברומט מיט זייער שטומער צונג. אַ טייל האָבן שטיקער גלידער פון זייערע טויטע קינדער איינגע=וויקלט אין זייערע ווינדעלעך און אַרומגעטראָגן מיט זיך. אין די ווינקלען האָבן קראַנקע געשמאַכט און געבענקט נאָכן

טויט — איבערגעלאָזט האָט זיי דער פיינט אין דער צעשטערטער שטאָט, אַז זיי זאָלן מיט זייער עלנט אַ שרעק אָנוואַרפן אויף די שכנים אַרום. נאָר נישט געזען האָט זיי יעצט דער נביא, נישט דעם מענטשלעכן לייד האָט זיין אויג באַנומען, געזוכט האָט דער נביא גאָט. ער האָט געוואָלט פון אים פאַרנעמען אַ וואָרט, וואָס ער זאָל די אַרויסגעטריבענע אין גלות פאַר אַ טרייסט ברענגען. אַרויסגעגאַנגען איז ער צום הר־הבית. געזאָגט האָט ער זיך: „גאָט האָט נאָכנישט פאַרלאָזט זיין הייליקן אָרט - און איך וועל ביי דער טיר פון בית־המקדש שטיין און צו גאָטס שליחות זיין גרייט".

אָנגעקומען איז ירמיהו צום הר־הבית, דעם אָרט, וואו אברהם האָט יצחקן אויף דער עקדה געבראַכט. ווי זעט עס אויס? צעפירט איז דאָס הויז, וואו גאָט האָט צווישן די לעבעדיקע געוואוינט, - נאַכט הענגט דעריבער און דעקט די געטלעכע הרוגים צו. צעבראָכענע שטיקער פון אַ הימל ליגן דאָ. עס ווייסט זיך דער מירמלשטיין אין דעם ליכטיקן לבנה־שיין. און די קופּערנע זיילן, אָפּגעבראָכן פון די טרעפּן, ווי ריזן־הרוגים ליגן זיי. עס שטראַלן די שטערן אַקעגן די גאָלדענע פעדעם פון אַ האַלב־פאַרברענטן פּרוכת, וואָס קוקט פון דער חורבה אַרויס. און פון דעם אַש בלישטשעט דאָס גאָלד פון אַ הייליקער כלי — אין דעם יונגן כהנס האַנט. קדושים זענען זיי ביידע, פאַר גאָט אין פייער פאַרברענט. מורא האָט דער נביא געהאַט דעם אָרט צו באַטרעטן. יעדער שטויבל איז הייליק דאָ, יעדער זעמדל פון גאָט געקושט. אויסגעמישט האָט זיך די קדשי־קדשים מיט די עזרות, און דער געטלעכער הייליקער סוד ליגט איבער אַלץ אויסגעשפּרייט. געפאַלן איז דעריבער די שטילקייט פון הימל,

גאָט האָט מיט זיין מאַנטל זיינע הרוגים פאַרהילט. אַזוי אָפּ־געזונדערט איז געווען דער אָרט פון דער גאַנצער וועלט און עס איז געווען דעריבער — נישט די ליכט פון טאָג און נישט די ליכט פון נאַכט, נאָר פון אַ געוויטער, ווי דער הימל איז, ווען גאָט באַווייזט זיך אויף דער ערד — אַזוי האָט גערוט דער הייליקער סוד פון געטלעכקייט איבער דעם געטער־בית־עולם דאָ.

געשטאַנען איז ירמיהו ביים אריינגאַנג פון בית־המקדש און געוויינט, ווי אַ קינד, און געזאָגט: „גאָט, וואו זאָל איך דיך זוכן? פאַרלאָזן האָסטו דעם אָרט, וואו דו האָסט צווישן די מענטשן געוואוינט, און ביסט צוריק אין דיינע פאַרבאָרגענע הימלען געגאַנגען. איבערגעלאָזט אונז אַליין, און מיר ווייסן נישט אויס און מיר ווייסן נישט איין. גאָט, צו וועמען זאָל איך גיין, וועמען זאָל איך פרעגן? דיין בית־המקדש איז צעשטערט, דיינע כהנים טויט, יידן אין גלות, און דאָס בייז הערשט איבער דער וועלט. און דו ווייזט מיר קיין צייכן נישט און דו זאָגסט מיר קיין וואָרט נישט, וואו זאָל איך דיך זוכן גיין, גאָט?" אַזוי געוויינט האָט דער נביא, און זיינע ווערטער האָבן אין די צעבראָכענע כלים פון בית־המקדש אָפּגעקלונגען. דער מעטאַל האָט פון זיך אַ קול געגעבן און מיטגעוויינט האָט ער מיט דעם נביא. און ווי ירמיהו וויינט אַזוי — און זע – פלוצלינג באַווייזט זיך אַ ליכט, באַהעלט ווערט דער גאַנצער אָרט; אַ שטילקייט האָט ארומגעכאַפּט דעם גאַנצן הר־הבית, און די צעבראָכענע בית־המקדש־שטיקער, ווי אַ נשמה וואָלט אין זיי אריין – זענען זיי שטיין גע־בליבן, שטיל געשוויגן און אויסגעהערט. קיין געשטאַלט האָט ירמיהו הנביא נישט געזען – נאָר דערהערט האָט ער

אַ שטים. ווי אַ טויב האָט געברומט די שטים פון יהוה און געזאָגט אַזוי: „עס טוט באַנג אַליין אין די הימלען צו זיין, אין נאָך ישראל איז מיין באַגער. איך האָב הימל און ערד געשאַפן, איך שוועב איבער דעם גאַנצן חלל אַרום, מיר געהערט דער תהום פון יענער זייט וועלט – אין ערגעץ געפין איך נישט קיין רו. ענג איז מיר דעם הימלס מלוכה, די נאַכט איבער דעם תהום פון יענער זייט קאָן מיין גייסט נישט אַרומנעמען, — און גענוג איז מיר געווען דער חלל פון פיר איילן ערד, וואָס ישראל האָט מיר צווישן זיך אָפּגעטיילט. איך שוועב איבער דער חורבה פון מיין צעפירטער היים און קוש יעדן שטיין און האַלז יעדן שפּאַן ערד. צו שוואַך איז מיר דער ליבֿ=געזאַנג, וואָס די הימלען זינגען מיר ביים זונען=אויפגאַנג, דער לייבן=געשריי, וואָס די ימים שאַלן צו מיר, ווען די שטורעמס ברומען איבער זיי. צו דעם רויש פון די שטערן=וועלטן אין זייער גאַנג אין דעם חלל פון דער נאַכט – הער איך זיך נישט איין. נישט איז מיר דאָס שטילע ליד, וואָס שוועבט אַרום דעם תהום פון אין־סוף. איך בענק נאָך ישראלס ליבֿ, וואָס געזונגען האָבן צו מיר די לויים, מיט די האַרפן באַגלייט. געבראַכט האָבן זיי מיר מיט זייער געזאַנג דאָס ליד פון יעדן בלעטל און גרעזל, דעם ליבֿ פון יעדן פליגל און עוף — וואָס איך האָב געשאַפן אויף דער וועלט. געהערט האָב איך זייער ליבֿ און געבענטשט האָב איך זיי. אָ, ישראל, אין אַ רגע פון צאָרן האָב איך דיך געשטראָפט, און אייביק איז מיין בענקשאַפט נאָך דיר. אונטער די שמיץ פון דיינע פייניקער הער איך דיין רופן נאָך מיר, און עס גייט אויס מיין האַרץ נאָך דיר. די הימלען פאַר מיר, דער גלות ווי די ערד פאַר דיר – ווער רעט מיר גיין און ווען זאָל איך שיקן מיינע פריינט רופן—

אברהם, יצחק און יעקב — די הייליקע דריי, קומען זאָלן זיי צו גיין און טרייסטן מיך?"

געציטערט האָט ירמיהו הנביא פאַר גאָטס רייד, גע־וואָרפן זיך צו דער ערד און געזאָגט: „שיק מיך, גאָט, איך בין צו דיין שליחות גרייט".

און געזאָגט האָט יהוה: „גיי, ירמיהו, וועק מיר מייַנע פריינט אויף — רוף זיי פון זייער רו. זאָג, אַז יהוה איז פאַרלאָזט, ווי אין דעם הימל, אַזוי אויף דער ערד, אַז אומעטום הערשט דאָס שלעכטס. עס זענען אַרויס די קליפּות פון זייערע לעכער, און די מדת־הרחמים איז פאַר־שטומט. פאַראיינזאַמט איז יהוה און ישראל, קיינער ווייסט זייער נאָמען נישט מער. קומען זאָלן זיי צו גיין — איך דאַרף זיי האָבן נעבן מיר אין דער שלעכטער צייט".

געגאַנגען איז ירמיהו צו דער מערת־המכפּלה, אַהין, וואו עס רוען די פּאָטערס פון ישראל, מיט די מוטערס ביי זייער זייט, אין דעם טויזנט־יאָריקן שלאָף. אַ הייליקע ציטערניש האָט אים אַרומגענומען, ווען ער איז געקומען אין זייער נאָענט — אָנגעקלאַפּט האָט ער אין זייערע לאָדנס אַריין און גערופן זיי: „שטייט אויף, אַברהם, יצחק און יעקב, פון אייער רו. איר זייט פאַר גאָט באַגערט צו קומען צו גיין".

די אַלטע קעניגן, מיט די קרוינען אויף די קעפּ אָנגעטאָן, האָבן געעפנט די אויגן פון דעם טויזנט־יאָריקן שלאָף און געפרעגט איינער ביים אַנדערן: „ווייסטו נישט, וואָס עס איז געשען? מען וועקט אונז פון אונזער רו".

דערהערט אַז זיי האָבן גאָטס נאָמען פון ירמיהוס מויל אַרויסרופן, האָבן זיי פאַרוואונדערט געפרעגט: „וואָס איז היינט מער פון אַן אַנדער מאָל?"

מורא האָט ירמיהו געהאַט זיי פון דעם חורבן צו דערציילן. ער האָט זיך געטראַכט, זיי וועלן שטראָפן און זאָגן: „אַ נביא ביסטו געווען ביי יידן, וואָס האָסטו צוגע-לאָזט, אַז עס זאָל אַזעלכעס געשען אין דיינע טעג?" — האָט ער זיי געענטפערט: „איך ווייס נישט, וואָס געשען עס איז, נאָר איר זייט פאַר גאָט באַגערט צו קומען צו גיין".

אויפגעהויבן האָבן זיי זיך פון די קברים, מיט די קרוינען אויף זייערע קעפּ, אין די טליתים איינגעהילט, האָבן זיי איבער דער וועלט געשפּרייזט. געשוויגן האָט די ערד, געציטערט באַרג און טאָל, אַז זיי גייען פאַרביי פאַר זיי, און מיט שטיל ציטעריק געבעט האָט בוים און גראָז נאָכגעקוקט און באַוואונדערט זיי.

געגאַנגען איז דער ערשטער אברהם אבינו, הויך איז זיין געשטאַלט געווען, העכער פון די יידן אַלע. אַ גרויסע קרוין אויף זיין גרויען קאָפּ, אין זיין ברייטן טלית איינגע-הילט, איז ער מיט זיין ברייטער, ווייסער באָרד און שטילע רויקע טריט פאַר גאָט געגאַנגען, זיכער און רויק, ווי מען קומט צו אַן אַלטן גוטן פריינט. אין דער האַנט האָט ער געהאַלטן אַ גרויסע האַק, צעשטערט האָט ער מיט דער האַק די געטער פון זיין פאָטער און פאַר יהוהן זיי אונ-טערטעניק געמאַכט. געציטערט האָבן די געטער פאַר זיינע טריט. אַזוי איז דער געטער-צעשטערער, דער עלטסטער פון אונזערע אבות, פאַר גאָט אַנגעקומען צו גיין.

ווי יהוה האָט אים דערזען, אויסגעשטרעקט האָט ער צו אים די האַנט און געזאָגט: „זיי געגריסט, מיין אַלטער פריינט – יהוהס זייל. דער ערשטער פון די לעבעדיקע האָסטו יהוהן דערקענט, פון די געצן פון דער וועלט מיך

אויסדערוועלט, דער ערשטער מײַן נאָמען צווישן די פעל-קער פאַרשפּרייט. אנטפּלעקט האָב איך זיך צו דיר און גע-בונדן מיט דיר אַן אייביקן באַנד. קום, מײַן פרײַנט, זעץ זיך בײַ מײַן זײַט".

דער צווייטער איז געגאַנגען זײַן זון יצחק, קלענער פון דעם פאָטער, אָבער נאָך גרעסער פון אַלע אין דער וועלט. בלינד איז ער געווען, אָבער שטאָלץ און זיכער איז ער דאָך געגאַנגען, מיט זײַן גאָלדענער קרוין אויף זײַן קאָפּ, אויף גאָטס חסד געשטיצט. מיט דער האַנט האָט ער אַ בעקל בײַ זײַנע הערנער געפירט — דעם קרבן, וואָס אברהם האָט אויף זײַן אָרט צו גאָט געבראַכט. אַזוי איז אונזער פאָטער יצחק, דער קרבן פון גאָט, פאַר יהוהן אָנגעקומען צו גיין.

ווי יהוה האָט אים דערזען, האָט ער אויסגעשטרעקט צו אים די האַנט און געזאָגט אַזוי: „יצחק, שעפעלע מײַנס, דײַן האָרץ איז אַזוי פראָסט, ווי די ערד. אַז איך האָב גערופן צו דיר, האָסטו, ווי אַ קאַלב, די הענט מיט די פיס זיך בינדן געלאָזט און דײַן האַלז צום חלף אויסגעשטרעקט, געבונדן האָב איך זיך מיט דיר אין אייביקן באַנד — קום, מײַן פרײַנט, זעץ זיך נעבן מיר".

דער דריטער איז געגאַנגען דער פאָטער יעקב אונ-זערער, שוואַרץ פאַרוואַקסן איז ער נאָך געווען און יונג, ווי בײַ לבנס שאָף, ווען ער האָט פאַר אונזער מוטער רחל גע-דינט. זײַן שעפער-שטעקן געהאַלטן אין האַנט, איז ער מיט שטילער הכנעה און געטרייַשאַפט פאַר גאָט געטרעטן.

ווי יהוה האָט אים דערזען, האָט ער אים פונדערווײַטנס צוגערופן: „יעקב, יעקב, מײַן זון און מײַן קנעכט! פון דײַן מוטערס בויך האָב איך דיך שוין אויסדערוועלט. איידער דו האָסט מיך נאָך געקענט, ביסטו שוין אין מײַן וועג געגאַנגען,

איז דיר האָב איך אויסגעזאָגט דעם פּאָרעם פון ישראל, דיר איבערגעגעבן דעם סוד, וועלכן יהוה האָט מיט ישראל — ביסטו געווען דער ערשטער ייד, איידער יידן זענען נאָך געוועז אויף דער וועלט. קום צו מיר, אַלטער פריינט, און זעץ זיך ביי מיין זייט".

אַרעפּגענידערט האָבן מלאכים דריי, און דריי גאָלדענע שטולן פאַר די אבות אויפגעשטעלט, יהוהן צו רעכטס און צו לינקס. ווארים, אמת, אבלים זענען זיי געווען נאָך זייער קינד — דאָך זענען עס קעניגן געווען, און גאָט האָט זיי דעם כבוד געגעבן, ווי עס פּאַסט פאַר זיי.

אַז די אבות מיט די קרוינען אויף די קעפּ און מיט די צייכנס אין די הענט האָבן זיך אַרום יהוהן אויף זייערע טראָנען געזעצט, האָט זיך דערהערט יהוהס שטום:

„איר זענט געקומען אין מיין הויז אַריין, מיינע פריינט. און מיין הויז איז צעשטערט. משפט צווישן מיר און אייער זון. צעריסן האָט ישראל דעם באַנד, וואָס איז צווישן מיר און אייך — אַנדערע געטער האָבן זיי זיך געמאַכט און יהוהן פאַרלאָזט. די הייליקע ערד וואו איך האָב זיך צו דיר, אברהם, צום ערשטן מאָל באַוויזן, האָבן זיי פאַרומרייניקט; דעם אָרט, וואו יצחק איז צו דער עקדה געבראַכט געוואָרן — טמא האָבן זיי אים געמאַכט; און וואו איך האָב דיך, יעקב, אין דעם חלום פון דער נאַכט, אויף דעם לייטער אין מיין הימל געפירט — פאַר אַנדערע געטער האָבן זיי דאָרט מזבחות אויפגעשטעלט; דעם טויער, וואו די תפלות פון דער וועלט שטייגן צו מיר אין הימל אויף — מיט בלוט פון קרבנות פאַר פרעמדע געטער האָבן זיי עס פאַרשפריצט. פאַרוואָרפן האָב איך זיי פון מיר, אין פרעמדע הענט איבערגעגעבן, פון לאַנד אַרויסגעטריבן, אין גלות געפירט".

אוי אויפגעעפנט האָט יהוה די אויגן פון די אבות, און דערזען האָבן זיי דעם פינסטערן קייטן־וועג פון דעם לאַנגן גלות. לאַנג און אייביק ציט זיך אַ וועג, דער וועג פון חורבן, מיט בלוט און טרערן איז ער באַזייט, אויף שריט און טריט מצבות — זיי שטייען פון פריצײַטיקן טויט. ווי שאָטנס שוואַרצע, יאָגט זיך דער רעשט פון ישראל אונטער דעם אייזערנעם שטאַנג פון דער קללה, וואָס רוט אויף אים, צווישן די פעלקער פון דער וועלט און האַלט זיך אויף ביי זייי שטאַם און רופט צו זיין גאָט און די אבות דערמאָנט ער.

דערזען האָבן זיי דעם גלות, דעם שוואַרצן, ביזן היינטיקן טאָג אַריין. קיין טאָג, קיין נאַכט, קיין אָפּרו נישט, פאַר־נײַאוסט פון צרות, איינגעמידט פון קלאָגן זיך יאָגט ער, ווי אַן אייביקער מצורה, און ציט זיך זיין בלוטיקן באַנד פון גלות־בבל ביז אין היינטיקן גלות אַריין.

דערזען, אַז זיי האָבן דעם שטעכעדיקן וועג, האָבן זיי די קרוינען פון זייערע קעפּ אַראָפּגענומען און פאַר די פיס אַנ־דערגעלייגט. זיי האָבן מיטאַמאָל דערהערט ירושלים׳ס געוויין, די ווינטן האָבן אָנגעהויבן צו ברענגען צונויף זיינע קרעכצן פון גאָר דער וועלט, און ווי שטורם־ווינטן האָבן זיי געיאָגט פאַר די אבות פאַרביי.

אויפגעהויבן האָבן זיי זיך פון זייערע ערטער, צעריסן די טליתים אויף זיך און פאַר גאָט זיך געשטעלט.

און דער ערשטער איז געווען אונזער פאָטער אברהם, וואָס האָט פאַר גאָט געטענהט אַזוי:

„אויסדערוועלט האָסטו מיך פון גאָר די מענטשן פון דער וועלט, פאַר אַ פאָטער פון אַ שטאַם האָסטו מיך געמאַכט און געוויזן מיר אין חלום פון דער נאַכט דאָס לאַנד, וואָס דאָרט וועסטו באַזעצן זיי. צו די שטערן אין הימל האָסטו מיך

זיי געגליכן, איינעם אין איינעם, זייערע קינדער זאָלן די קעניגן פון דער וועלט זיין. איך וויל נישט אַ פאָטער פון אַ קנעכטן־פאָלק זיין. וואָס האָסטו געמאַכט פון זיי?"

געברומט האָט יהוה אונטער זיין שוואַרצן וואָלקן אין דער נאַכט אַריין: „זיי האָבן געזינדיקט, אַלטער פריינט".

אברהם איז אָבער ווייטער פאַר גאָט געשטאַנען און געזאָגט אַזוי:

„וואָס האָבן זיי דיר געטאָן אַזוינס? ווי גרויס איז דען דעם מענטשנס פרייד אויף דער ערד — ווי לאַנג זיין לעבן דען? נאָענט ביי אונזער וועג שטייט דער קבר. אונזער לעבן – איז אונזער וועג צום טויט, אויף וועמען האָסטו דאָ דיין כעס אויסגעגאָסן? מיט וועמען ביסטו אין דער מלחמה נעגאַנגען? פאַרוואָס האָסטו זיי נישט מוחל געווען?"

אָבער יהוה האָט אַלץ געברומט פון זיין שוואַרצן מאַנטל אַרויס: „זיי האָבן געזינדיקט, אַלטער פריינט".

און אויפגעהויבן האָט זיך אונזער פאָטער יצחק מיט טרערן אין די אויגן — מיט הכנעה און אין אַ שטיל געבעט געזאָגט אַזוי:

„צוויי קינדער האָסטו מיר געגעבן, צוויי צווייגן פון מיין בוים אויסגעשפּראָצט. מיין האַרץ מיט ליבע געבונדן צו זיי ביידן — האָסטו אָן אייביקע פיינטשאַפט צווישן זיי געוואָרפן. איינעם פאַר אַ זון אויסגעקליבן, דעם צווייטן פאַר אַ רוט צו שטראָפן אים באַשאַפן. ווען איינעם איז גוט, איז דעם צווייטן שלעכט, און יעדן מאָל איז אַ זייט פון מיין האַרץ פאַרבלוטיקט. צי געפינט זיך נישט אין דיין האַרץ ליבע פאַר זיי ביידן? — עשו איז דאָך אויך מיין קינד, פאַרוואָס האָסטו אים פּוז דיר פאַרשטויסן און צום פייניקער פון יעקב גע־

מאַכט? מאַך דאָך שלום צווישן זיי ביידן, און זאָלן זיי ביידע דיינע זין זיין".

און אויפגעשטעלט האָט זיך יעקב, אונזער פּאָטער, און האָט זיך פאַר גאָט געשטעלט און מיט גרויס געוויין געזאָגט אַזוי:

„פּאָטער, דו ווייסט, ווי איך ליב זיי, — יעדעס קינד מיינס, — אַלע זענען זיי מיינע קינדער ביז צו דעם יונגסטן, ביז היינטיקן טאָג אַריין. און טייער באַצאָלט האָב איך פאַר זיי — אָפּגעאַרבעט פאַר יעדן מיין קינד. — ביי לבן־הארמי אָפּגעדינט, נישט געשפּאָרט קיין אַרבעט, נישט בייטאָג, נישט ביינאַכט. יעדעס שעפעלע געטריי אָפּגעוואַכט. רחלען האָב איך ליב געהאַט, דאָך לאהן האָב איך נישט פאַרשעמט. מיט בענקענדיקע בליקן האָב איך צו רחלען געקוקט, דאָך מיט לאהן בין איך אין געצעלט געגאַנגען — ווייל דו האָסט איר נישט געשאָנקען קיין חן, האָב איך זיך אויף איר מרחם גע־ווען. און דו האָסט אויף מיינע קינדער קיין רחמנות נישט געהאַט? דו ווייסט, איך האָב זיי, ווי מיינע שעפעלעך, אין פעלד געפירט און די הימלען געוויזן און דערציילט זיי פון דיר. און ווען אויפגעוואַקסן זיי זענען מיר, און מיין ברודער עשו האָט זיי פאַרטיליקן געוואָלט, איינגעשטעלט האָב איך מיין לעבן פאַר זיי און דו ווייסט, ווי איך האָב מיין לעבן לאַנג געטרויערט איבער איינעם פון זיי — ווען מען האָט מיר זיין העמדל געבראַכט — און איך האָב געמיינט, אַז אַ חיה רעה האָט אים פאַרצוקט. יעצט האָסטו מיר זיי אַלע אומגעבראַכט־איבערגעגעבן האָסטו זיי צו פרעמדע אין די הענט. אָ, יעדער זייער וואונד איז מיין וואונד, יעדער זייער געשריי — אָ, איך קאָן אין מיין קבר נישט איינרוען, עס רינען צו מיר די טרערן

זייערע אַלע אַריין, עס רינט דורך מיין האַרץ זייער בלוט, און יעדע וואונד איז מיין, און יעדע לייד איז מיין".

און עס איז געוואָרן אַ גרויס געוויין, ווען די אבות האָבן זייער וואָרט פאַר גאָט געפירט. הימל און ערד האָבן מיט אונזערע פאָטערס מיטגעוויינט. און אַלע שטערן זענען געקומען און אַרום זיך געשטעלט, און די מלאכים אויבן אין הימל. אַלץ האָט געוויינט. און פון גאָטס אויגן זענען צוויי טרערן אַראָפּגערונען אין ים אַריין און האָבן די וואַסערן אויפגעקאָכט. און עס איז געגאַנגען דער געשריי פון די אָבות פון איין עק וועלט ביז צום אַנדערן. און דערהערט האָבן עס די יידן ביי די טייכן פון בבל — וואָס זענען דאָרט געזעסן. אז זיי האָבן געהערט דעם געשריי, האָבן זיי די אָבות דערקענט און האָבן געזאָגט: זיי זענען פאַר גאָט געקומען, האָבן זיך אָנגענומען פאַר אונז. און אַ שטילע האָפנונג איז אַדורכגעגאַנגען צווישן זיי.

## פערטער געזאַנג

יהוהס ענטפער. — יהוה שיקט ירמיהון משהן רופן. — משה גייט איבער די וועלן פון ירדן. — משה מיט דער זון און שטערן. — משה גייט אין בבל די יידן באַפרייען. — די תפילה פון דר'ערד. — די גולי בבל ביי די טייכן זיצן. — יהוהס שטים. — משה קומט פאַר יהוה אָן. — זיין טענה פאַר גאָט. — די לוחות קומען פאַר עדות געגן ישראל, די מלאכים קומען פאַר עדות געגן ישראל. — משהס ענטפער די לוחות און די מלאכים. — משה רופט די מוטער רחל. — די מוטער רחל פאַר גאָט. — יהוה גייט מיט ישראל אין גלות אריין.

באַלד אַנטשוויגן זענען די אָבות געוואָרן, ציטערנדיק אויף זייערע שטולן זיצן געבליבן. ווי אַ דונער האָט יהוהס שטום געשאַלט און איבערגעגאַנגען מיט דעם שטורם-ווינט פון איין עק וועלט ביז צום אַנדערן. באַהאַלטן האָבן זיך די פויגלען אין זייערע נעסטן אַריין, און די ווילדע חיות אין וואַלד האָבן געברומט פאַר אומבאַוואוסטער שרעק, וואָס איז אויף זיי געפאַלן. געציטערט האָבן די יסודות פון דער וועלט, ווען יהוה האָט געדונערט מיט זיין שטים אַזוי:

„אויף מענטשן-צרות טוט איר קלאָגן, אויף דעם, וואָס דער קערפּער איז אין געפאַנגענשאַפט, און דעם צער פון גאָט זעט איר נישט. אונטערטעניק איז דער אמת גע-

ודאָרן, דאָס געזעץ איז געשטאָרבן, און קיינער ווייסט נישט מער, ווער יהוה איז. גיי, ירמיהו, רוף מיר מיין שותף משה בן עמרם. אין זיין האַנט האָב איך דאָס געזעץ פאַר די מענטשן איבערגעגעבן, קומען זאָל ער דאָ פאַר מיר, צוריק וועל איך נעמען מיין האַנט פון דער וועלט, וואו זיי האָבן מיין אמת פאַרגעסן".

און געענטפערט האָט ירמיהו מיט אַ ציטערנדיקער שטים: „איך ווייס נישט, וואו משה איז אַהינגעקומען. גענומען האָסטו אים אין דיינע הימלען אַריין, און פאַרהוילן איז ער פון די שטערבלעכע: קיינער ווייס נישט, וואו משה איז. וואו זאָל איך אים זוכן גיין?" געענטפערט האָט יהוה: „גיי צום ירדן און שטעל זיך ביי זיין ברעג און רוף אין די וועלן אַריין: „משה בן עמרם, קום פאַר גאָט צו גיין!" — און ווייזן וועט ער זיך דיר".

געגאַנגען איז ירמיהו, וואו גאָט האָט אים באַפוילן, געשטעלט האָט ער זיך ביים ברעג פון ירדן. נאַכט איז עס געווען, און געשטורעמט האָט דער טייך, אויפגעהויבן האָבן זיך זיינע אינדן און געשטעלט זיך ווי אַ וואַנט. דען געוונען האָבן אין דעם טייך די יידישע טרערן. אַלע פון גלות צונויפגערונען, און אויפגעקאָכט האָבן זיי דאָס וואַסער, געגראָבן אַ גרוב ביז זיין טיפן אונטערגרונד, און געוואָרפן האָט דער שטראָם זיך באַרג־אויף און טאָל־אַרונטער. גערופן האָט ירמיהו אין דער טונקעלער נאַכט צום רוישנדיקן טייך צו: „משה, משה! ביסט פאַר גאָט באַגערט". באַלד געשטילט האָט זיך דער ירדן, די וועלן זיך באַרויקט, ווי די אונטערטעניקע, האָר־באַוואַקסענע הינט זענען זיי געלעגן אונטער זיינע פיס. און משה איז געטרעטן איבער זיי פון דעם געטלעכן סוד אַרויס, וואו גאָט האָט אים אויפגעהאַלטן. יונג איז ער געווען, שוואַרץ, מענלעך

באוואקסן זיין געזיכט. און מיטן פייערדיקן גריפל אין דער האַנט, וואָס מיט אים האָט ער די לוחות געקריצט, גייט ער דער געטלעכער קריצער, העכער פאַר אַלע, שטאַרקער פון אַלע, טרעט ער אויף די אונטערטעניקע וועלן און קומט פאַר ירמיהון אָן אויף דעם ברעג, ווי אַ געטלעך געשטאַלט: „וואָס איז דער מער? ווער רופט מיך פון מיין רו אַרויס?" — מורא האָט אויך ירמיהו געהאַט פאַר אים צו זאָגן, אַז די יידן זענען אין גלות פאַרטריבן, האָט ער אויך געענטפערט: „איך ווייס נישט, וואָס עס איז. דו ביסט פאַר גאָט באַגערט". געגאַנגען איז משה צו זיינע פריינט. צו דער זון און צו די שטערן, וואָס שיינען אין הימל אויבן. גוט־פריינט איז ער געווען מיט זיי פון יענער צייט, ווען ער איז גאַסט געווען אין הימל געווען, ביי דער תורה מקבל זיין. האָט ער זיי געפרעגט: „זאָגט מיר, אַלטע פריינט, ווייסט איר נישט, וואָס עס איז געשען — וואָס גאָט האָט מיך געלאָזט רופן פון מיין רו אַרויס?" לאַנג געשוויגן האָבן די שטערן, נישט געוואָלט משהן דעם צער אָנטאָן. די זון האָט דאָך צולעצט געזאָגט: „דיין ווערק, משה, איז געוואָרן צו נישט, צעשטערט האָט גאָט דעם באַנד מיט ישראל, פאַרטריבן אים פון זיין לאַנד — דעם בית־המקדש פאַרברענט, און איינזאַם און פאַרלאָזט דרייט זיך יהוה אַרום. אין די הימלען איז ער נישטאָ (דערפאַר געשלאָגן איז אונזער ליכט), אויף דער ערד צווישן די לעבעדיקע נישטאָ — הערשט דאָס שלעכטס אומעטום. אויפגעשטאַנען זענען די פינסטערע כחות און שרעקן צו פאַרנעמען, חלילה, יהוהס אָרט. די געוויקטן רייסן איינער פון אַנדערן דאָס ליכט אַרויס, וואָס מיר שיקן איבער זיי. דאָס געזעץ איז טויט. יהוה איז אַוועק. גיי, משה, ראַטעווע די וועלט פון אונטערגיין, פיר אין דאָס רעכט צווישן די מענטשן פון דער וועלט, צווישן די חיות אין וואַלד,

צווישן די געוויקסן אין פעלד, — פאַר אַלעמען האָבן מיר ליכט. ברענג, משה, יהוהן דער וועלט צוריק".

ווי משה האָט געהערט די טרויעריקע בשורה, האָט ער איבערגעלאָזט זיינע אַלטע פריינט און געזאָגט צו ירמיהו: „פיר מיך צו די יידן אין גלות אריין, באַפרייען וויל איך זיי — איך וויל זען, ווער עס וועט מיר אין וועג שטיין".

גענומען האָט ער זיין געטלעכן שעפער־שטאָק אין האַנט און געגאַנגען איז ער איבערן לאַנד — זיבן מייל אַ טריט. נאָכגעקוקט האָבן אים די פעלדער מיט אַ שטיל געבעט — און די בערג זענען קלענער געוואָרן פאַר אים, דערשראָקן זיך און איז די זייטן זיך אָפּגערוקט. אויסגעשטרעקט האָט די ערד נאָך אים די הענט — אָנגעכאַפּט אים ביי זיין קלייד און געבעטן זיך אַזוי: „אָ, לייז, משה, די יידן פון גלות אויס, ברענג מיר ווידער די קינדער צוריק", — געבעטן האָט זי זיך, ווי אַ מוטער. וואָרים געשוואוירן האָט די ערד אין דעם טאָג, ווען ישראל איז פון איר פאַרטריבן געוואָרן, אַז זי דאַרף קיין תבואות פאַר אַנדערע נישט אַרויסברענגען. פאַרשטיינערט האָט זי אין זיך די קוואַלן פון איר חיות און די זאַפטן אין איר טיפעניש באַהאַלטן פאַר אירע קינדער, ווען זיי וועלן צוריקקומען צו איר.

געטראָפן האָט זיי משה ביי די טייכן פון בבל זיצן, אין די ריטער־געוויקסן ביי די ברעגן אויפגעהאַלטן האָבן זיי זיך. זייערע פידלען אויף די צווייגן אויפגעהאָנגען, און די האַרפעס ליגן צעבראָכן צו זייערע פיס. זייערע בליקן זענען מיט בענקשאַפט צום וואַסער געווענדט. דערמאָנט האָבן זיי זיך אָן דעם ירדנס וועלן און דעם שלוחס שטילן שעפּטשען, און הערן האָבן זיי פון וואַסער געוואָלט אַ גרוס פון זייער היים, וואָס די וועלן ברענגען מיטן שטראָם מיט. פאַרלאַנגט האָט פון זיי

דער פיינט ציונס געזאַנג, ירושלימס ליד. „ווי אַזוי קאָנען מיר דיר זינגען ציונס געזאַנג אויף פרעמדער ערד? אָפּגעביסן האָבן זיי זיך די פינגער פון זייערע הענט, צעבראָכן די האַרפן צו זייערע פיס, און אויפגעשטאַנען ווי איין מאַן, און אַ גרויסע שבועה געשוואָרן, די שבועה פון אייביקן קיום. אָ, געציטערט האָבן בבלס וואַסערן פון ישראלס געטרייען וואָרט, - וואָס ער האָט צו זיין ערד געשוואָרן; „פאַרגעסן ווען מיר וועלן דיך, ירושלים, זאָל ווערן אונזער רעכטע האַנט פאַרגעסן, אונזער צונג צום גומען צוגעקלעפּט — ווען מיר וועלן דיך נישט דערמאָנען, ירושלים, ביי אונזער פרייד".

געטראָגן אויף די פליגלען האָט דער ווינט די בשורה נאָך ציון צוריק און אויסגעשפּרייט זי ווי אַ טוי איבער די פעלדער אַרום. איינגעזאַפּט האָט אין זיך די ערד ישראלס געטריישאַפט און זי טראָגט זי ווי אַ געטלעכן זוימען אין איר שויס. צייטיקן לאָזט זי דעם זוימען אין זיך און טראָגן וועט זי אַמאָל די פרוכט פון דעם געטרייען וואָרט. — אַזוי האָבן זיך מוטער און זון די הענט געגעבן איבער זייערע שונאימס קעפּ—און באַהאַפטן זיך ביזן היינטיקן טאָג אַריין.

אויפגעהויבן האָט ישראל די אויגן און משהן דערזען: ער שטייט פאַר זיי. און אַ גייסט פון גאָט איז אַריבערגעגאַנגען איבער זיי: „משה בן עמרם איז דאָ צווישן אונז" - אַראָפּגענומען איז געוואָרן די קללה פון גלות פון זיי און באַפרייט ווערן די קנעכט: די קייטן פון די הענט אַראָפּ, די קנעכטשאַפט פון די נשמות, און עס ציטערט שוין דער פיינט פאַר זיין פרייען בליק. געקליבן האָבן זיך אַרום דעם שעפער די שעפעלעך אַלע,— עס פינקלט זיך אין דער זון דער געטלעכער שעפער-

שטאק אין משהס האַנט, און עס ציען זיך פון אים די שטראַלן־פעדעם אַרויס און קניפּן צו זיך און ציען צו זיך איטלעך יידיש האַרץ. געריפן האָט ער מיט זיין שטים, און געהערט האָט דאָס פאַרבלאָנדזשעטע שעפעלע דעם שעפערס קול איבער די בערג שאָלן און זי קערט שוין צו דער טשע־רעדע צוריק. איינגעזאַמלט זענען זיי שוין אַרום אים. עס הויבט אויף דעם שטאָק דער גרויסער שעפער איבער די קעפ און ווייזט זיי דעם וועג קיין ציון צוריק. — אָבער יהודס שטים, ווי אַ געוויטער קומט זי אָן צו גיין: „משה, שטיי! נאָך נישט איז געקומען די צייט. — נאָך נישט איז די גאולה צייטיק. פיל נאָך פאַרקנעכטעטע זענען דאָ צווישן זיי — צו קליין דאָס האַרץ, דער גייסט פאַר־שקלאַפט — אַ פאַלשע גאולה וועט דאָס זיין". אָפּגעלאָזט האָט זיך דעם שעפערס האַנט, די שטים פאַרשטומט, און משה פאַרשוואונדן ווערט פון זיי. עס שוועבט נאָך די שטים פון פרייהייט און די הערצער אַרום; עס שווינדלט נאָך דאָס ליכט פאַר די אויגן פאַרביי; נאָך הויבט און שטאַרקט זיך דער גייסט, און די הענט גייען שוין אין די אייזערנע קייטן צוריק אַריין, עס בויגט זיך שוין דער רוקן צו זיין יאָך אין דעם אייזערנעם שטאַנג. עס שימערט נאָך פון דערווייטנס נאָר קוים, קוים דאָס פאַרגאַנגענע ליכט און קוקט מיט בענקשאַפט צוריק — זיי זעען עס נישט מער. ביי דער אַרבעט זענען זיי אין דער פינסטערער נאַכט פון זייער געפאַנגענשאַפט פאַרזונקען.

אוועק איז משה פון זיי, צו גאָט געגאַנגען, געטראָפן האָט ער נאָך די אבות אַרום יהוהן זיצן. ווי זיי האָבן אים דערזען, האָט זיך דערוועקט דער געשריי אויפסניי: „משה, פון וואַנען קומסטו צו גיין, האָסטו די קינדער געזען?" —

„געזעגן האָב איך זיי". — „וואָס האָט געמאַכט מיט זיי דער פיינט? — „אַ טייל האָט ער געטויט, אַ טייל פאַר שקלאַפן פאַרקויפט."

און געטרעטן איז משה פאַר יהוהן און געזאָגט אַזוי: „יהוה, וואָס האָסטו מיט ישראל געטאָן? פאַרלאָזט האָב איך מיך אויף דיר, געפירט האָב איך זיי פערציק יאָר אין דער מדבר אַרום און אָפּגעהיט האָב איך זיי פאַר דיין גרימצאָרן. פאַרשטעלט האָב איך זיי פאַר די שפּיזן פון דיין כּעס — אַלץ גענומען אויף זיך און מיט מיין אייגן לייב באַשירעמט זיי פאַר דיר. ביז די טויערן פון ציון האָב איך זיי צוגעפירט. מיך האָסטו געלאָזט פון דרויסן שטיין - זיי האָסטו אין לאַנד אַריינגעבראַכט. געפאַלן בין איך אויף די קני פאַר דיר און געבעטן האָב איך זיך ביי דיר - לאָז מיך אין ארץ-ישראל אַריין. נישט געבעטן האָב איך פאַר מיר, נישט פאַר מיר לעבן געוואָלט - אָ, געפּאָרכט האָב איך זיך זיי צו לאָזן מיט דיין כּעס אַליין. געשוואוירן האָסטו, אַז דערמאָנען וועסטו דיך אָן מיר און רחמנות האָבן אויף זיי. וואָס האָסטו געמאַכט מיט זיי? איך פאַרלאַנג משפּט פון דיר!

האָט יהוה גערופן פון הינטער דעם וואָלקן אַרויס, און געברומט האָט זיין שטים ווי אַ געוויין: „זיי האָבן געזינדיקט, משה. דיין תּורה נישט אָפּגעהיט, דאָס געזעץ, דורך דיר געקריצט — פאַרשעמט, באַליידיקט, באַשמוצט. זייער הארץ פון גרונט איז פול מיט זינד, און פאַרשיקט האָב איך זיי פון מיר".

אָבער משה האָט פאַר גאָט גערעדט: „וואָס איז זינד? ווער האָט געשאַפן? אַלץ קומט פון דיר. מיר זענען דער ליים אין דיין האַנט. דו ביסט דער פאָטער פון אונז. אויף דיין וועג גייען מיר-וואָס איז גוט און וואָס איז שלעכטס-

וואָס ווייס דער מענטש ? ווער וועט קומען און עדות־זאָגן, וואָס איז זינד ?"

געזאָגט האָט יהוה : "קומען זאָל דיין ווערק און שטעלן זיך קעגן זיי". – באַלד האָט זיך דער הימל אין פייער געצונדן און די לוחות געוויזן. געפלאַקערט האָבן די טאָוולען אין דער נאַכט, און אַ פייערדיקע האַנט האָט געשריבן אין זיי : לא תגנוב, לא תרצח, לא תענה ברעך עד שקר. געפרענט האָט יעדעס וואָרט, און טראָפנס בלוט האָבן גערונען פון זיי און געשריגן : "פאַרבלוטיקט זענען מיר געוואָרן פון יעדן שטאָך. יעדעס שלעכטס האָט ווי אַ דאָרן געשטאָכן אין אונז אַריין, און מיר טריפן בלוט". געוויינט האָט יעדער אות און געזאָגט : "געשטראַלט האָבן מיר ווי אַ געטלעך ליכט, יעדע זינד האָט אַ פלעק געוואָרפן אויף אונז, און טונקל איז געוואָרן אונזער שיין". אַזוי געקלאָגט האָבן די לוחות און געוויזן די וואונדן, וואָס געשלאָגן זענען זיי געוואָרן מיט זיי דורך ישראלס זינד.

אָבער נישט געשוויגן האָט משה, געשטעלט האָט ער זיך קעגן די לוחות, געקוקט זיי אין די אותיות אַריין און געזאָגט אַזוי :

"געזעץ – איך האָב אייך געשאַפן און ווי אַ געשפּאַן אויף דעם מענטשנס פרייען ווילן געוואָרפן – צו די פעלקער פון דער וועלט האָב איך אייך אַרומגעפירט, און קיינער האָט זיך נישט געוואָלט בינדן מיט אייער "יאָ" און "ניין". געקומען איז ישראל, מיט ליבע גענומען אויף זיך דעם יאָך, פאַרשטיינערט זיין געפיל, אויסגעריסן דעם ווילן פון זיין האַרץ און צום קרבן יהוהן געבראַכט. אַזוי שלעפּט ער זיך אַרום מיט אייער געשפּאַן אויף זיינע הענט איבער זיין בלוטיקן וועג ביזן היינטיקן טאָג אַריין – יעצט קומט איר עדות־זאָגן אויף אים ! וואָס איז ? ער האָט אייערע צען געבאָטן נישט גע־

היט! — ווער האָט דען יאָ אָפּגעהיט? וואו איז דאָ דאָס גוטס־
ווען איר רופט שלעכטס, ווייזט מיט די גערעכטיקייט, —
ווען יידן זענען אומגערעכט".

געזוכט האָבן די פייערדיקע אותיות איבער דער אוי־בערפלאַך פון דער ערד די גערעכטיקייט און נישט געפונען האָבן זיי זי אונטער די לעבעדיקע אויף דר'ערד. פאַרלאָשן האָבן זיי זיך אין דעם הימל־ים. אויסגעגאַנגען איז דער הייליקער פלאַם פון די לוחות, ווי אַ שלאָף, און פאַרשוואונדן אין הימל צוריק.

אַראָפּגעבראַכט האָט אָבער יהוה די גערעכטיקייט פון הימל אַראָפּ. אויפגעשטעלט האָט ער זיינע מלאכים רייען־ווייז: פון דורכזיכטיקן לאַזור־ליכט זענען זייערע איידעלע געשטאַלטן אויסגעגאָסן געווען און אין וואָלקן־העמדלעך אָנגעטאָן. זייערע געזיכטער געלויכטן האָבן פאַר לויטער־קייט — ווי קינדער, פון קיין שלעכטס נישט געוואוסט. געשטאַנען זענען זיי פאַר משהן און פאַר די אבות און מיט גוטסקייט, ווי קינדער, אויף דער וועלט געקוקט. געזונגען האָבן זיי איינינעם אַ געטלעך ליד און געזאָגט אַזוי: „דורכזיכטיק זענען אונזערע לייבער, יעדער געדאַנק פון שלעכטס וואָלט אויף אונזער ליכט אַ פלעק געוואָרפן — זע, גאַנץ מיר זענען באַפלעקט. אַזוי זאָל ישראל זיין."

אָבער נישט אָפּגעשראָקן איז משה געוואָרן פאַר זיי, געשטעלט האָט זיך אונזער מליץ יושר פאַר די מלאכים. געשטאָרבן איז אין אים דער מלאך, און ווידער געבוירן געוואָרן דער מענטש. אין זיין הימלישן לייב האָט גע־שלאָגן מענטשן־האַרץ, און מיט מענטשן־שמייכל אויף די ליפּן האָט ער אויף די מלאכים געקוקט און געענטפערט אַזוי:

„אָ, שיין זייט איר, מלאכים־קינדער! פון מענטשלעכן ריינעם געדאַנק געשאַפן, פלאַטערט איר אין אייביקן הימל־רייך אַרום. איר באָדט אייערע לאַזור־לייבער אין וואָלקן־ליכט און זינגט פאַר גאָט דאָס אייביקע לויב־ליד. באַפרייט פון מענטשן־לאַסטן, ווייסט איר נישט, וואָס קנאה און שנאה איז. קיין תאוה אין אייערע הערצער, קיין ליבע, קיין כעס, דרעמלט איר אין אייער האַרפן־שפּיל איין. צו אונז קומט אַראָפּ, אויף דער ערד וואוינט, זאָלן די זאַפטן פון דער ערד דורך אייערע לייבער אַדורכרינען, און בליען זאָל אין אייך דער מענטש, געברענט מיט די גלוטן פון מענטשלעכן ווילן, צעברעכט אייערע הערצער פאַר גאָט. נשמות האָט אונז גאָט אין ערדישע לייבער געגעבן, ווילן האָבן מיר זיך אַליין געשאַפן. און אונטער די שמיץ פון אונזערע פאַרלאַנגען ברענגען מיר אונזער האַרץ. אַזוי געגליט אין די מענטשלעכע פלאַמען, ווערן מיר צו גאָט. אויף מענטשן זענט איר געקומען עדות זאָגן, וואוינט מענטשלעכעס אין אייערע ברוסטן? דערנערט איר זיך מיט זיין שפּייז?.. איז ווילן אין אייערע לייבער דאָ?"

פאַרשוויגן זענען באַלד די מלאכים געוואָרן, אָפּגערוקט זיך אָן אַ זייט, — ווי אַ ווינט האָבן זיי משהס ווערטער פאַרטריבן, און געווענדט האָט ער זיך צו גאָט און ווייטער גערעדט אַזוי:

„וועלטן האָסטו באַשאַפן, הימלען אָן אַן עק. עס איז נישט אימשטאַנד קיינער צו באַנעמען דיין הימלס אומענדלעכקייט. עס שטראָמען די אייביקע ווינטן אין די אייביקע נעכט אַרום, און דיינע פאַרבאָרגענע וועלטן ערגעץ־וואו; עס לויפן די שטערן אין זייער אייביקן הימל־קרייז. און אויף אַלץ האָסטו דיין אויג. שטורעמדיק איז אָבער אויך דאָס קליינע

מענטשן־האַרץ. דו זעסט זי אַדורך. עס וואוינען דערינען די בראָזנדיקע ווינטן און שטורעמס, ווי די כוואַליעס אין די ימים, און אָן אַ סוף איז איר גרונד. קיינער ווייס נישט אירע דרכים אין אַ מינוט אַרום. פֿול מיט סודות, ווי דיין פֿאַרבאָרגענע וועלט, איז דעם מענטשנס האַרץ. דו איינער זעסט זי אַדורך, ווייסט אירע באַהעלטענישן, פֿאַרשטייסט זי — און קאָנסט איר נישט מוחל זיין? אַ שוואַך באַשעפֿעניש האָסטו אויף דייז וועלט באַשאַפֿן — ווי לייכט זיין האַרץ איז ווייך. עס זעט די לייד פֿון צווייטן און קאָן מוחל זיין".

אוי גערופֿן האָט משה אונזער מוטער רחל. זי איז געקומען פֿאַר גאָט צו גיין פֿון דעם בית־לחם־וועג, וואו זי האָט געבלאָנדזשעט אין די פֿעלדער אַליין און איז נאָך אירע אַרויסגעטריבענע קינדער נאָכגעגאַנגען. אין איר ווייסן געוואַנד, מיט דער שבת־קרוין אויף איר קאָפּ, האָט זי ביי דער לבֿנה־שיין צוגעדעקט זייערע טויטע קערפּערס, וואָס פֿאַרשפּרייט זענען זיי געווען איבערן וועג. זי איז געגאַנגען, און פֿון אירע טויטע אויגן האָבן טויטע טרערן גערונען. גענומען האָט זי משה ביי דער האַנט און פֿאַר גאָט און פֿאַר די אָבֿות געפֿירט. זי האָט זיך פֿאַרן רבונו־של־עולם געשטעלט און מיט געוויין געזאָגט אַזוי:

„דו ווייסט, רבונו־של־עולם, ווי איך האָב דיין קנעכט געליבט, געדינט האָט ער פֿאַר מיר ביי מיין פֿאָטער לבן זיבן האַרטע יאָר. מיר האָבן איניינעם די חדשים געציילט, די טעג, די שעהן. און אַז עס איז געקומען די צייט, ווען איך זאָל די זכיה האָבן צו זיין יעקבס ווייב — האָט דער פֿאָטער אים מיין שוועסטער לאה אין געצעלט געשיקט. געוואוסט האָב איך דערפֿון און מיט יעקבן זיך אַ סימן אָפּגעמאַכט, אַז דערקענען זאָל ער מיך איז דער טונקעלער נאַכט. דאָך אַז עס איז גע־

קומען די חתונה־נאַכט, האָב איך אויף מיין שוועסטער לאהן רחמנות געהאַט, אויסגעזאָגט האָב איך איר דעם סוד, וואָס איך האָב מיט יעקבן געהאַט, און זיך אונטער דעם געלעגער אַרונטערגעלייגט. געהערט האָב איך זייערע טרייסט־רייד, זייערע קושן, זייער געוויין. און אָפּגערעדט האָב איך צו אים פון אונטערן בעט, אַז ער זאָל מיין שטים הערן און נישט וויסן, ווער עס איז מיט אים. איך בין נאָר אַ געוויינלעכער בשר־ודם און האָב מיך אָן מיין שוועסטער נישט מקנא גע־ווען. דו, וואָס דו ביסט דער איינציקער לעבעדיקער אויף דער וועלט, האָסט דיך אָן האַלץ און שטיין מקנא געווען, וואָס יידן האָבן געדינט צו זיי".

אַנטשוויגן איז באַלד יהוה געוואָרן פון אירע רייד, אויפ־געהויבן האָט ער זיך פון זיין אָרט און געבלאָזן מיט זיין וואָלקן אַרום און אַרום. און אויסגערופן: „רחל, דו האָסט רעכט. דו האָסט געלערנט יהוהן, ווי עס דאַרף צו זיין. פאַר דיר וויל איך מיט זיי אין גלות גיין און אויפהאַלטן זיך מיט זיי, ביז די גאולה וועט קומען".

און פאַרלאָזט האָט יהוה די אָבות אויף זייערע ערטער זיצן, פאַרלאָזט האָט ער משהן און די מוטער רחל, פאַרלאָזט האָט ער דעם גאַנצן הימל־קרייז — און אָנגענומען מענטש־לעכעס געשטאַלט און איז געגאַנגען מיט די יידן אין גלות אַריין. אָנגעטראָפן האָט ער זיי ביי דעם טייך פון בבל זיצן, אַריינגעגאַנגען איז ער צווישן זיי. אַזוי האַלט ער זיך אין גלות אויף און גייט מיט מיט זיי פון טייך צו טייך. וואו עס איז דאָ פיין, וואו עס איז דאָ לייד, איז ער דערביי. ער הערט דאָס געוויין, ער זעט די שאַנד, און די אָנמאַכט זעט ער — און ווי זיי, וואַרט ער אויף די גאולה. דאָך אַליין קאָן ער נישט ווערן אויסגעלייזט — די יידן מוזן זיין צו דער

גאולה גרייט. ער וואַרט אויף דער ריכטיקער רגע, ווען יידן וועלן נאָך דער גאולה בענקען, וואַרפן די קייטן פון גלות פון זייערע הענט, הייבן זייערע נשמות צום הימל צו באַפרייען זייערע געמיטער און נאָך דער גאולה שרייען. אָ, יהוה וועט ווערן דאַן באַפרייט מיט זיי צוריק. קריגן וועט ער זיין מאַכט פון די יידנס קראַפט. באַפרייען וועט ער די וועלט. זון און שטערן וועלן צוריק קריגן זייער ליכט; אונטערגיין וועט דאָס שלעכטס — און יהוה אַליין וועט קעניגן איבער דער וועלט.

# עלי און שמואל

**(פון דער סעריע „נביאים")**

דער אַלטער עלי איז געזעסן פאַר דער טיר פון זיין אוהל און ער האָט זיך געוואַרעמט אין דער גליענדער זון. זיינע בלינדע אויגן זענען געווען פאַרמאַכט, ווי פאַרשלאָפן — נאָר זיינע אויערן האָבן פון צייט צו צייט פאַרנומען אַ ווייבערש קיכערן, אָדער אַ גערודער פון אַ מענלעך קריגעריי—האָט ער מיט די אַלטע, ווייכע אָנצייגנענדיקע יאַסלעס אָנגעהויבן צו קלאַפּן, די אויגן אויסגעשטעלט קעגן זיך, האָט ער צו זיי־נע צוויי זין געזאָגט:

— אוי, אוי, יינגען, וואָס טוט איר גאָטס קרבן לעסטערן?

טיילמאָל האָט אים אַ יינג אָפּגעענטפערט:

— נו, נו, אַלטער, די לונג מיט די נירן, אונזער חלק נעמען מיר נאָר.

נאָר אָפּטמאָל זענען דעם אַלטנס ווערטער אַזוי שטיל געווען, אַז זיי האָבן צו די זינס אויערן נישט דערגרייכט — האָט ער געמיינט, אַז זיי זענען זייער פאַרשעמט געוואָרן פון זיינע רייד, איז ער שוין שטיל געבליבן, ווייטער זיך די אַלטע ביינער אויף דער הייסער זון געוואַרעמט, און האַלטנדיק

פאַרמאַכט די אויגן, האָט ער זיך אַביסל מיט די פּלייצעס צוגעשאָקלט, קלערנדיק אודאי אַזוי אין זיך: אויסגעלעבט די יאָרן, אַ כהן געווען פאַר גאָט, דאָס בעסטע פלייש פאַר אים פאַרברענט, אַלט געוואָרן, בלינד געוואָרן, האָט ער זיינע צוויי זין איבערגעלאָזט, — נאָר אַזוי לאַנג עפּעס האָט זיך גאָט צו אים נישט באַוויזן, נישט אין חלום, נישט אויף דער וואָר, — אודאי נישט די צייט געווען, — נישטאָ צו וואָס: נישט מען פירט קיין מלחמה, — — נאָך דעם לעצטן יום־כּפּור אודאי וועט ער זיך צו אים באַווייזן...

ווי דער אַלטער קלערט אַזוי, שטייען זיינע צוויי זין, אין רויטע העמדלעך אָנגעטאָן, מיט צוויי גרויסע גאָפּלען אין די הענט, שטייען פאַר דער טיר פון אוהל און וואַרטן אָפּ די, וואָס וועלן קומען פאַר גאָט מקריב צו זיין.

אין דעם קומט אָן אַ יידענע פון בית־לחם מיט אַ יינגער־לע אירס, אַ בכור, פירט אַ קאַלב, די הערנער מיט קרענץ באַפּוצט, שטופּט זי דאָס קאַלב נאָך, האַלטנדיק איר בכור אויף דער האַנט.

— גוטע מענטשן, וואו איז דער משכּן און וואו וואוינט דאָ עלי דער כהן?

— וואָס זוכסטו דעם משכּן און וואָס דאַרפסטו עלי דעם כהן? — פרעגן די בנים די יידענע, שטייענדיק אָנגעלענט אויף זייערע גאָפּלען ביי דער וואַנט פון משכּן.

— אַ קרבן האָב איך געבראַכט פאַר גאָט, אַ זון אַ בכור האָט ער מיר געשענקט.

— אַזוי, אַ קרבן פאַר גאָט — נו האָסטו דעם משכּן און אָט וואוינט דיר דאָ עלי דער כהן, — זאָגט דער עלטערער פון די בנים, אָננעמענדיק דעם גאָפּל ברייט אין דער האַנט, און געוואַרט די יידענע זאָל פאַר אים דאָס קאַלב אונטערטרייבן.

— ליבער כהן, זײַ מיר מקריב מײַן קרבן פֿאַר גאָט, פֿאַר מײַן בכורס װעגן.

— מקריב זײַן, — זאָגט דער עלטסטער, אָנטאַפּנדיק דאָס קאַלב און באַטראַכטנדיק עס פֿון אַלע זײַטן, — כ׳לעבן געקאָנט אַביסל אַ בעסער קאַלב ברענגען, אַ שװערערס אַביסל, אַ פֿעטערס אַביסל, — אַ קינד האָט דיר גאָט אַ פֿעטס געגעבן, אַ שטאַרקס געגעבן, — זאָגט דער עלטסטער, אױפֿכאַפּנדיק דאָס קאַלב.

— דאָס בעסטע קאַלב, װאָס איז געװען אין שטאַל, — װיל זיך די ײדענע פֿאַרענטפֿערן.

— אַ געזונט װײַבל האָט געזונטע קינדער, — זאָגט דער יונגערער, פּנחס. האָט אָנגענומען דאָס װײַבל בײַם האַנט און געקוקט איר מיט אַ חנדל אין די אױגן אַרײַן, — כ׳לעבן, װען איך װאָלט אַ בכור געהאַט, װאָלט איך פֿאַר גאָט אַ בעסער קאַלב מקריב געװען, נישט געקאַרגט, װי דײַן מאַן האָט געטאָן.

— זאָל דער כהן אַזױ נישט טאָן, זאָל דער כהן אונדז נישט רעדן, — זאָגט די ײדענע, אָפּשטופּנדיק אים מיט אײן האַנט פֿון איר רױט פֿאַרשעמט-געװאָרענעם פּנים, און מיט דער צװײטער האַנט איר צעװײנטן פּנים צו דער ברוסט צוגעדריקט.

— פֿאַרפֿאַלן, מקריב זײַן מוז מען, — זאָגט דער עלטסטער, — נאָר װײסטו װאָס — מיר װעלן באַלד די ניבֿן אָבאַפּגעמען פֿאַר אונדז, װעט מען דיר שױן די לונגען שענקען. — אױ, אַזאַ אָרעם קאַלב האָסטו פֿאַר גאָט געבראַכט — זאָל דער קרבן אַביסל גרעסער זײַן.

— זאָל דערפֿאַר גאָט מיט דיר גוטס טאָן! — זאָגט די ײדענע, איבערגעבנדיק דאָס קאַלב דעם כהן.

די ייִנגען האָבן דאָס קאַלב אין הויף פֿון אָרון געבראַכט, געשאָכטן עס, די פֿעל אַראָפּגעצויגן, אויף שטיקער עס צע־שניטן, אין אַ בעקן אַריינגעלייגט — האָט ער די נירן אַרויס־געצויגן און אין געצעלט געוווּפֿן זיין ווייב.

— נאַ, נעם צו, קאָך עס צום מאַלצייט.

אַז דאָס ווייב האָט געהאַט די נירן צוגענומען, האָט ער די שטיקער אויפֿן מזבח, וואָס איז פֿאַרן אָרון, אַרויפגע־וואָרפֿן, דאָס האָלץ אונטערגעצונדן, די הענט פֿאַרשפּרייט צו גאָט, און געוויזן אויף דער יידענע פֿון בית־לחם

די יידענע האָט אויף איר קינד געוויזן און צו וויינען אָנגעהויבן.

אַז דאָס פֿייער האָט זיך שוין געהאַט גוט צעבר׳ענט און דאָס פֿעטע פֿלייש האָט שוין הינטער די פֿלאַמען צו טריפֿן אָנגעהויבן און די טראָפּן פֿעטס האָבן אין פֿייער געקנאַקט און דעם אוהל מיט רויך אָנגעפֿילט — האָבן די ייִנגען זייערע דריי־צייניקע גאָפּל צווישן די שטיקער פֿלייש אַריינגעלאָזט, אַרויסגעזוכט דעם פֿעטסטן חלק און אים צו באַלעקן אָנגעהויבן.

די יידענע האָט פּלוצלינג איר תפֿילה פֿאַלן געלאָזט און צום כהן זיך אָנגערופֿן:

— מיין כהן, עס צימט זיך נישט פֿאַרן כהן פֿון טאָפּ צו כאַפּן, וואָס איז פֿאַר גאָט אָנגעגרייט.

— ער וועט אַזוי אויך געָנוג האָבן, — האָט דער כהן אָפּגעענטפֿערט עסנדיק, — נישקשה, נישקשה, גאָט איז אַ גוטער, ער לאָזט זיך באַנוגענען מיט ווייניק. נאָר דאָס האַרץ דאַרף זיין דערביי, דאָס האַרץ, — האָט דער כהן געזאָגט, ווי זיך נישט געלאָזט דערביי שטערן.

נאָר די יידענע האָט נישט געשוויגן, האָט גאָטס טייל געפֿאָדערט מיט איר גאַנצער ווייבלעכער קראַפֿט. עס האָט

נישט געהאָלפן אַפילו דאָס, וואָס דער יונגערער ייִנג האָט איר באַאָבאַכטונג געוואָלט אָפּווענדן אויף עפּעס אַנדערש...
און פון דעם איז אַזאַ גערודער אַרויסגעקומען, אַז דער אַלטער עלי האָט זיינע אויערן אָנגעשטעלט, געוואָלט פאַרנעמען, וואָס קומט דאָ אַזוינס פאָר, און מיט די ליפּן געקלאַפּט:
— אָווא, אָווא, ייִנגען!
נאָר דער עלטסטער, האַלטנדיק דאָס פעטע שטיק אויפן גאָפּל, און מיט אַ פול מויל פלייש, איז צוגעגאַנגען צום אַלטן, אָפּגעבראָכן אַ שטיקל פונם פעטן חלק און עס דעם פאָטער דערלאַנגט.
דער אַלטער האָט דעם פעטן ביסן אין מויל גענומען, געקייט, געקייט, געוואָרגן זיך, געוואָרגן זיך, געשפּיגן, געשפּיגן, און דאָך דעם ביסן נישט געקאָנט אַראָפּשלינגען נאָר די אַלטע יאָטלעס ווי זיי האָבן געקלאַפּט, אַזוי האָבן זיי אויך געקלאַפּט, צום סוף האָט ער זיך צעבייזערט, אויסגעשפּיגן דעם ביסן און אויף די ייִנגען אָנגעהויבן צו שרייען:
— עוכרי ישראל! פּושעים! גאָטס קרבן, גאָטס קרבן!
דער עלטערער ייִנג האָט זיך רויק זיין ביסן געגעסן.
אין דעם איז פון וועג אָנגעקומען חנה מיט איר זון שמואל, וועלכן זי האָט געהאַט פאַר גאָט אָוועקגעשענקט, די איז שוין גלייך צוגעגאַנגען צו עלין און האָט צו אים געזאָגט:
— עלי, עלי, איך בין די פרוי, וואָס איך בין דעמאָלט פאַר גאָט געשטאַנען, אַז האָט ער מיין תפילה צוגעהערט, מיר אַ זון געשענקט, איך האָב אים פאַר גאָט אַ מתנה געבראַכט.
— וואָס? — האָט דער אַלטער עלי איבערגעפרעגט מיט האַלבן בייזער, נישט גוט דערהערנדיק חנהס רייד — וואָס, אַ קרבן ווילסטו מקריב זיין?
— איך בין די פרוי, וואָס איז דענסטמאָל פאַר גאָט

געשטאַנען, דו געדענקסט, דו האָסט געמיינט, איך בין שכּור, — זעסט, אָט האָט גאָט מיין תּפילה דערהערט, אַ זון מיר געשענקט, כ'האָב אים פאַר גאָט געבראַכט.

— דערהערט! זעסטו, אַז מען בעט צו אים, הערט ער טאַקע. נאָר בעטן דאַרף מען.

— האָב איך אים געבראַכט. איך וויל אים ביי דיר אין שילה ביים אָרון איבערלאָזן, ער זאָל פאַר גאָט דינען.

— האָ, פאַר גאָט דינען, — האָט דער אַלטער עלי געטאַפּט אין דער האַנט דעם קליינעם שמואל - פאַר גאָט דינען, פון די טעפּ פלייש כאַפּן, דעם בעסטן ביסן פון גאָט אוועקנעמען!

די מוטער מיטן קינד האָבן זיך פאַרשעמט.

- ניין, עלי הכּהן, — זאָגט צום סוף די מוטער — איך וויל מיין קינד איבערלאָזן, ער זאָל דעם נר־תּמיד פאַר גאָט אָנצינדן. אַ נדר האָב איך מיר געמאַכט. איך האָב געבראַכט מיין נדר פאַר גאָט צו באַצאָלן.

- נייע פּרעסערס דאַרף מען דאָ, - האָט זיך דער עלטסטער יינג אָפּגערופן, ערשט קוים געהאַט דאָס פולע מויל פלייש אויפגעגעסן, דורך דעם האָט ער מיט זיין אָפּענטפערן זיך פאַרשפּעטיקט.

- שוין גוט, שוין גוט, - זאָגט דער אַלטער - גיי אין געצעלט אַריין און האַלט דעם קרוג מיט אייל.

די מוטער האָט איר זון אין געצעלט געפירט, אים דאָס ווייסע העמדל, וואָס זי האָט פאַר אים געהאַט, אָנגעטאָן, פאַרן אָרון אים געפירט, און אים פאַר גאָט געשטעלט.

— אָט האָב איך דיר, רבונו של עולם, דיין מתּנה געבראַכט. נעם אים צו, ער געהערט צו דיר.

זי האָט איר קינד געקושט, אים אין גאָטס רשות איבערגעגעבן און זיך איר וועג געגאַנגען.

איבערגעבליבן דאָס ייִנגל שמואל אַליין פאַר גאָט, האָט זיך ערנסט צו זיין אַרבעט גענומען.

יעדן פרימאָרגן אייל אין נר-תמיד אָנגעגאָסן; די איבערגעבליבענע שטיקער פלייש אויפן מזבח אַרויסגע-שאַרט, זיי זאָלן זיך גוט פאַרברענען; בשמים אויפן מזבח אַרויפגעשאָטן; און אַלץ, וואָס ער האָט געטאָן, האָט ער געטאָן מיטן גאַנצן הארצן, מיטן גאַנצן ווילן, אין דעם וועג פון עליס ייִנגען איז ער נישט געגאַנגען; ער האָט זייערע מעשים געזען און זיך פון זיי נישט אָפּגעלערנט, נאָר זיי אין זיין הארצן פאַראַכטעט.

יעדעס יאָר איז דער טאַטע, די מאַמע געקומען, אויף פסח, למשל, האָבן אַ קרבן פאַר גאָט געבראַכט, אים אַ העמדל מיטגעבראַכט און געזען, ווי זייער זון איז געניט אין גאָטס דינסט, ווי ער צינדט אָן דעם נר-תמיד פאַר גאָט, ווי ער איז מקריב דעם קרבן פאַר גאָט, – האָבן זיי נחת געהאַט, אין הארצן זיך געפרייט, אָבער אויפן פּנים דאָס נישט אַרויסגעוויזן.

עליס קינדער האָבן אים אויך ליב געהאַט, אַ שטילער איז ער געווען און אַ גוטער... וואָס זיי האָבן אים גע-הייסן – דאָס האָט ער געטאָן. און אַזוי געניט איז ער געווען אין זיין אַרבעט, אַז זיי האָבן זיך אויף אים אינ-גאַנצן געקאָנט פאַרלאָזן. האָט מען אַ קרבן געבראַכט מקריב צו זיין, האָבן זיי נאָר דאָס זייעריקע זיך אַראָפּ-גענומען – נאָך אַרויסגעכאַפּט פון די טעפּ צו – און האָבן עס אָרעקגעגעבן שמואלן, אַז ער זאָל עס פאַר גאָט צו רעכט מאַכן. ער האָט זיך זייער געפרייט דערמיט, און

זיי זענען פון אים צופרידן געווען, וואָרים זיי האָבן זיך געקאָנט אויך אים פאַרלאָזן. און האָבן אים אָפטמאָל אויך פון פלייש געגעבן.

— נעם דיר אויך אַרויס אַ שטיקל פון טאָפּ, — זאָגט צו אים חפני דער עלטסטער — נעם, דו מעגסט.

— איך האָב גענוג אַ שטיקל נירל, וואָס גאָט האָט געהייסן פאַרן כהן געבן — האָט שמואל אָפּגעענטפערט.

— נאָר צופיל פרום דאַרף מען נישט זיין, — האָט חפני געזאָגט מיט אַ בייזער, — וואָס מאַכט עס אויס אַ שטיקל פלייש — וואָס איז עס דען?

שמואל האָט געשוויגן.

— פרומער צדיק מיינער! — האָט פון אים געלאַכט דער יונגער יינג, פנחס.

נאָר דער אַלטער עלי, גלייך ווי ער וואָלט מורא געהאַט פאַר דעם יינגל שמואל, ער האָט אים נישט געזען; ער ווייסט נישט, ווי ער זעט אויס, נאָר ער האָט מיט זיינע אויערן געהערט און האָט מיט זיין גאַנצער נשמה געפילט דעם יינגלס שטילקייט. „אַ שטיל קינד, גייט זיך זיין אָקסן־שריט, נישט מען הערט עס, נישט מען זעט עס".

און אַז דער אַלטער האָט אַמאָל דערהערט, ווי דער עלטערער יינג, חפני, בייזערט זיך אויף שמואלן פאַרוואָס ער נעמט זיך נישט קיין שטיק פלייש פון טאָפּ אַרויס — האָט זיך דער אַלטער אָפּגערופן צו אים:

— וואָס אמת, איז אמת. צופיל פרום דאַרף מען נישט זיין, אַ שטיקל פלייש אַמאָל שאַדט נישט. איך בין אויך אַ כהן, כ'האָב אויך גאָט געדינט.

דער קליינער שמואל האָט זיך גאָרנישט אָפּגערופן.

און אַז די עלטערן זענען געקומען אויף יום־טוב מיט זייער קרבן, האָט זיך די מאַמע אָפּגערופן:

– הער זיך, מיין קינד, צו, וואָס עלטערע זאָגן דיר, וואָס גוטע, פרומע לייט הייסן דיר.

און אַז די מוטער האָט דעם אַלטן געפרעגט אויף איר קינד, האָט ער איר אָפּגעענטפערט האַלב מיט אַ זיפץ:

– וואָס אמת, איז אמת. אַ פרום קינד איז עס, נאָר —

די מוטער האָט שטיל געשוויגן, נייגעריק געווען צו הערן, וואָס איז דאָס אַזעלכעס דער „נאָר"...

נאָר דער אַלטער האָט מיטן קאָפּ צוגעשאָקלט און גאָרנישט גערעדט.

די מוטער איז דערנאָך צו צום קליינעם שמואל, און האָט אויך אויף אים מיטן קאָפּ צוגעשאָקלט:

– אוי קינד, אוי קינד!

אַזוי האָט זיך שמואל געלעבט ביי עלין אין שילה נעבן אָרון, גוט און פרום, געטאָן זיין דינסט פאַר די, וואָס זענען געקומען קיין שילה פאַר גאָטס אָרון. און עליס יינגען זענען זינדיקע מענטשן געווען, האָבן פלייש פון די טעפּ געכאַפּט; האָבן די ווייבלעך, וואָס זענען פאַר גאָט געקומען בעטן – פון וועג אַראָפּגעפירט. און דער אַלטער, בלינדער עלי, אַזוי ווי ער איז געזעסן פאַר דער טיר און זיך די אַלטע ביינער געוואַרעמט אויף דער זון, אַזוי האָט ער זיך געוואַרעמט און געקלערט וועגן דעם, וואָס איז דאָס די מעשה, וואָס גאָט ווייזט זיך נישט אין הויז אַזאַ צייט מיט יאָרן.

האָט ער פונקט געהערט שמואלן פאַר זיך פאַרבייגיין, האָט ער אים גערופן:

– שמואל, שמואל!

— וואָס ווילסטו, טאַטע?
— וואָס גייסטו טאָן?
— איך גיי אייל אין דעם נר־תמיד אַריינגיסן
— אייל אין דעם נר־תמיד אַריינגיסן, — האָט דער אַלטער פאַר זיך געקלאַפּט מיט די ווייכע יאַסלעס אָן די ציין, — אייל אין דעם נר־תמיד, אַ גוטע זאַך, אַ גוטע זאַך.

---

אַמאָל אין אַ נאַכט, ווען שמואל ליגט אַזוי אין זיין ווייס העמדל, וואָס די מאַמע האָט אים געמאַכט, אויף אַ באַנק אין אוהל און שלאָפט געשמאַק איין — דעם נר־תמיד אָנגעצונדן, דעם מזבח אַרומגעוואַשן, און שטיל איז אין טונקעלן אוהל, נאָר דאָס ליכט, וואָס ברענט פאַר דעם אָרון,—הערט ער אַ שטים ווי פון דעם אָרון אַרויס זיין נאָמען רופן:

— שמואל! שמואל!

דאָס ייִנגל זעצט זיך אויף, קוקט זיך אַרום — קיינער נישטאָ, נאָר דאָס ליכט, וואָס האָט געברענט פון פריער, ברענט נאָך איצט — הויבט זיך אויף, גייט אַרויס פון משכן, גייט אַריין אין אוהל, וועקט דעם בלינדן עלין:

— טאַטע, טאַטע, דו האָסט מיך גערופן?

— ניין, ניין, איך האָב דיך נישט גערופן, — זאָגט דער האַלב־פאַרשלאָפענער, בלינדער עלי, — וואָס גערופן? איך האָב דיך נישט גערופן.

דאָס ייִנגל גייט צוריק אין משכן, קוקט זיך אַרום, — אַלץ ווי פריער: דער אָרון אַזוי ווי ער שטייט — אַזוי שטייט

ער ; און דאָס ליכט, אַזוי ווי עס ברענט — אַזוי ברענט עס זיך, לייגט ער זיך ווייטער אַנידער אויף דער באַנק און ליגט.

ליגט אַביסל צייט, נאָר־וואָס געהאַט אַביסל די אויגן פאַרמאַכט, און די שטים רופט ווייטער :

— שמואל, שמואל.

דאָס יינגל כאַפּט זיך מיט אימפּעט אויף, קוקט זיך אום — קיינער נישטאָ. אַראָפּ פון דער באַנק, אַרויס פון משכן, אַריין אין דעם אוהל און וועקט דעם פאַרשלאָפענעם עלין :

— טאַטע, טאַטע, דו האָסט מיך גערופן ?

— וואָס גערופן ? — איך האָב דיך נישט גערופן, — וועקט זיך דער אַלטער עלי, זעצט זיך אויף אויפן געלעגער, קוקט זיך אַרום, ווי ער וואָלט עפּעס געזוכט, — וואָס האָסטו זיך אויפגעכאַפּט ?

— האָסט מיך גערופן.

— איך האָב דיך נישט גערופן, — זאָגט דער אַלטער.

דאָס יינגל גייט ווייטער צוריק אין משכן, ציט זיך אויס אויף דער באַנק און ליגט און וואַרט.

—שמו־אל, — שמו־אל, — ציט זיך אַ שטים איבערן גאַנצן אוהל.

ער האָט זיך געגעבן אַ זעץ אויף, אַ קוק אַרום זיך, אַרויס פון משכן, אַריין אין אוהל, צו צו עלין :

— דו האָסט מיך יאָ גערופן.

נו, דאָ האָט שוין עלי נישט געשלאָפן. געזעסן איז דער אַלטער אויף זיין געלעגער און ערגעץ־וואוהין מיט זיינע בלינדע אויגן געקוקט אין אַ פרעמדער וועלט אַריין. „אהא — צו מיר זיך שוין נישט באַווייזן” — האָט דער אַלטער

געבּרומט — „צום ייִנגל געקומען", — „צום ייִנגל" — האָט דער אַלטער מיט די אַלטע ביינערדיקע יאַסלעס געקלאַפּט.

— האָסט מיך יאָ גערופן, טאַטע, — זאָגט שמואל.

— איך האָב דיך נישט גערופן, — זאָגט עלי ווי מיט אַ האַלבן בייזער, — דאָס האָט דיך גאָט גערופן, ער האָט דיך גערופן...

דאָס ייִנגל איז שטיין געבליבן, דעם קאָפּ אַראָפּגע־לאָזט, ווי פאַרשעמט. אַ מינוט האָבן זיי שטיל געשוויגן.

דערנאָך, אַז דאָס ייִנגל האָט אָנגעהויבן שטיל אוועק־צוגיין פון אַלטן, גלייך ווי ער וואָלט זיך עפּעס געווען אָפּגעגנבעט, האָט דער אַלטער אים מיט אַ בייזערדיקן טאָן נאָכגעלערנט:

— און אַז ער וועט דיך רופן, זאָג אים, דו ביסט דאָ: „כ'בין דאָ" —

דאָס ייִנגל איז צוריק אין אוהל געגאַנגען מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ, האָט זיך אויף דער באַנק געזעצט, און דאָס פּנים אין ביידע הענט פאַרשטעלט.

און אַז דאָס קול האָט גערופן: „שמואל, שמואל!" איז ער שוין מער צו עלין נישט געלאָפן.

---

צומאָרגנס איינדערפרי איז זיך ווידער דער אַלטער, בלינדער עלי געזעסן פאַר דער טיר, און זיינע אַלטע ביי־נער געוואַרעמט אין דער זון. ער האָט זיך די פינגער איינציקווייז געבראָכן, און די שפּיץ באָרד אין מויל געכאַפּט און געביסן, און ביי זיך געטראַכט: צו דעם קליינעם זיך געווען, צו דעם קליינעם... נישקשה, נישקשה.

אַ גאַנצן טאָג האָט זיך דער קליינער שמואל ווי באַ־האַלטן פון אים. מען זעט איב אויף די אויגן נישט — האָט

זיך דער אַלטער געטראַכט, און אויסגעשטעלט די אויערן, איבּ דער קליינער לויפט נישט פאַרביי – נישטאָ, ער באַהאַלט זיך, – טראַכט זיך דער אַלטער – באַהאַלט זיך – און הויבּט זיך אויף, און טאַפּט מיט די הענט, ביז ער טרעפט אַריין אין משכן, שטעלט זיך אַוועק ביי דער טיר און רופט אַריין:

– שמואל, שמואל, וואָס טוסטו, מיין זון?

– איך מאַך צורעכט דעם נר־תמיד, טאַטע, – ענטפערט שמואל.

– פאַרנומען ביים נר־תמיד, – זאָגט דער אַלטער, און טראַכט זיך: שטענדיק איז דאָס ביי גאָטס אַרבעט, – קום נאָר אַרויס, – רופט דער אַלטער, און טאַפּט ווייטער מיט די הענט אָן דער וואַנט, ביז ער קומט צו צום פריערדיקן אָרט.

האַלבּ ווי פאַרשעמט קומט צו צו אים שמואל און שטעלט זיך פאַר אים.

– וואָס ווילסטו, טאַטע?

– געוויזן זיך צו דיר גאָט? – פרעגט דער אַלטער.

– געוויזן, – ענטפערט שמואל מיט אַ האַלבּ פאַרשעמטן טאָן.

– און וואָס האָט ער דיר געזאָגט?

שמואל שווייגט.

– „סודות“ – טראַכט זיך דער אַלטער – „סודות“.

שמואל שווייגט.

– נישקשה, איך בין אויך אַ כהן, ער פלעגט זיך צו מיר אויך באַווייזן, מעגסט זאָגן, האָסט נישט וואָס מוראַ צו האָבן.

שמואל שווייגט.

– שווייַגסט – שווייַגסט, – נו, נו, שווייַג.

שמואל האָט דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט צו דער ערד.

– האָסט זיך נישט וואָס צו באַהאַלטן פאַר מיר, איך האָב אויך גאָט געדינט, איך האָב אויך, – שאָקלט דער אַלטער מיטן קאָפּ.

שמואל שווייַגט.

– סודות, סודות, – זאָגט דער אַלטער פאַר זיך.

– מען דאַרף דעם נר־תּמיד אָנצינדן, ער איז פאַרלאָשן – זאָגט שמואל.

– גיי דעם נר־תּמיד אָנצינדן, ער איז פאַרלאָשן, – זאָגט דער אַלטער מיט אַ געבייזער.

שמואל איז צוריק אין משכּן אַרייַן.

דער אַלטער איז פאַר דער טיר זיצן געבליבן, די זון האָט זייַן אויפגערייצט פּנים געבערענט, און געברומט האָט ער פאַר זיך: סודות... סודות...

אין דעם איז אַרויסגעקומען דער עלטסטער ייִנג זייַנער, חפני, פון משכּן אַרויס, אויפן גאָפּל אַ פעט שטיק פלייש פון טאָפּ אַרויסגעכאַפּט. דערזען דעם אַלטן, ברעכט ער אָפּ אַ שטיקל פון גאָפּל און מיט אַ פול מויל זאָגט ער צום פאָטער:

– נאַ, נעם, טאַטע, אויך אַ ביסן.

– פרעסער, זויפער, נאָר צום פרעסן ווייסט איר, נאָר כאַפּ־לאַפּ, פרעסער! אוי, אוי!

דער עלטסטער ייִנג האָט אַ פאַר בייזע אויגן אויסגעגלאָצט אויפן אַלטן. ער האָט אים גאָרנישט געקאָנט ענטפערן, ווייל דאָס מויל איז אים מיט פלייש אָנגעשטאָפּט געווען.

# דער קעניג פון יהודה

(פון דער סעריע „נביאים“)

ישראל האָט זיך אָפּגעטיילט פון יהודה און האָט זיך געמאַכט אַ באַזונדערן קעניג איבער זיך — ירבעם.

און דער קעניג ירבעם האָט מורא געהאַט, אַז דאָס פאָלק וועט אויפגיין קיין ירושלים אויף יום־טוב, ווי גאָט האָט געבאָטן, און וועט זען דאָס בית־המקדש, וואָס שלמה האָט זיי אויפגעשטעלט, און דודס טורעם מיט די גאָלדענע פאַנצערס פון די גבורים, וואָס הענגען אויף אים, און וועלן הערן די לוויִמס געזאַנג אין בית־המקדש־הויף, — וועלן זיי זיך פאַרבענקען נאָך דודס הויז און רחבעמען ווידער איבער זיך פאַר אַ קעניג מאַכן — האָט ער געלאָזט צוויי גאָלדענע קעלבער מאַכן, איינעם אויפגעשטעלט אין דן, און דעם צווייטן אין בית־אל און געזאָגט: דאָס איז דיין גאָט, ישראל, וואָס האָט דיך פון מצרים באַפרייט, אים דינען, אַזוי ווי עס שטייט אַלץ אויפגעשריבן אין דער הייליקער שריפט.

און אויסגעקליבן האָט ער פאַר זיינע קעלבער כהנים פון פּראָסטן פאָלק, וואָרים קיין פּאַסנדע האָט ער נישט

געפֿינען. אַלע כּהנים זענען געווען אין ירושלים, און וואָס פֿאַר אַ מיטל ער האָט נישט אָנגעווענדעט, אַז ער זאָל עפּעס אַראָפּקריגן אַן אָרנטלעכן כּהן פֿאַר זיינע קעלבער, האָט נישט געהאָלפֿן. די כּהנים האָבן נישט געוואָלט קומען און פּשוטע שרין נביאים.

דאָס פֿאָלק איז אָבער געוואָרנט געווען צו געניטע כּהנים און נאָך מער צו הייליקע שטרענגע נביאים, וועלכע האָבן דאָס פֿאָלק געשטראָפֿט און קיינעם נישט נושא-פּנים געווען, אַפֿילו דעם קעניג נישט, וואָס האָבן וואונדער גע-וויזן און פֿאַרציילט פֿון גאָט, און דאָס פֿאָלק האָט אָנגע-הויבן צו בענקען צוריק נאָך ירושלים.

עפּעס האָט ער יאָ געהאַט אַ פּאָר נביאימלעך, וועלכע האָבן זיך אויסגעלערנט אַביסל כּשוף מאַכן פֿון די בני-נוב, נאָר זיי האָבן בלויז געקאָנט קליינע מופֿתימלעך באַווייזן, ווי וואַסער און בלוט פֿאַרקערן, אָבער רעכטע מופֿתים האָבן זיי נישט געוואוסט, און דאָס פֿאָלק האָט צו זיי קיין צוטרוי נישט געהאַט.

נון איז אָנגעקומען אַ געטלעכער מאַן פֿון יהודה מיט גאָטס וואָרט קיין בית-אל, און דער קעניג ירבעם שטייט פּונקט אליין אויפֿן מזבח אין זיין רעזידענץ-שטאָט און דעמפּט פֿאַר דעם גאָלדענעם קאַלב געווירצן.

און דער געטלעכער מאַן רייסט זיך אַריין צווישן עולם, וואָס שטייט אַרום מזבח, קומט צו פֿאָרן קעניג און רופֿט צום מזבח: מזבח, מזבח! עס וועט קומען אַ טאָג און אַ זון פֿון דודס הויז וועט שעכטן אויף דיר די כּהנים, וואָס אָפּפֿערן פֿאַר דיר, און וועט פֿאַרברענען זייערע ביי-נער אויף דיר. און מיין צייכן איז: דער מזבח וועט צע-שפּאַלטן ווערן, און דאָס אַש וועט זיך אויסשיטן.

און זע, דער מזבח ווערט צעשפּאָלטן, און דאָס אַש שיט זיך אויס אין זיינע לעכער.

דער קעניג האָט באַלד פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַן אמתער נביא, אַ ריכטיקער ירושלים=נביא און אַזאַ נביא, אַז ער וואָלט געקריגן פאַר זיינע געטער, וואָלט ער גע=קאָנט צוציען דאָס גאַנצע פאָלק צו זיך, און דאָס פאָלק וואָלט שוין נישט געווען געבענקט נאָך ירושלים, און וואָלטן זיך שוין מער נישט אַרויסגעגנבעט פון זיינע גרע=נעצן, צו קומען קיין ירושלים, ווי זיי פלעגן עס טאָן.

און דער קעניג האָט באַשטימט ביי זיך, אַז וואָס דער נביא זאָל אים נישט קאָסטן, זאָל ער אים דאָך אויפהאַלטן פאַר זיינע געטער.

זאָגט דער קעניג אַזוי צום נביא:

– מיין גוטער נביא! איך זע, אַז דו ביסט טאַקע אַן אמתער נביא, וואָס דו קאָנסט גרויסע מופתים מאַכן. ווייסטו וואָס, איך וויל דיך אויסהאַלטן פאַר מיינע געטער, איך וויל דיר גוט באַלוינען, אַלע פיסלעך און לונגען פון די קרבנות, וואָס מען וועט ברענגען פאַר די געטער, וועלן געהערן צו דיר, אַ טייל פון די נדבות, און וואָס טויג דיר צוריקגיין קיין ירושלים, דאָרט זענען דאָ אַ סך נביאים אחוץ דיר, דו ביסט אודאי דער קלענסטער פון זיי. בלייב דאָ איבער ביי אונז, וועסטו דאָ זיין דער גרעסטער נביא.

נאָר דער נביא ענטפערט אַזוי:

– אפילו ווען דו וועסט מיר געבן פולע שטובן מיט גאָלד, אַ האַלב פון דיין הויז, וועל איך אויך נישט טרינקען ירושלים אויף דיין בית=אל, און דאָס בית=המקדש — אויף דיין גאָלדענעם קאַלב.

און דער קעניג טראַכט זיך אַזוי: איז האַרט ביי זיך, מען דאַרף אים אַביסל ווייכער מאַכן.

פאַלט ער אויף אַ פּלאַן און זאָגט אַזוי:

— געטלעכער נביא! דיינע ווערטער האָבן מיר געריהרט, און איך וויל טאַקע אָנהויבן תשובה טאָן צו גאָט, און איך וויל אין דיר ערן גאָט, לאָמיר דיך מכבד זיין מיט מיינע בעסטע מאַכלים, מיט מיינע שענסטע חפצים. קום אונטער דעם באַלקן פון מיין דאַך, וואַש דיינע פיס און עס פון דעם ברויט, וואָס איך וועל פאַרבאַרייטן פאַר דיר, זאָלן זען אַלע אַלטע און חשובע לייט פון ישראל, ווי דער קעניג איז מכבד און ערט דעם נביא פון גאָט.

נאָר דער נביא האָט געזען, אַז זיינע ווערטער האָבן דעם קעניג געריהרט, האָט עס אים אין האַרץ געפרייט און ער האָט שוין גערעדט צום קעניג מיט אַ מילדן קול:

— מיך פרייט זייער, וואָס מיינע ווערטער האָבן דיך געריהרט, און דו הויבסט אָן תשובה צו טאָן. זאָל דיר גאָט ביישטיין און מוחל זיין דיר דיינע חטאים. נאָר עסן מיט דיר קאָן איך נישט, און אָפּקערן הינטער דיין באַלקן טאָר איך איך נישט, ווייל גאָט האָט מיר אָנגעזאָגט: „דו זאָלסט נישט עסן קיין ברויט אויף דעם אָרט, און זאָלסט נישט טרינקען קיין וואַסער אויף דעם אָרט און זאָלסט נישט צוריק אַרויס-גיין פון שטאָט אויף דעמזעלבן וועג, מיט וועלכן דו ביסט אַריינגעגאַנגען", און גאָט ווידערשפּעניקן קאָן איך נישט.

און דער נביא איז איינזאַם אַרויסגעגאַנגען פון שטאָט, פון קיינעם נישט באַגלייט, פון קיינעם גאַרנישט גענאָסן, דורך אַ באַהאַלטענעם וועג אַוועק פון שטאָט.

און געגאַנגען איז ער אויפן וועג פריילעך, מיט אַ לייכט האַרץ און מיט אַ גוט געמיט. אַט האָט ער גאָטס שליחות גע-

טאָן: געקומען אין שטאָט, געזאָגט דעם קעניג דעם אמת אין פּנים אַריין, און דער קעניג איז גערירט געוואָרן פון זיין נביאות און טוט תשובה צו גאָט.

און גאָרנישט האָט ער דערפאַר גענומען, אפילו קיין לעק וואַסער, אפילו קיין ביסן ברויט.

הונגעריק איז ער געווען, און זיין וועג־טאָרבע איז ליידיק געווען, און קיין חפץ האָט ער ביי זיך נישט געהאַט, נאָר דאָס האָט אים נאָך מער באַפרידיקט: געטאָן גאָטס שליחות און גאָרנישט דערפאַר גענומען — האָט ער זיך געזעצט אויף אַ שטיין אָפּרוען.

און דאָס פאָלק, וואָס איז אַרום דעם מזבח געשטאַנען און האָט געזען דעם נביאס מופת און געהערט דעם נביאס וואָרט, האָט אונטער אַנדערער צו מורמלען אָנגעהויבן: אָט דאָס איז מיר אַ נביא, געזאָגט דעם קעניג דעם אמת אין פּנים, קיין באַלוינונג דערפאַר נישט געוואָלט נעמען. וואָס דען, אונזערע נביאים?...

— ברויט־פרעסער זענען זיי נאָר, — האָט איינער פון דער מחנה געזאָגט.

— אָראָפּצוגנבענען פון די בעסטע חלקים, דאָס קאָנען זיי, — האָט אַ צווייטער געברומט.

און אַ זון פון אַן אַלטן נביא, וואָס איז געווען אין שטאָט, איז דערביי געשטאַנען און האָט צוגעזען אַלץ, וואָס דער נביא האָט געטאָן און גערעדט, איז ער אַהיים געגאַנגען צום פאָטער, אַ נביאַלע דאָרט עפּעס, האָט זיך שוין באַלד רויק זיינע יאָרן אויסגעלעבט אויף דעם נייעם פּלאַץ אין בית־אל — האָט זיך אויף דער עלטער אַוועקגעזעצט אין דער היים, הינטער זיין פייגנבוים און בינשטאָק אויסרוען

און האָט געלעבט פון דעם, וואָס ער האָט אָנגעקליבן אין די גוטע צייטן.

און דער זון קומט דאָ אהיים און ווארפט אַ וואָרט אונטער זיך:

— דאָס איז אַ נביא! דאָס ווייס איך איז אַ נביא!

— וואָס אַ נביא? — פרעגט דער אַלטער, וועלכער איז געווען זייער אויפפּאַסנד אויף דעם וואָרט „נביא".

— איז געקומען אַ נביא פון יהודה, איז צו צום מלך, אים די עברות אין פּנים געזאָגט, דעם מזבח אויף צוויייען געשפּאָלטן, דאָס אַש אויסגעשיט און דעם מלך די האַנט פּאַרדאַרט, נישט קיין עסן, נישט קיין טרינקען. דער מלך וויל אים די מתנות באַשענקען, וויל פאַרן כהן-גדול מאַכן — ער כאַפּט די טאָרבע און אַרויס פון שטאָט...

— אַ נביא, מיינס אַ חבר, איינײנעם אין ירושלים אין איין הייל געווען באַהאַלטן. איינײנעם ביי אחיה השלוני תורה געלערנט, אודאי, ווי הייסט — זאָגט דער אַלטער, וועלכן די גבורות פון דעם נביא האָבן אויפגערודערט — אודאי, מיר וועלן זיי ווייזן, די קעניגן, זיי ווילן נישט גאָטס וואָרט הערן — שטראָפן וועט מען זיי מיט דער האַרבסטער שטראָף. „און גאָט האָט געזאָגט צו מיר אַזוי"— הויבט אָן דער אַלטער פּלוצלינג מיט אַ נביאישן טאָן — דעם רייטוואָגן שפּאַנט מיר איין, העי, ייִנגען, דעם רייט-וואָגן! — פאַרגעסט פּלוצלינג דער אַלטער, וואָס גאָט האָט אים געזאָגט, — לאָזט מיך מיין חבר, דעם נביא, נאָכלויפן, אונטער מיין דאַך אים ברענגען, דאָס פעטסטע קאַלב שעכט מיר. העי, ייִנגען! נאָכן נביא, וואָס הייסט, ווי דען! מיר וועלן זיי ווייזן די מלכים.

די יינגען האָבן אים דעם רייטוואָגן געשפּאַנט, דער נביא האָט זיך אַרויפגעזעצט און דער מוילאייזל האָט אים אויף דעם וועג געפירט, אין וועלכן דער נביא פון גאָט איז געגאַנגען.

דער נביא פון גאָט איז נאָך אַלץ געזעסן אויפן שטיין, ביי אַ קוואַל וואַסער, צופרידן אין זיך, וואָס זיין שליחות האָט זיך אים אַזוי איינגעגעבן, און האָט זיך דערווייל געטראַכט: דאָך נישט אַזאַ זינדיקע שטאָט דאָס בית־אל, עס האָט אַ ווייך האַרץ פאַר גאָטס וואָרט, האָט הנאה פון נביאס מוסר. נאָר לענגער בלייבן האָט מען נישט געטאָרט, גאָט האָט נישט געהייסן.

„זאָלסט נישט עסן קיין ברויט און זאָלסט נישט טרינקען קיין וואַסער אויף דעם אָרט" — האָט גאָט געזאָגט, קרעכצט דער נביא.

אין דעם קומט אָן דעם אַלטן נביאס רייטוואָגן און שטעלט זיך אָפּ:

— דאָס ביסטו דער נביא פון יהודה, געקומען מיט גאָטס וואָרט, געשיקט צו ירבעם?

— דאָס בין איך! — זאָגט דער נביא.

— און וואָס גאָט האָט דיר געזאָגט, אַז דו זאָלסט נישט עסן קיין ברויט און נישט טרינקען קיין וואַסער אויף דעם אָרט? — זאָגט דער אַלטער אין איין אָטעם.

— יאָ, דערזעלבער.

— אויב אַזוי, טאָ זעץ זיך שוין אין מיין רייטוואָגן און פאָר מיט מיר אין שטאָט אַריין. גאָט האָט זיך צו מיר באַוויזן און געזאָגט: „לויף אים נאָך, ברענג אים אין שטוב אַריין און גיב אים ברויט, און גיב אים וואַסער." אוי, קום דיך

דערכאַפּט, — אָטעמט שווער אָפּ דער אַלטער, — גאָטס באַ-פעל צו דערפילן.

— און ווער ביסטו דען? — פרעגט דער נביא.

— אויך אַזאַ נביא, ווי דו. איך האָב געגנוג געשטראָפט, געגנוג גערעדט, מען האָט מיך נישט געוואָלט פאָלגן, אָט וועלן זיי האָבן דערפאַר.

— אַ נביא פון גאָט? — פרעגט נאָך דער אמתער נביא איבער מיט אַביסל חשד.

פרעג נישט, חבר; אויך אַזאַ נביא ווי דו; דאָס גאַנצע פאָלק אין טויער ווייסט עס. אָט פרעג זיי, — ווייזט ער אויף די אַרומיקע. — העי, געגנוג אייך געוואָרנט, ווענדעט ער זיך צום עולם — נישט געזאָגט, איר זאָלט תשובה טאָן? אָט וועט איר האָבן פאַר דאָס אייעריקע. שוין זיבעציק יאָר אויף מיין גרויען קאָפּ — זאָגט ער צום נביא — ווי איך בין אַ נביא; נאָך נתן הנביא געקענט, און מיט אחיה־השלוני ברידער גע-ווען. איינעם מיט אים דעם נייעם מלבוש אויף ירבעמען צעריסן, אחיה האָט אים געגעבן די צען חלקים, און איך האָב געבראַכט די צוויי געבליבענע חלקים צו רחבעמען. הרגענען האָט ער מיך געוואָלט, בין איך פון אים אַנטלאָפן.

— האָט דיר געזאָגט, אַז דו זאָלסט מיך צוריק אין שטאָט ברענגען, און עסן מיר געבן? אַ וואונדער, עפּעס מיר האָט ער גאָרנישט געזאָגט דערפון, — זאָגט דער נביא.

— געזאָגט מיר: גיי, לויף אים נאָך, ער איז הונגעריק און דורשטיק, און איך האָב אים נישט געהייסן עסן און טרינקען אויף דעם אָרט, ברענג אים צו דיר — זאָגט ער, דו וועסט אים טרעפן אויפן וועג, הינטער דער אלה. הא, דו ביסט טאַקע געזעסן הינטער דער אלה.

— אודאי מיך געוואָלט אויספּריוון — זאָגט דער נביא פאַר זיך — גאָט, אויב איך וועל נישט עובר זיין אויף זיין באַפעל, נישט צונעמען קיין לוין פאַר מיין שליחות. צוליב דעם האָט ער מיר נישט געהייסן עסן, נישט טרינקען אויף דעם אָרט, — טרייסט זיך דער נביא, וועלכער איז געווען הונגעריק און דורשטיק. — אָ, ניין! איך וועל נישט עובר זיין דיין באַפעל, טאַטע אין הימל, — זאָגט דער נביא, אַרויפגייענדיק אויפן אַלטנס רייטוואָגן, — דעריבער האָט ער מיר נישט געלאָזט זאָגן, נאָר ער האָט דיר אָנגעזאָגט, כדי צו ווייזן מיר, אַז ער געדענקט אָן מיר. ער ווייס גאַנץ גוט, אַז איך בין הונגעריק און דורשטיק.

— מיר וועלן זיי ווייזן, די מלכים, — האָט דער אַלטער נביא געזאָגט, — מיר וועלן זיי שוין ווייזן, וואָס אַ נביא הייסט, און וואָס עס הייסט אין גאָט ווידערשפּעניקן, מזבחות זיך אַליין מאַכן, קרבנות זיך אַליין מקריב זיין, מיר וועלן זיי שוין ווייזן, — האָט דער אַלטער הויך געשריגן מיט קוראַזש און האָט דעם נביא אין שטאָט אַריינגעבראַכט.

דעם נביא אין שטאָט אַריינגעבראַכט, איז אים די גאַנצע שטאָט נאָכגעלאָפן. די הייזער האָט מען איבערגעלאָזט אַליין, די מוטערס האָבן די קינדער אויף די הענט גענומען און נאָכן נביא געגאַנגען, און די כהנים האָבן דאָס גאָלדענע קאַלב אין זייער מקדש איבערגעלאָזט און נאָך דעם נביא נאָכגעגאַנגען. דערווייל האָבן טאַקע דעם פאַלשן נביאס זין דאָס פעטסטע „געדריטלטע" קאַלב געשאָכטן, דעם טיש אונטער אַ לינדנבוים געגרייט, ברויט דערלאַנגט, זאַלץ דערלאַנגט, און דאָס פעטע קאַלב אויפגעגעבן.

דער שטאָט־נביא האָט זיין גאַסט וואַסער דערלאַנגט, האָט אים די פיס געוואַשן און אים דעם אָנגעזעענסטן אָרט

אָנגעביטן, אַליין האָט ער זיך אונטער דעם בוים געשטעלט אים צו באַדינען.

זענען אָנגעקומען די פּאַרנעמסטע בעלי־בתּים פון שטאָט, דעם נביא מתּנות געבראַכט; איינער אַ גאָלדענע קרוג, דער צווייטער אַ גוטן אונטערטעניקן אייזל. דער אַלטער נביא האָט די מתּנות פאַר זיין חבר צוגענומען, דערביי זאָגנדיק צו די חשובֿים אַזוי: — האָב איך דען אייך נישט גענוג געשטראָפט, האָב איך אייך דען נישט געזאָגט: טוט תּשובֿה, כּל זמן עס איז נאָך צייט! איר האָט מיך נישט געוואָלט פאָלגן. וויי, אוי וויי געשריגן!... — האָט דער אַלטער זיך די האָר פון קאָפּ געריסן. דער נביא, עסנדיק רויק זיין ביסן ברויט, בויגט איבער דעם קאָפּ צו אים און שאָקלט אים מיט מיטן קאָפּ.

עס קומט אָן אַ יידענע מיט אַ קראַנק קינד אויף דער האַנט, שטרעקט אויס די האַנט צום נביא:

– גאָטס פריינט, האָב רחמנות אויף דיין דינסט, און הייל איר איינציק קינד. איך האָב נישט מער ווי פינף טעפ האָניק אין דער שטוב, וועל איך זיי דיר אַוועקגעבן.

און דער אַלטער שטאָט=נביא גייט פּלוצלינג צו צו זיין חבר פון יהודה און זאָגט צו אים:

– שלאָג מיך, חבר, שלאָג מיך, פריינט, וואָרים גאָט האָט געהייסן, אַז דו זאָלסט מיך שלאָגן.

און דער נביא האָט אים מיטן לעפל, וואָס ער האָט געהאַלטן אין האַנט, געגעבן עטלעכע קלעפּ אויף דער פּלייצע.

און דער אַלטער שטאָט=נביא דרייט זיך אויס צו דער יידענע מיטן קראַנקן קינד און זאָגט אַזוי:

— „אזוי ווי אַ חבר שלאָגט אַ חבר, און אזוי ווי אַ פריינט שלאָגט אַ פריינט, אזוי וועל איך אייך שלאָגן; עס איז נישטאָ קיין רחמים היינט ביי מיר", זאָגט גאָט.

און דער נביא דרייט אום דעם קאָפּ, מיטן ביסן אין מויל און שאָקלט צו: — אזוי איז עס, אזוי...

אין דער שטאָט אָבער איז וואָס אמאָל מער פאַרשפּרייט געוואָרן די ידיעה, אַז דער נביא פון יהודה, וואָס איז געקומען אין שטאָט אריין און אזוינע מופתים באַוויזן, און דעם מלך אין פּנים דעם אמת געזאָגט — איז ווידער צוריק אין שטאָט אריינגעקומען און שטייט איין ביים שטאָט=נביא, און ער עסט דאָרט ברויט, און ער נעמט צו נדבות און זאָגט דאָרט נביאות; — האָבן זיי יעדערער אים געבראַכט מתנות און געקומען צו אים, טיכער אים אויסגעשפּרייט, און גאָלד און זילבער אים אַנידערגעלייגט, און צו אים די הענט אויסגעשטרעקט נאָך ישועה. און דער אַלטער שטאָט=נביא שטייט אַלץ און שטראָפט, און שטראָפט.

האָט דאָס זיין נביאיש האַרץ גערירט, אין יהודה איז ער געווען דער קלענסטער, קיינער האָט זיך אויף אים נישט אומגעקוקט, אַלע גייען נאָך אחיה השלוני, און דאָ איז ער דער גרעסטער, דאָס פאָלק גייט אים נאָך, און ברענגט אים מתנות און שפּרייט אויס די הענט צו אים. עס איז גאָרנישט אַזאַ שלעכט פאָלק, ווי ער האָט געמיינט; האָט ליב גאָטס וואָרט און איז מכבד דעם נביא.

און דער אַלטער שטאָט=נביא שטייט אַלץ און שטראָפט, און שטראָפט, רופט ער זיך אָן:

— נו, פאַרפאַלן איז נאָך נישט, אויף אַלץ איז דאָ אַן עצה, קיינמאָל איז ביי גאָט נישט צו שפּעט. תשובה דאַרף מען טאָן, וועט אייך גאָט מוחל זיין!

און דער אַלטער נביא נאָך אים:

— דאָס וואָס איך האָב אייך שטענדיק געזאָגט, תשובה איז תשובה! מיט תשובה קאָנסטו אַלץ מאַכן.

און די בעלי־בתּים וואָס זענען דאָרט געווען, קוקן זיך איבער איינער צום צווייטן און זאָגן אין דער שטיל, ווייזנדיק אויפן נביא:

— אָט איז אַ נביא, אָט איז גאָטס אַ שליח, מיט איין האַנט שלאָגט ער דיך, מיט דער צווייטער — טרייסט ער דיך.

און דער נביא זאָגט ווייטער:

— גאָט איז אַ אל רחום וחנון, און ווען מען בעט צו אים — הערט ער, ווען מען טוט תשובה, איז ער מוחל! אַ ערבאַרעמדיקער גאָט איז ער, אַ גוטער גאָט.

— אַ דערבאַרעמדיקער גאָט איז ער, — שרייט נאָך דער שטאָט־נביא. — הערט, ישׂראל, הערט, וואָס גאָט לאָזט אייך זאָגן: „אַ דערבאַרעמיקער גאָט בין איך דיר, און אַז דו וועסט מיך רופן, וועל איך דיר הערן, און אַז דו וועסט תשובה טאָן צו מיר, וועל איך דיר מוחל זיין".

— אַ אויסדערוויילט קינד ביזטו מיר, ישׂראל, זאָגט גאָט, — הויבט אָן מיט זיין טאָן אונזער נביא. — און זענען דען נישט מיינע פריינט, אברהם, יצחק און יעקב געווען דיינע עלטערן? און משה, מיין טייערער קנעכט, איז דען נישט געגאַנגען פאַר דיר? גאָט האָט דיך אויסגעוועלט, ישׂראל.

— אַ אויסדערוועלטס קינד זענען מיר, — זאָגן די בעלי־בתּים איינער צום צווייטן, און טרערן ווייזן זיך אין זייערע אויגן, און רוקן זיך נענטער צום נביא, און ווארע־מער ווערט זיי. — אַ אויסדערוועלט קינד, און אברהם,

יצחק און יעקב זענען געווען אונזערע עלטערן, אַן אויס־דערוויילט קינד, ישראל...

און אַ בעל־הבית פון דאָרט, מיט טרערן אין די אויגן, גייט צו צום נביא (האַלט זיך אַביסל צוריק), און מיט אַ פאַרכריפּעט קול זאָגט ער:

— טייערער נביא, גוטער נביא, אַן אויסדערוויילט קינד זענען מיר פאַר גאָט. מיין ברודער ביסטו, מיין פאָטער ביסטו; דיין קנעכט האָט היינט די ווייַנטרויבן אין קעל־טער געטראָגן, דעם וויין אין די פעסער געבראַכט, לאָז דיין קנעכט דעם וויין דאָ אויפן טיש ברענגען, און לאָז דאָס פאָלק זיך פרייען מיט דיר. אַן אויסדערוויילט קינד זענען מיר צו גאָט, אָ, טייערער נביא! אָ, גוטער נביא!

און אַ צווייטער בעל־הבית מיט אַ כליפּענדיק קול איז צוגעפאַלן צום נביא:

— הייליקער נביא, געטלעכער נביא! גערעדט האָסטו היינט צום הארץ פון דיינע קנעכט און געטרייסט האָסטו זיי; און דיין קנעכט האָט האָניק אַרויסגענומען פון דעם בינשטאָק די היינטיקע נאַכט. לאָז עס דיין קנעכט דאָ אויפן טיש פאַר דיר ברענגען און זאָל דאָס פאָלק זיך פרייען מיט דיר. געטרייסט האָסטו אונז היינט און גע־רעדט צו די הערצער פון דיינע קנעכט, אָ, הייליקער נביא! געטלעכער נביא!

— איך זע אין דעם קיין חטא נישט, — האָט דער אָפּ־געענטפערט.

און די בעלי־בתים זענען מיט פרייד יעדערער צו זיין הויז געלאָפן, און יעדערער האָט זיין וויין און האָניק, און די פרוכטן פון זיין פייגנבוים און די פרוכטן פון זיין טייטלבוים פאַרן נביא אויפן טיש געבראַכט.

און דאָס פאָלק איז צוגעקומען וואָס אַמאָל מער, וואָס אַמאָל מער און האָבן אים זיידענע מתנות געבראַכט: ווער אַ גאָלדשטיק און ווער אַ זילבערשטיק, ווער אַ טייער קלייד און ווער אַ שטיק פּורפּור־שטאָף, ווער אַ קרוג אייל, – און האָבן די מתנות צו זײַנע פיס געלייגט.

און דער עולם: מאַן און ווייב און קינד האָבן גע־טרונקען פון דעם ווײַן און געלעקט פון דעם האָניג און געגעסן פון די פייגן און פאַרזוכט פון די טייטלען – און געפרייט זיך מיטן נביא, און ער – מיט זיי. און זײַן האַרץ איז פריילעך געוואָרן, און געזען האָט ער דאָס פאָלק אַרום זיך, און ווי עס פרייט זיך מיט אים, האָט ער די הענט אויפגעהויבן און האָט אַזוי געזאָגט:

– וואו איז נאָך דאָ אַ פאָלק ווי ישראל, און וואו איז נאָך דאָ אַזאַ שטאַם ווי יעקב! וואויל איז דיר, וואויל איז דיר, קיין שלעכטס וועט דיר נישט געשען, נאָר שלום, שלום וועט זײַן צו דײַן געצעלט.

– האָב איך אייך דען נישט באַלד געזאָגט, אַז שלום, אַז נאָר שלום וועט זײַן צו אייך און צו אײַערע קינדער? – שרייט דער שטאָט־נביא.

נאָר דאָס פאָלק האָט איצט נישט געקוקט אויף אים. געהערט פון נביא פון יהודה דאָס וואָרט שלום, איז זיי אַ שווערער שטיין פון האַרץ אַראָפּ, און אַ גרויסע פרייד איז זיי באַפאַלן, און זיי זענען צוגעפאַלן צו אים און האָבן אים בײַ די פיס אַרומגענומען, האָבן אים אין דער הויך געהויבן און האָבן געטאַנצט פאַר פרייד אַרום אים.

– טײַערער נביא, הייליקער נביא! דו ביסט אַ גוטער נביא, אַ גוטער נביא, אונזער דאַך ווען מיר דיר אוועק־

געבן, אונזער ברויט און וואַסער — זיי מיט אונז, בלייב מיט אונז.

נאָר דער נביא האָט זיך אָפּגעשטעלט:

— ניין, איך קאָן נישט. גאָט האָט מיר געזאָגט, — נאָר וואָס גאָט האָט אים געזאָגט, האָט ער פאַרגעסן, — איך וועל נאָך צוריקקומען, איך וועל נאָך צוריקקומען.

און זיי האָבן אים אויף דעם בעסטן אייזל אַרויפגעזעצט אָנגעלאָדן אַלע מתנות, די גאָלדשטיקער און די זיידנטיכער מיט די פּורפּורטיכער, אַלע קעשענעס אים אָנגעפּילט, אַלע עקן אים באַלייגט, און איצט איז שוין דער נביא נישט ווי פריער ליידיק און ליער, הונגעריק און דורשטיק, פאַרלאָזט און איינזאַם פון שטאָט אַרויס; — ניין, באַלאָדן און אָנגעשטאָפּט, זאַט און באַטרונקען, און דאָס פאָלק האָט אים באַגלייט מיט געזאַנג און טענץ.

ביים טויער פון שטאָט האָט ער זיך מיט זיי געזעגנט, פאַרשפּראָכן זיי, אַז ער וועט צוריקקומען, און זיי זענען מיט רויקע געמיטער און פריילעכע הערצער אין שטאָט געגאַנגען, און געזאָגט איינער צום צווייטן:

— אָט דאָס הייסט אַ נביא, דאָס איז אַ נביא פון יהודה.

— אַ גוטער נביא, אַ האַרציקער נביא.

— אַ גוט האַרץ, — האָט אַ דריטער אַ וואָרט אַריינגעוואָרפן, און זענען זיך צעגאַנגען.

---

רייט זיך אונזער נביא איינער אַליין אויפן וועג, אָנגעלאָדן מיט אַלעם גוטעס, און טראַכט ביי זיך אין האַרצן:

— אַ גוט פאָלק ישראל, אַן אריסטאָקראַטיש פאָלק, האָט ליב גאָטס וואָרט, האַלט בכבוד גאָטס נביא.

און דאָס אונטערטעניקע אייזעלע קלאַפּט מיט די פיס־

לעך אָן די שטיינדלעך, און די גאָלדשטיקער און די זילבער־שטיקער קלאַפּן פון ביידע זייטן זאַטל.

אין הארץ ביים נביא ווערט עפּעס נישט אינגאַנצן זיכער: דאָס פּאַריקע מאָל געגאַנגען, נישט געריטן אויף דעם וועג, א הונגעריקער, א דורשטיקער, אָבער עפּעס דאָך רויִקער געווען, מער צופרידן מיט זיך. דאָס זייניקע אָפּגעטאָן, געזאָגט גאָטס וואָרט, געוואָרפן אַן אימה אויפן מלך און פאָלק, און גאָרנישט דערפאַר גענומען.

— וואָס האָב איך דאָ געטאָן, — וויל ער זיך אַליין פאַר־ענטפערן,—געגעסן און געטרונקען, און גאָט האָט דאָך אַליין געזאָגט דעם נביא, אַז ער זאָל מיך צוריקברענגען און עסן מיר געבן, און טרינקען מיר געבן.

— און אַ גוט פאָלק ישראל, אַן אָרנטלעך פאָלק, האַלט זיך אָן גאָטס וואָרט, וויל זיך האַלטן, נאָר האָבן אַ שלעכטן קעניג, דעם ירבעם, גאָלדענע קעלבער האָט ער זיך געמאַכט. און עס וועט קומען אַ צייט און יהודהס אַ קינד וועט שעכטן דיינע כהנים אויף דיינע מזבחות — און איך וויל דאָך...

— שלום האָט מיר גאָט נישט געהייסן צו זאָגן, — טראַכט ער, זי דערמאָנענדיק, אַז ער האָט צוגעזאָגט שלום.

— שלום, ניין, אָ, ניין! האָט מיר גאָט נישט געהייסן צו זאָגן, — רעדט ער צו זיך אַליין און גיט אַ שטעק די האַנט אין דער רייזע־טאָרבע און שלעפּט אַרויס אַ פּאָר גאָלדשטיקער.

— און גאָלדשטיקער האָט מיר גאָט נישט געהייסן נעמען פאַר מיין נביאות, — זאָגט ער צו זיך, און איך האָב יאָ גענומען.

– און ויידענע טיכער, און פורפורשטאָף האָט מיר גאָט נישט געהייסן נעמען פאַר מײַנע נביאות, און איך האָב יאָ גענומען.

און דערמאָנט זיך, ווי ער איז דאָ פריער געזעסן הינטער דער אַלה אַ הונגעריקער, אַ דאָרשטיקער, אַ מי־דער און פאַרלאָזטער, און ווי גוט עס איז אים דאָ גע־ווען; אָפּגעטאָן גאָטס שליחות, געזאָגט דעם קעניג: דו אַזוינער און אַזוינער – און אוועק. נישט דיין ברויט, נישט דיין וואַסער.

און יעצט רייט ער דאָ אַ באַלאָדענער מיט גאָלד און זילבער, און זיידנטוך און פורפורשטאָף, און מיט אַ פולן מאָגן... און ער האָט געכאַפּט די גאָלדשטיקער, און די זילבערשטיקער, און די זיידנטיכער פון אונטערן זאָטל גע־ריסן, – אויפן וועג פאַרשפּרייט, און דעם פורפורשטאָף פון זיך געוואָרפן, און געקוקט אויף זיך, און גאָטס וואָרט איז צו שאַנדע געוואָרן...

— נישט באַדאַרפט צוריקצוגיין, נישט געדאַרפט, רעדט ער צו זיך אַליין.

און ער באַטרויערט זיך אין זיין האַרצן און האָט חרטה אויף זיינע מעשים, און גאָט האָט רחמנות אויף אים און לאָזט אים אָפּקומען די זינד אויף דער וועלט –

עס גייט אַרויס אַ לייב פון וואַלד און טויט אים, און דעם אייזל לאָזט ער לעבן.

שטייט דער אייזל אין מיטן וועג, נעבן דעם טויטן קערפער און ווייסט נישט, וואָס ער האָט צו טאָן.

גייט אַ מענטש פאַרביי און דערזעט דעם טויטן נביא, קומט ער אין שטאָט אַריין און דערציילט עס.

כאַפּט זיך דער שטאָט־נביא אויף און שפּאַנט זיך דעם רייטוואָגן און פאָרט אויפן פּאַרט אויפן וועג אַרויס און ברענגט אים אין שטאָט אַריין.

און ער האָט אים אַ שיינע לויה געלאָזט מאַכן און זיין קבר, וואָס ער האָט זיך שוין געהאַט אויסגעהאַקט, אים אָפּגעגעבן.

און דאָס גאַנצע פאָלק איז נאָך דער מטה געגאַנגען, און האָט אים אַ שבח נאָכגעזאָגט:

— אַ גוטער נביא געווען.

— אַ האַרציקער מענטש.

— אַ גוט האַרץ, — האָט אַ דריטער אַריינגעוואָרפן.

און דער שטאָט־נביא איז נאָך דער מטה נאָכגעגאַנגען און האָט זיך די הענט געבראָכן און האָט הויך געוויינט אויפן קול:

„און גאָט האָט דיר געזאָגט, אַז דו זאָלסט נישט עסן קיין ברויט און זאָלסט נישט טרינקען קיין וואַסער אויף דעם אָרט, און דו האָסט גאָט נישט געפאָלגט, און האָסט יאָ געגעסן ברויט און האָסט יאָ געטרונקען וואַסער אויף דעם אָרט — האָט דיך גאָט דערפאַר געשטראָפט".

און ביי דער גרוב מאַכט ער מיט טרערן אין די אויגן צו זיינע קינדער אַזוי:

„ליבע קינדער, אַז איך וועל שטאַרבן, באַגראָבט מיך נעבן אים, אַ ברודער איז ער מיר געווען, אַ געזעלן מיינער"...

# ביי דער כותל־מערבי

(איינדריקן)

ווען איך בין אַ ייִנגל געווען, אין חדר געלערנט, אין חומש געלייענט וועגן ירושלים, האָט זיך מיר אַלץ געדאַכט, אַז ירושלים איז אַ שטאָט וואָס רוט נישט אויף גאָטס ערד, נאָר זי איז באַהאַלטן מיט גאָט אין די הימלען, ווי אונזערע פאָטערס אברהם, יצחק און יעקב, און ווען משיח וועט קומען און אַלע טויטע וועלן אויפשטיין, דעמאָלט וועט ירושלים אינאיינעם מיט אַלע הייליקע אבות פון הימל אַראָפּנידערן. ירושלים איז געווען ווי אַ הייליקע לעגענדע, וועלכע קומט צו גיין צום יידן אין די שבתדיקע טעג און די ימים־טובים און לעבט ביי אים אין סדור אין די תפילות.

אַז איך בין עלטער געוואָרן, האָב איך די זכיה געהאַט מיט מיינע אייגענע אויגן צו זען די שבתדיקע לעגענדע ירושלים. איך האָב געהערט, אַז פון דעם גאַנצן חומש איז אונז נאָר איבערגעבליבן איין ירושלים, וואָס לעבט מיט אונז אין איין צייט, און איך האָב נישט פריער גערוט, ביז איך האָב זי נישט געזען מיט מיינע אויגן.

אין אַ פרייטאָג פאַרנאַכט בין איך צום ערשטן מאָל אָנגעקומען מיט דער באַן פון יפו נאָך ירושלים. אַז איך בין געפאָרן מיטן וואָגן אין שטאָט אַריין און אָנגעקומען צו די שערי־יפו, ביי דעם אַריינגאַנג פון דער אַלטער שטאָט, האָב איך געטראָפן יידן אין לאַנגע אַטלעסענע קאַפאָטעס, אין שיך און זאָקן, אין הויכע פוטערנע שטריימלעך, באַהאָנגען איבער די אַקסלען מיט סאַמעטענע שבת־מאַנטלען גייען מיט די יינגלעך צו דער כותל מערבי צו קבלת שבת. אין די פענסטער פון די קליינע הייזלעך האָבן אַרויסגעשיינט די שבת־ליכטלעך פון די מעשענע לייכטער, ווי ביי אונז אין די קליינע שטעטלעך, האָב איך זיך פאַרשעמט אַריינצופאָרן אום שבת אין ירושלים. בין איך אַראָפּ פון וואָגן און געפרעגט זיך צו דער כותל מערבי. אַז איך בין אָנגעקומען נאָענט צו דער כותל מערבי, האָב איך אָנגעטראָפן יידן וואָס האָבן געשטראָמט פון אַלע געסלעך צו דער כותל מערבי. און פאַרשיידענע יידן זענען דאָס געווען. עס זענען געגאַנגען שפּאַנישע יידן מיט טערקישע טורבאַנען אויף די קעפּ, מיט שוואַרצע פינקלדיקע אויגן און שוואַרצע ריזיקע בערד. יעדעס געזיכט איז ענלעך צום רמב״ם, צו אַ חכם און צו אַ למדן. עס זענען געגאַנגען די בוכאַרישע יידן, אָנגעטאָן אין זייערע פאַרבנרייכע מאַנטלען, אין גאָלדענע פּאַסקעס, מיט קאָזאַצקע פוטערנע היטלען און רויטע אויסגעהעפטע שטיוול; נעבן זיי זייערע ווייבער מיט האַלב־פאַרהאָנגענע געזיכטער. עס זענען אָנגעקומען די תימנער יידן, אין ווייסע קיטלען אָנגעטאָן אין אָרעמע טליתים. גאַליציאַנער יידן, אין פוילישע קליידונג, און ווייבער אין ווייסע זיידענע טיכער און טערקישע שאַלן; און פערסישע יידן,

אין שוואַרצע ערנסטע מאַנטלען — און אַלע האָבן געשטראָמט צו דעם שמאָלן געסל, וואָס פירט צו דער כּותל מערבֿי.

און בײַ דער כּותל מערבֿי זענען געשטאַנען די ייִדן פֿון אַלע פֿיר עקן וועלט, וואָס דאָס בענקשאַפֿט האָט זיי אַרויסגעיאָגט פֿון זייערע קלײנע פּוילישע שטעטלעך און פֿון זייער זונעניקער תּימנישער וויסטע, און פֿון זייערע רײַכפֿאַרבנדיקע האַנדלס־שטעט פֿון בוכאַריע, און פֿון די פֿינסטערע דערפֿער פֿון פּערסיע און זענען זיך אַלע צונויפֿגעקומען בײַ דער איינציקער איבערגעבליבענער וואַנט, וואָס שטייט ווי אַ מצבה אויף אַ פֿאָלק. די לאַנגע און ברייטע שטיינער, וועלכע ליגן איינער אויפֿן אַנדערן, זענען באַשריבן מיט נעמען פֿון די, וואָס באַדאַרפֿן הילף, און צווישן די שפּאַלטן פֿון די שטיינער ברענען ליכט, און די ייִדן פֿון אַלע ווינקעלעך האָבן זיך אײַנגעקופּיעט אין דעם שמאָלן ענגן געסל, וואָס איז פֿאַר דער וואַנט. שוואַרצע ייִדענע זשופּיצעס מישן זיך אויס איינעם מיט גאָלדענע בוכאַרישע מלכימדיקע מאַנטלען; שוואַרצע פֿוטערנע שטרײַמלעך מיט רויטע פּערסישע טורבאַנען; ווײַסע תּימנישע קיטלען מיט שוואַרצע בכבֿודיקע שפּאַניש־ייִדישע קאַפּאָטעס, און אַלע ווענדן זיך צו דער וואַנט און קוקן צו די שווײַגנדיקע גרויסע שטומע שטיינער מיט בענקנדע אויגן. זיי, די שטיינער, זענען די עדות, די איינציקע ־ רעשטן ־ פֿון אונזער הויז. עס זענען די קינדער צוריק געקומען צום הויז און האָבן געפֿונען נאָר איין־איינציקע איבערגעבליבענע וואַנט, און בײַ דער וואַנט שטייען מיר אַלע אַרום, און מיר האַלטן זיך אָן בײַ די הענט און מיר זינגען אַלע איינעם אַ ליד, אַ גרויס שבתדיק ליד:

— לכה דודי לקראת כלה פני שבת נקבלה.

וואָס אַרט עס אונז, וואָס די אַראַבישע פּרויען פֿון די

קליינע שמוציקע הייזלעך, וואָס שטייען קעגנאיבער דער כותל מערבי, ווארפן מיסט אויף די שבתדיקע בגדים פון די בכבודיקע יידן. וואָס אַרט עס אונז, וואָס די קליינע אַראַבישע ייִנגלעך פון די שמוציקע אַראַבישע הייזלעך ווארפן שטיינער אין די בעטנדע יידן — פאַר דעם זענען מיר אין גלות. אָבער מיר שטייען פאַר דער וואנט פון אונזער הויז. און כאָטש אונזער הויז איז צעשטערט און אַ וואַנט פון אונזער הויז דינט נאָר צו באַצוימען אַ פרעמד הויז — דאָך איז עס אונזער וואַנט, אונזער ירושה, דער איינציקער עדות פון אונזער גדולה, און היינט איז שבת...

און צווישן די אַלטע יידן מיט די גרויע בערד שטייט אַ יונגערמאַן, זיין יונג בחוריש געזיכט זאָגט עדות, אַז ער האָט קיינמאָל נישט געפילט דעם גלות, דאָך שטייט ער איניינעם מיט די אַלטע יידן, בויגט זיין פנים אין אַ יידס סדור און זינגט מיט דעם „לכה דודי" מיט די אַלטע יידן. עס באַווארפן אויך אים די קליינע אַראַבישע ייִנגלעך מיט די שמוץ פון זייערע שטובן, און ווי אַן אַלטער ייד, וואָס איז געוואוינט צום גלות, שטייט ער און קוקט זיך נישט אַרום, וואָס די גוים שטערן, און ער זינגט זיין שבת־ליד. מען האָט מיר אָנגעוויזן אויף דעם יונגנמאַן אַלס אַן אַמעריקאַנער רב, וועלכער האָט פאַרלאָזט אַ שול פון די מיליאָנערן און איז אַוועק אין אַ פראָסטער אָרעמער שול, צו אָרעמע אַלטע יידן.

---

„...און עס וועט זיין אין די לעצטע טעג און עס וועט באַפעסטיקט ווערן דער באַרג פון גאָטס הויז אויף די שפיצן פון די בערג און ער וועט דערהויבענער ווערן איבער אַלע הויכן און עס וועלן שטראָמען צו אים אַלע פעלקער"

איך ווייס נישט אויב עס זענען שוין אָנגעקומען יענע לעצטע טעג, וועגן וועלכע דער נביא רעדט. נאָר דער וואָס האָט איבערגעלעבט פּסח אין ירושלים, דער האָט געזען, ווי דעם נביאס ווערטער זענען מקוים געוואָרן.

עס שטראָמען צום באַרג די פעלקער פון דער וועלט — און דער באַרג אַליין ווערט באַוואַקסט פון פרעמדע...

עס וואַרעמען זיך אין דער ירושלימער זון די מאַכמעדאַנישע דערווישן, וועלכע ליגן אין זייערע ווייסע קיטלען איבער די מאַרמאָרנע טרעפּן פון דעם גרויסן און ברייטן הויף, וואָס איז אַמאָל געווען דער בית־המקדש־הויף. און אויף דעם אָרט פון דעם בית־המקדש שטייט דער מאַכמעדאַנישער מעטשעט, און פאַר אַ באַקשיש פון פינף סענט ווייזט דיר דער דערוויש די אַלע הייליקייטן, פון וועלכע דו האָסט געטרוימט ווען דו ביסט אַ קינד געווען. פאַר אַ באַקשיש פון פינף סענט אַנטפּלעקט ער פאַר דיר דיינע רעליגיעזע רעליקוויען. ער ווייזט דיר דעם שטיין, אויף וועלכן אברהם האָט געזאָלט יצחקן מקריב זיין. ער ווייזט דיר דעם אָרט, וואו דער קדשי־קדשים איז געווען, אין וועלכן דער כהן גדול האָט נאָר איינמאָל געמעגט אַריינטרעטן. עס שטייען די טערקישע סאָלדאַטן און היטן דעם איינגאַנג פון יעזוס קבר־קירכע און קוקן זיך צו מיט גלייכגילטיקייט און מיט אַ שלעפערדיקן גאַנוווער צו דעם רעליגיעזן עקסטאַז פון די אָרעמע רוסישע פּויערים, פון די גריכישע פּאָפּן, פון די פראַנצויזישע נאָנען, פון די איטאַליענישע גלחים — וועלכע וואַרפן זיך מיט די פּנימער צו דער ערד און ווערן פאַרחלשט ביי דער שוועל פון זייער הייליקייט. זיי ווייסן נישט די מאַכמעדאַנישע דערווישן און די טערקישע סאָלדאַטן, אַז זיי האָבן געהיט דאָס געוויסן פון דער וועלט,

דורך הונדערטער יאָרן זענען זיי געווען די טויער־היטער פון דאָס הייליקסטע, וואָס די מענטשן האָבן פאַרמאָגט. זיי זענען געווען די טויערן־היטער פון י ר ו ש ל י ם.

אַ קליין פאָלק, פאַריאָגט אין דער פרעמד פון זייערע באַזיגער, זענען אַמאָל געזעסן מיט זייערע האַרפן אין די הענט ביי אַ ברעג פון אַ פרעמדן טייך, געקוקט אין וואַסער און געבענקט נאָך זייער באַליבטער היים, און עס האָבן פאַרלאַנגט זייערע באַצווינגער פון זיי, אַז זיי זאָלן זיי זינגען די לידער פון זייער היים, האָבן זיי די האַרפן אויף די צווייגן אויפגעהאָנגען פון די ווײַדנביימער, וואָס זענען געשטאַנען ביים טייך און האָבן די שבועה געשוואוירן: „אַז איך וועל דיך פאַרגעסן, ירושלים, זאָל מיין רעכטע האַנט פאַרגעסן ווערן".

אַ פאַרכשופטע שבועה איז דאָס געווען. נישט נאָר בלויז דאָס קליינע פאָלק האָט די שבועה געשוואוירן, נאָר די גאַנצע וועלט האָט מיט אונז די שבועה מיטגעשוואוירן. אין יעדן דור, דורך טויזנט יאָר, קומט די שבועה און פאָדערט דאָס איריקע. דורך טויזנט יאָרן האָט די שבועה פאַרכשופט און אַרויסגעפאָדערט די העלדן פון זייערע ריטערישע שלעסער און זיי האָבן זיך באַקליידט אין זייערע דאָן־קיכאָטישע שילדן און שפּיזן, גענומען אָפּשייד פון זייערע פּרינצעסינס און האָבן געוואַנדלט ווי פאַרײרטע איבער דער וועלט — געשלאָגן זיך אין וועלדער מיט מכשפים און רוחות, וואָס האָבן געפּרוווט זיי שטערן דעם וועג. שטעט און דערפער פאַרברענט אויף זייער וועג, און פאַרכשופט פון דער שבועה האָבן זיי געבלאָנדזשעט איפן וועג נאָך ירושלים, איבער דער גאַנצער וועלט, איבער אַלע וועגן און שטעגן האָבן זיי זייערע ביינער פאַרשפּרייט. פיל זענען אונטערגעגאַנגען, פאַרלוירן געוואָרן אויפן וועג, נאָר אייניקע זענען דערגאַנגען. און שטייסטו היינט ביי

די טויערן פון ירושלים פאַר פסח און דו זעסט ווי ס'ציען זיך די פעלקער פון דער וועלט קיין ירושלים, אויף יום-טוב – דאַכט זיך דיר, אַז דער צוג האָט זיך נאָכנישט געענדיקט, אַז עס ציען נאָך די ריטערס קיין ירושלים ביזן היינטיקן טאָג. . .

עס איז געקומען די שבועה אין דער שטילער נאַכט און האָט אָנגעקלאַפּט אין לאָדן פון דעם רוסישן פּויער, אין ווייטן ווינטערדיקן רוסלאַנד: ירו-שלים! און עס קאָן שוין דער פּויער נישט רוען, ער וואַנדלט צופוס איבער די לאַנגע ווייט פון זיין לאַנד, ביז ער קומט אָן צום ברעג פון שוואַרצן ים, און שלעפּט זיך טעג און נעכט איבער די ימים און קאָן פריער נישט רוען, ביז ער קלאַפּט אָן מיט זיין שטערן אויף דער שוועל פון דעם טויער פון ירושלים. און שטייסטו אין ירושלים פסח-צייט, ביי דעם טויער פון דער אַלטער שטאָט, און דו זעסט ווי עס ציען זיך צענדליקער טויזנטער פּויערן און פּויערטעס פון אַלע עקן פון דער גרויסער רוסלאַנד, מיט פּעקלעך אויף די פּלייצעס, זעסטו ווי עס ציען זיך די קאַטוילישע פּראָצעסיאָנען פון שפּאַנישע, פּוילישע און רוטענישע גוים, באַלקאַנען-פעלקער, גריכן, מאַכמעדאַנישע אַראַבער, וואָס קומען זוכן משה רבינוס קבר, אַלטע אַראַבישע שייכן, מעקאַנישע דערווישן, זעסטו, ווי די אַלטע יידישע שבועה האָט זיי פאַרכשופט, געקומען ביינאַכט צו זייערע פענסטער און האָט זיי געוועקט און געפאָדערט: ירושלים!

אַ יום־טובֿדיקע שטאָט איז ירושלים. עס גייט אויף די זון אין אַ זילבערנעם ליכט און באַזילבערט די גאַנצע שטאָט. די הייזער זענען פון ווייסע שטיינער, די גאַסן אויסגעלייגט מיט ווייסע קאַלך־שטיינער, איבער די קעפּ הענגען ווייסע ליילעכער פון איין הייזל איבערן אַנדערן, און איבער די שמאָלע ענגע געסלעך וואַנדלען די פעלקער פון דער וועלט, אַלע טראַכטן פון ערד־קוגל און אַלע שפּראַכן פון מענטשלעכן מין הערן זיך איבער די שמאָלע געסלעך פון דער אַלטער שטאָט. אין די קראָמען אויף די פענסטער זיצן אויסגעזעצט די מאַכמעדאַנישע סוחרים, דויכערן בשמים־געווירץ, אַז דער אָנגענעמער ריח זאָל צוציען קונים, און וואַרפן אויף זייערע פאַרבן־קאָלירטע אָריענטאַלישע סחורות, בונטע טעפּיכן, קלינגענדע זילבער־נע גלעקלעך, פאַרבנרייך־באַפּוצטע אייזלען־זאָטלען, באַנטשען מיט פאַרשידנפאַרביקע קאָלירטע קרעלערן, רעליגיעזע בילדער, אָנגעצונדענע אַראַבישע לעמפּלעך — און די סחורות גיבן אַרויס פון זיך אַ זיסן מזרחישן ריח. עס פירט אַן אַראַבער זיינע אַרעם־ווייבער אויף אַ קעמל איבער די געסלעך פון ירושלים, אַ שלאַנקע, עלעגאַנטע אַרעם־דאַמע, באַגלייט מיט אַ באַלאָדנטן יענאָך, גייט אַרום איבער בשמים־געוועלבלעך איינצוקויפן קרייטעכצער, צונויפשטעלן די זאַלב פאַר איר לייב, וואָס איר האַר און געביטער האָט ליב. פירט אַ רוסישע נאָנע אַ מחנה רוסישע פויערים איינקויפן לעדער אויף שטיוול, וואָס זיי האָבן צעריסן אויפן וועג. שטייט אַ גאַליציאַנער ייד און האָט צו פאַר־קויפן נייע יום־טובֿדיקע כּלים אויף פּסח — אָדער אַן אַנ־דער יידענע האָט פאַרנומען אַ גאַנץ ירושלים־געסל מיט דעם געשמאַק פון אירע פּסחדיקע אוגערקעס — און די

אַלע סחורות מישן זיך אויס, און עס מישן זיך אויס די סוחרים און די קונים און אַלע טראַכטן פון דער וועלט מישן זיך אויס אין איין פאַרבנרייכן ים, און די שפּראַכן פון דער וועלט קלינגען אין איין קלאַנג, און ירושלים ווערט אַ וועלט־יאַרמאַרק פון אַן אַלטע, אַלטע לעגענדע־שטאָט, וואָס עס דאַכט זיך, אַז מיר האָבן זי אַמאָל, אַמאָל געזען אין חלום – ווען מיר זענען קליינע קינדער געווען...

---

פאַרנאַכט בין איך געשטאַנען אויפן שפּיץ פון הר־הזתים. די לופט אין ארץ־ישראל איז דורכזיכטיק און קלאָר, און פון הר־הזתים זעט מען דאָס גאַנצע לאַנד אַרום ירושלים, די בערג פון יהודה און די וויסטע פון יהודה ביז צום ירדן ביז צו יריחו – עס זעט זיך דאָס לאַנד מיט אַלע זיינע בערגלעך און פרומע איילבירטן־ביימער, וועלכע קייקלען זיך אַראָפּ פון די בערג. דאָס לאַנד איז וויסט און לער, נאָר פונדערווייטן ציט זיך דער ווייסער וועג קיין בית־לחם און דאָרט אַביסל ווייטער, אויף דעם וועג, זעט מען דאָס פרומע שולכל אויף דער מאַמע רחלס קבר, וואָס ליגט אויפן וועג קיין בית־לחם. די לאַנדשאַפט ווערט שטיל און ערנסט. די זון גייט אונטער לאַנגזאַם און טרויעריק, ווי עס וואָלט זיך איר שווער געווען צו שיידן מיט ירושלים, און ירושלים ווערט באַלויכטן אין אַן אויסטעריש העל־ליכט, ירושלים נעמט אָן דאָס ליכט ווי ביי אונז די שטעטלעך ערב יום־כפור אין אָוונט פאַר כל־נדרי. ירושלים ווערט איידל־טרויעריק און די וועלט אַרום שטים. די שאָטנס באַהאַלטן זיך אַרום די איילבירטן־ביימער, וואָס שטייען אויפן הר־הזתים, און מיר ווערט אַזוי מאָראַליש־

טרויעריק, אַז איך האָב דאָס געפּיל, אַז צווישן די געדיכטע איילבּירטן־ביימער באַהאַלט זיך ווער... איך הער פון ערגעץ־וואו אַ געזאַנג, אַ שטיל טרויעריק געזאַנג, און עס דאַכט זיך מיר, אַז פון פוס פון באַרג, וואו עס ליגן אויסגעשפּרייט די מצבות פון די טויזנטער, טויזנטער אַלטע יידן, גייט אויף דאָס געזאַנג. פון אַלע עקן פון דער וועלט, דורך צענדליקער דורות, האָבן זיך די אַלטע יידן געשלעפּט, פון די קליינע שטעטלעך אין פּוילן און רוסלאַנד, פון מיטלאַלטערלעכן שפּאַניען, פון דייטשלאַנד און פראַנקרייך, וואו עס איז נאָר געווען אַן אַלטער רב, אַ פרומער ייד, וועלכער האָט געבענקט ירושלים צו זען איידער ער שליסט צו זיינע אויגן אויף שטענדיק, האָבן די שטעטלעך געלט צונויפגעלייגט זיך און אַראָפּגעשיקט זיי קיין ירושלים שטאַרבן. און אָט ליגן זיי אויסגעשפּרייט איבער דעם באַרג פון די איילבּירטן־ביימער קעגנאיבער דער וואַנט פון בית־המקדש — כדי, אַז ווען משיח וועט קומען, זאָלן זיי זיך נישט דאַרפן קוילערן אונטער דער ערד קיין ירושלים, צום הר־הזתים, נאָר פון דאַנעט וועט משיח זיי אויפוועקן צו תחית־המתים. דאָ, ביי דעם שפּיץ פון באַרג, וועלן זיך אַלע טויטע, פון אַלע בית־הקברותער צונויפ־זאַמלען, און פון דאַנען, קעגנאיבער דעם בית־המקדש, וועט משיח זיי אויפוועקן פון זייער לאַנגן שלאָף. און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך זע זייערע געזיכטער, ווי די לעצטע האָפנונג פון משיחן איז אין זייער טויט־גרימאַסע איינגעקנעטן, און זייערע טויטע בלייכע אויערן ליגן וואַך אין דער ערד, דאָרשטיק צו פאַרנעמען דעם שופר של משיח. און נישט זיי אַליין — נאָר די גאַנצע וועלט, סיי גוים, סיי יידן, דורך טויזנ־טער און טויזנטער דורות, זענען אין דער ערד געגאַנגען שלאָפן מיט דער לעצטער האָפנונג, אַז עס זאָל ווער קומען און

זיי פון זייער שלאָף אויפוועקן. די האָפנונג ליגט אויף זייערע טויטע מאַסקעס אויסגעשפרייט, און זייערע אויערן אויסגעשטרעקט און האָרכן זיך איין — און אָט דאַכט זיך, פונדער ווייטן הערט זיך אַ קול —

הערט איר נישט דעם שופר של משיח בלאָזן? הערט זיך איין! הערט זיך איין!

---

# ביי דער מוטער רחלס קבר

שבת-אויף-דער-נאַכט, ווען די שטערן האָבן אין הימל געפינקלט און דאָס אייל-ליכטל אין פענסטער, האָט מען די אייזלען געזאָטלט און מיר זענען פון ירושלים אַרויסגעריטן, אויף דעם וועג קיין בית-לחם, אום מיט די ערשטע שטראַלן פון מאָרגן צו דער מוטער רחלס קבר אָנצוקומען.

צום ערשטן מאָל רייט איך אויף דעם וועג, דאָך זענען מיר די פעלדער און טאָלן אַרום נישט פרעמד; נישט פרעמד די אייל-בירט-ביימלעך, נישט פרעמד דער הימל איבער מיין קאָפּ, נישט פרעמד דער וועג, וואָס לויפט פֿאַר מיר.

דאָס איז דאָך דער וועג קיין בית-לחם, אויף וועלכן יעקב, אונזער פאָטער יעקב, האָט אונזער מוטער רחל באַגראָבן, „בדרך" — אויפן וועג, „בעוד כברת ארץ" – אַז עס איז נאָך געווען אַ תחום שבת, „לבוא אפרתה", – מיינט מען בית-לחם. און זעסטו נישט דאָרט דעם וואָלקנשטויב, וואָס גייט אויף פֿאַר אונז? שווייג, שווייג, דאָס טרייבט נבוזראַדן די יידן אַרויס פון ירושלים, איבערן וועג קיין בית-לחם, און טרייבט זיי פֿאַר דער מוטער רחלס קבר פאַרביי; און זעסטו נישט די יידענע אין די שבת-קליידער,

מיט דער גרויסער שבת־הויב אויפן קאָפּ? — דאָס איז דאָך די מוטער רחל, וואָס איז פון איר קבר אויפגעשטאַנען, און קוקט נאָך די אַרויסגעטריבענע יידן, און הייבט די הענט אויף צום רבונו של עולם.

און זי איז אַ גרויסע חשובה ביים רבונו של עולם. און קיינער איז נישט אַזוי גערעכט קעגן רבונו של עולם, ווי אונזער מוטער רחל. און געדענקסטו נישט דעם גרויסן כּוח, וואָס זי האָט געהאַט מיטן רבונו של עולם אין דער נאַכט פון חורבן בית המקדש, ווען גאָט האָט ירמיהון געשיקט די אָבות אויפוועקן?... זעסט דאָרט דעם שוואַרצן פלעק, צווישן די אייל־בירט־ביימער — דאָס איז דאָך ירמיהו הנביא, וואָס גייט אויפן וועג קיין בית־לחם... און די אָבות האָבן גאָרנישט געהאָלפן... אין דעם איז אָנגעקומען רחל, אונזער מוטער רחל, און געשטעלט זיך פאַר גאָט, און האָט געזאָגט: „רבונו של עולם, דו ווייסט, דאָס דיין קנעכט יעקב האָט מיך זייער ליב געהאַט און האָט ביי מיין פאָטער פאַר מיר געדינט זיבן יאָר, און אַז די זיבן יאָר זענען אויסגעגאַנגען און עס איז געקומען די צייט פון דער חתונה, האָב איך געהערט, דאָס מיין פאָטער וויל מיך צו אים נישט געבן, נאָר מיין שוועסטער לאה, האָב איך דאָס מיין מאַן יעקב געזאָגט און האָב מיט אים אַ סימן געמאַכט, כּדי מיין פאָטער זאָל נישט קאָנען פאַרבייטן, דערנאָך האָב איך חרטה געהאַט און האָב מיך דערבאַרעמט איבער מיין שוועסטער לאה, זי זאָל נישט פאַרשעמט ווערן, און האָב זי אויסגעלערנט די סמנים, וואָס יעקב האָט מיר איבערגעענטפערט, כּדי יעקב זאָל נישט וויסן, דאָס זי איז לאה. און איך האָב פאַר איר גערעדט, כּדי יעקב זאָל נישט דערקענען איר קול, און איך האָב זיך אָן איר נישט מקנא

געוועז... און היינט זע, רבונו של עולם, איך בין א מענטש פון בלוט און פלייש, פון ערד און אש און האב נישט מקנא געוועז מיין שוועסטער, און דו ביסט א דערבארעמדיקער גאט, ווארים האסטו זיך מקנא געווען אין ישראל, וואס האט געדינט עבודה־זרות? וואס האט דיר געשאדט דאס בילד, וואס האט קיין ממשות נישט געהאט, וואס דו האסט דורך דעם פארטריבן מיינע קינדער, און די פיינט האבן מיט זיי געטאן דאס, וואס זיי האבן געוואלט –"

איוב, האמלעט, פויסט, – וואס איז אייער געשריי געגן די פראסטע ווערטער פון א פארוואונדעטע יידישע מוטער?

און די פעלדער דארט הילן זיך אין די נעפלען און ווערן פארשוואונדן ביים הימל־ראנד, און דער הימל הענגט איבער מיין קאפ – שטערן און שטערן – און דאס איילבירט־ביימל שטייט אליין אין מיטן פעלד און דאוונט ביחידות.

איר, אין טוי פארטוקטע פעלדער, אין די טונקעלע נעכט, דערציילט מיר! ביימל, דו ביימל, וואס דו שטייסט אליין אין פעלד, איך וויל מיך הינטער דיר זעצן, און זאלן דיינע רוישנדע בלעטער מיר דערציילן פון די צייטן, פון די זאכן, וואס האבן זיך אמאל דא אויף דעם וועג אפגעטאן... אמאל, ווען ארץ־ישראל איז א לאנד געוועז, ווען יידן זענען א פאלק געוועז.

און דער אראבער, דער אייזל־טרייבער, יאגט מיין אייזל אונטער, און זינגט א ליד דערצו.

שוויינג, אראבישער קנעכט, שווייג, און לאז דיין בענקענדער מאנאטאנער נגון מיין חלום־געזאנג נישט שטערן...

און זעסטו נישט דאָרט דעם שוואַרצן פלעק, צווישן די איילבירט=ביימלעך זיך באַהאַלטן - אַ מענטש איז דאָס, קוק זיין געזיכט אָן, ווען ער דערהויבט עס קעגן די שטערן. זע, ווי בלייך זיין שטערן קרוינט זיך איבער זיין פנים, זילבער=ווייס איז זיין באָרד, און לייכט קעגן דעם שטערן=ליכט, און זיין גאַנץ מלכותדיק פנים לייכט אין שטערן=ליכט, - און ווייסטו נישט, ווער דאָס איז? זע, וואָס האָט ער אין זיין רייזע=זעקל? אַ קריגל אייל האָט ער דאָרט באַהאַלטן, אַ גאָלדענע שפיז, אַ שופר האָט ער דאָרט באַ=האַלטן.

– וואוהין גייסטו, אַלטער, מיט דיין קריגל אייל, מיט דיין גאָלדענער שפיז, מיט דיין שופר?

– איך גיי אַ קעניג קרוינען, אַ קעניג קרוינען איבער ישראל.

– ווער איז דיין קעניג, אַלטער, וואָס דו גייסט אי=בער ישראל קרוינען, אין דער טונקעלער נאַכט, באַהאַלטן און אַליין?

– נישט העכער איז ער מיט זיין הויך פון דעם גאַנצן פאָלק, - אַ יינגל איז עס, אַ קליין יינגל פון דעם הויז ישיס, שוואַרץ געקרייזלט זענען זיינע האָר, שוואַרץ בליש=טשען זיינע אויגן, און ער פאַשעט די שאָף. און דאָרט אין פעלד שטייט גבעת=שאול, און אַ פאָלק מיט אַ קעניג רוט אויף אים, אַנטלאָפן פון אַ מלחמה, האַלב טויט און פון גאָטס גייסט פאַרלאָזט.

גאָטס שכינה האָט דער נביא אַראָפּגענומען פון באַרג, און טראָגט עס אין דער פאָלע פון זיין קלייד קיין בית=לחם, - לאָזן עס רוען אויף אַ קעפּל פון אַ יינגל, וואָס האָט שוואַרצע אויגן און שוואַרצע האָר, און פאַשעט שאָף.

העַ, בית־לחם, בלאָז איז שופרות, זעץ זיי איז דעם שטאָט־טויער אויס, אַ נביא קומט איז דיינע טויערן, פון דיינע יינגלעך אַ קעניג צו זאָלבן איבער דעם הויזגעזינד ישראל!

העַ, שהייג, שווייג, דו אַראַבישער קנעכט, מיט דיין לאַנגווייליקן, מאָנאָטאָנעם ניגון, און מיש מיר נישט מיינע געדאַנקען אויס, מיר זענען דאָך אויפן וועג קיין בית־לחם! יעדעס שטיינדל וועט דיר עדות זאָגן, ווער איך בין, און פון וואַנען איך קום אַרויס.

אַ קעניגס אַ קינד ציט פון זיין געפאַנגענשאַפט צו זיין מוטערס קבר, די פעלדער פון בית־לחם וועלן עס דיר עדות זאָגן, יעדעס ביימל, יעדעס קווועלכל. זע, די יינגלעך פון בית־לחם זענען דיר צו קעניגן געוואָרן, די יינגלעך פון בית־לחם זענען דיר צו געטער געוואָרן.

נאָר מיר זענען שוין ביים קבר־רחל; נאָר אַ תחום־שבת פון בית־לחם.

קליין און צנועהדיק איז דאָס שולעכל, וואָס מאָנטע־פיאָרע האָט אויפגעשטעלט אויף אונזער מוטערס קבר; מיט אַ רונדיקן קופּל פון אויבן שטייט עס אין שפּיץ פון אַ בית־הקברות. די אייזערנע טיר עפנט זיך און מיר קומען אין שולכל אַריין, זע, יעדעס קינד האָט זיינס אַ פּרוכתל געבראַכט, יעדע עדה, יעדע קהלה, יעדע חברה אין ארץ ישראל און אין גלות־לענדער האָבן דער מאַמען אַ פּרוכתל געשאָנקען... זענען די ווענט פון דעם קליינעם שולעכל באַהאָנגען מיט אַטלעסענע, סאַמעטענע פּרוכתער און פון די ווענט לעזט מען אַראָפּ: ואני, און איך האָב נישט אַזוי געטאָן —".

און ליכטיק איז אין דער מאַמעס שולעכל, יעדע יידענע אין ארץ ישראל, פאַר ליכט־בענטשן, שענקט אַ ליכטל אין איר שולעכל אַריין. הענגען די אייל־לעמפלעך און ברענען זיך טאָג און נאַכט, אין מיטן די פּרוכתער. און ליכטיק שטראַלט אַרויס דער קבר.

הויך און רונדיק איז דער שטיין, וואָס אונזער פּאָטער יעקב האָט אויפגעשטעלט אויף רחלס קבר, און זעט אויס ווי אַן אויסגעהאַקטע מיטה; און זע די נשמות, וואָס שוועבן אַרום דעם שטיין. יעדעס קינד, וואָס איז דאָ געווען, האָט זיין נאָמען אויסגעקריצט אויפן שטיין, האָט זיין קוויטל אין די שפּאַרעס און לעכער אַריינגעשטעקט, און באַהאָנגען איז דער שטיין מיט די נשמות־נעמען, און שטיל און קיל איז דאָרט אין שולעכל געווען, מען האָט געהערט דאָס צאַנקען פון די אייל־לעמפלעך און דאָס אָטעמען פון די נשמות.

און יעדע נאַכט, פּונקט צוועלף אַזייגער, שטייט די מוטער רחל אויף פון איר קבר, אין אירע תכריכים, אין איר שבתדיקער הויב, און גייט אַרויס אויפן וועג פון בית־לחם און זעט די צרות, וואָס נבוזראַדן טוט אָן די יידן, ווי ער טרייבט זיי אין גלות אַריין, און זי הייבט אויף די הענט צום הימל. —

— גוטנ'אָוונט, מיין קינד, פונוואַנען קומסטו אהער?

איך קוק מיך אום, און פאַר מיר שטייט אַ יידענע — אַ מלכּהס, אַ קעניגינס אַ שטערן שיינט אַרויס פון דער טיפער שפּיצן־הויב, אין די פאַלדן פון איר שוואַרץ־זיידענעם קלייד ליגט דאָס געהיימניס פון דער נאַכט, און אירע הענט זענען אויפגעהויבן מיך צו בענטשן.

שרעקט איך נישט, עס איז נישט געווען די מאַמע

רחל, — עס איז געווען די לאָוויטשער רביצין, וואָס זיצט דאָרט אין דער מאַמע רחלס שולעכל און איז דאָרט די שמשטע, צינדט די אייל־לעמפּלעך אָן יעדן פרימאָרגן און יעדן פאַרנאַכט, הענגט איר די פרוכתלעך אויס יעדן פרי־מאָרגן און יעדן פאַרנאַכט.

זי נעמט אַ סדור און גיט מיר אין האַנט אַריין.

— נאַ, זאָג תהלים.

איך שטיי און קוק זי אָן. — און אפשר איז עס יאָ די מאַמע רחל.

# מ ש ה

(ביבלישע ערציילונג)

אין גרויסע לאַגערן זענען אויסגעלייגט געווען די שבטים פון ישראל. ווי ווייט דאָס אויג האָט דערגרייכט, האָבן זיך איבער דער ווייטער, ברייטער, רויער, פאַרשטויבטער ערד פון מדבר געצויגן די שוואַרץ־ווייסע געצעלטן פון גראָב־געוועבטע געוואַנדן, און עס האָט זיך געהערט אַן אומהיימלעך הירזשען פון קעמלען, געשרייען פון אייזלען. אָבער דאָס אויג האָט ווייט נישט געקאָנט דערגרייכן. די לאַנגע ריי קעמלען, וואָס זענען מיט זייערע פאַמיליעס געווען אויסגעזעצט אַרום די געצעלטן, האָבן געקאָפּעט מיט זייערע קאָפּיטעס, וועלכע זיי האָבן געהאַלטן אונטער די בייכער, די רויע שטויביקע ערד, און פון דעם האָט זיך אויפגעהויבן אַזאַ שטויב, אַז עס האָט פאַרשטעלט די שיין פון דער זון. מען האָט נאָר געזען אַ שטויב ווי אַ פאַלענדן וואָלקן און אין וואָלקן האָבן זיך געדרייט ווי רויך פון אַ קעסל, מענטשן, קעמלען און געצעלטן. אין מיטן פון די לאַגערן איז געווען אַ ברייטער, גרויסער פּלאַץ... דאָרט האָט מען נישט געהערט דאָס הירזשען פון די קעמלען,

וואָרים דאָרט האָבן זיך געפונען די ברייטערע און גרעסערע געצעלטן. אויפגעשלאָגן מיט א סדר, איינס נאָכן אַנדערן. דאָרט האָט זיך נישט באַוויזן קיין בהמה, קיין אייזל און קיין קעמל, די לופט איז געווען ריינער, פרישער און מען האָט געקאָנט זעען דעם בלויען קלאָרען הימל פון מדבר. דאָרט האָבן זיך געפונען דער אוהל־מועד, די געצעלטן פון משה מיט אהרן און די ראשי העדה.

עס איז געווען אין א מיטאָג־שעה, ווען די היץ צוואַרעמט דעם זאַמד פון מדבר און מאַכט אים ברייענדיק, און די אייזלען שפּרינגען אונטער פאַר ווייטאָק, ווייל דער זאַמד בריט אָפּ זייערע קאָפּיטעס.

פאַרן אוהל־מועד איז שטיל געווען. קיין באַוועגונג און קיין שטימע. די פּאָר לויים, וואָס האָבן באַגלייט דעם אוהל־מועד, זענען אין זייערע ווייסע קיטלען געזעסן פאַרן געצעלט, אין וועלכן דער הילצערנער וואָגן איז געשטאַנען, און האָבן געדרעמלט. פאַר משהס געצעלט, וואו עס פלעגט אין די פרימאָרגנס און אין די פאַרנאַכטן זיך רוישן פון די מענגעס מענטשן, איז יעצט אויך קיינער נישט געווען, און די צוויי בני־נביאים, וואָס פלעגן אויסהערן די יידן איידער זיי לאָזן זיי אַריין צו משהן, זענען אויך פאַר מידקייט און היץ איינגעדרימלט. נאָר פאַר אהרן הכהנס געצעלט, וועלכער איז געווען אין שכנות מיט משהס, זענען א פּאָר יונגע כהנים געזעסן און האָבן געשמועסט מיט דעם זאַמד אין א פּאָר זילבערנע און גאָלדענע בלעכן. אַן אַנדערער, ווידער, א הויכער און א יונגער, מיט א יונג, שוואַרץ־באַוואַקסן בערדל, און א פּאָר ברענענדיקע שוואַרצע אויגן, וואָס האָבן ווי א באַהאַלטן ליכט אַרויסגעקוקט פון זיין ווייסן קיטל, וואָס ער האָט געהאַט איבערן קאָפּ, האָט פון אַן איידעלן, אויסגעטאָקטן

גאָלדענעם קרוג געגאָסן אייל אין אַ כּלי אַריין און פאַרריכט
דאָס וואָלענע קנויטל אין די כּלי. עס איז געווען פּנחס בן
אליעזר, אהרנס יונגסטער אייניקל, וואָס האָט די איידעלע
עבודה געטאָן פאַרן אוהל־מועד. נאָר פּלוצים איז אַ קעמל
אָנגעקומען צולויפן מיט ברייט־געשפּרייזטע טריט. דאָס
קעמל, וואָס איז געלאָפן שפּרינגענדיק איבער דעם הייסן
זאַמד, צוליב די ווייטאָקדיקע שמיץ, וואָס דער רייטער האָט
עס דערלאַנגט מיט אַ באַמבאָס פון אַן אויסגעטריקנטן
צוקער־שטאַנג, האָט אַרויסגערופן גרויס פאַרוואונדערונג
פון די האַלב־פאַרשלאָפענע לויים און כּהנים, וואָס זענען
געזעסן פאַר די בכבודע, רייך־באַפּוצטע געצעלטן. און
מורא האָבנדיק, אַז דער רייטער זאָל זיך נישט פאַרגעסן
און מיט זיין בהמה אַריינרייטן אין דעם תחום אַריין פון
אוהל (וואָס דאָס וואָלט געווען אַ באַליידיקונג פאַר דעם
הייליקן אָרט, וואו עס געפינט זיך דער אוהל), זענען זיי
אַנטקעגן געגאַנגען דעם רייטער איינהאַלטן זיין קעמל. נאָר
עס זעט זיך אויס, אַז דער רייטער האָט געוואוסט ווי אָפּצור־
היטן דעם הייליקן אָרט, און בעפאָר ער איז אַריין אין דעם
תחום פון אוהל, איז ער אַראָפּגעשפּרונגען פון זיין אויסגע־
מאַטערטן קעמל, און אויפהויבנדיק זיין לאַנגן וואָלענעם
קיטל, וואָס האָט זיך אים נאָכגעפּלאָנטערט צווישן די פיס,
איז ער געלאָפן איבער דעם זאַמד צו די כּהנים צו, און באַלד
איז מען געוואָר געוואָרן דאָס וויכטיקסטע געשעעניש, אַז די
מרגלים, וועלכע מען האָט געשיקט קיין כּנען, אויסצושפּירן
דאָס לאַנד און צו ברענגען פון די פרוכטן פון לאַנד, זענען
שוין אונטער די געצעלטן פון דער עדה, און קומען באַלד
זיך ווייזן פאַר משה און אהרן.

ווי די שטראַלן פון דער זון וואָלטן עס איבעראַל אָנגע־

זאָגט. אַזוי איז עס באַלד געוואָרן פֿאַרשפּרייט איבער די גרויסע, ברייטע לאַגערן פֿון מדבר; פֿון אַלע זייטן האָבן מיט אַמאָל אָנגעהויבן צו שטראָמען מאַסן יידן פֿון אַלע געצעלטן און פֿון אַלע פֿיר ריכטונגען, וואו די געצעלטן און די לזגע׳ן זענען נאָר געווען פֿאַרשפּרייט. טייל זענען געקומען צולויפֿן אויף זייערע אייזלען און אויף זייערע קעמלען, איבערלאָזנדיק זייערע בהמות פֿון אויסער דעם תחום; אַנדערע זענען צופֿוס געלאָפֿן אויפֿהויבנדיק זייערע קיטלען. אַנדערע, אַלטע און בלינדע, האָבן זיך געלאָזט פֿירן פֿון זייערע קינדער, און יונגע האָבן זיך געשטופּט צו די געצעלטן. מיטאַמאָל איז דער גרויסער פּלאַץ פֿאַרן אוהל געוואָרן פֿול און אַ שטויב האָט זיך געשטעלט און אַ רעש איז געוואָרן פֿון די טריט און פֿון דער אויפֿרעגונג און פֿון די צורופֿן, וואָס איינער האָט דעם אַנדערן צוגעשריגן. די לוויים האָבן אַרויסגענומען דעם וואָ׳ן פֿון אוהל־מועד. עס איז געווען אַ ווייס הילצערנער וואָגן, ניי, אויף הילצערנע רעדער. אויפֿן וואָגן איז געשטאַנען אַ פּירעקעדיקער קאַסטן, נאָר דעם קאַסטן האָט מען נישט געזען, ער איז געווען צוגעדעקט מיט אַ דיקן בלוילעך־געוועבטן געוועב, פֿון וועלכן עס האָבן פֿיר שטאַנגען צום טראָגן אַרויסגעשטאַרט. פֿאַר דעם וואָגן האָבן זיך צונויפֿגעקליבן די כּהנים און די לוויים אין זייערע פּאַראַדנע ווייסע העמדלעך, מיט די כּלים אין זייערע הענט. טייל האָבן געהאַלטן זילבערנע פּאַנען, וועלכע האָבן זיך געבלישטשעט אין דער זון. פֿון די פּאַנען האָט אויפֿגעשלאָגן געדעמפּטער ווייררויך פֿון די בשמים, וואָס האָבן זיך געטליעט אויף די פּאַנען. אַנדערע ווידער האָבן געהאַלטן אין די הענט גאָלדענע קרוגן. נאָך גאָר יונגע האָבן געהאַלטן אין די הענט שוואַרצע, לאַנגע, געדרייטע הערנער פֿון הירשן און שעפּסן, אין וועלכע זיי

האָבן געבלאָזן. אַנדערע לוויים האָבן געבלאָזן אין די זילבערנע רערן, וועלכע האָבן געשאַלט איבער דער ווייטקייט פון מדבר. נאָך אַלע — די גאַנצע עדה — האָבן געוואַרט אויף משהן און אהרנען, אַז זיי זאָלן אַרויסקומען פון זייערע געצעלטן.

אַהרן האָט זיך טאַקע באַלד געוויזן. עס איז געווען אַ הויכער אַלטער זקן מיט אַ ווייסע לאַנגע באָרד, וועלכער האָט געטראָגן אויף זיין שטערן ווי אַ קרוין אַ גאָלדענע בלעך, אין וועלכער עס האָט זיך געבלישטשעט דער נאָמען פון יהוה אין טייערע שטיינער אויסגעזעצט. פון דער ברוסט אויף דעם ווייסן העמד האָבן אַראָפּגעשיינט די טייערע איידלשטיינער, מיט וועלכע די נעמען פון די שבטים זענען געווען אויסגעזעצט. נאָר באַלד האָט דער גאַנצער עולם אַרויסגעלאָזט אַן אונערהערטן יובל־געשריי, וועלכער האָט זיך צעגאָסן ווי דאָס שטילע ציטערן פון אַ דונער איבער דעם ווייסן וויסטן מדבר — פון געצעלט האָט זיך געוויזן משה.

ער איז קלענער געווען פון אַהרנען און אויך עלטער פון אים. קיין באַזונדערע באַצירונג איז אויף זיינע קליידער נישט געווען צו זען. ער האָט געטראָגן דעמזעלבן לאַנגן ווייסן קיטל, וואָס אַלע האָבן געטראָגן, וועלכער האָט פאַרדעקט זיינע נאַקעטע פיס, און אַ ווייס לאַנג טוך אויפן קאָפּ, וועלכער איז געווען באַהאָפטן אויף זיינע האָר מיט אַ שנור, און דאָס טוך האָט זיך אַראָפּגעלאָזט איבער זיין קלייד. נאָר זיין קלייד איז ווייסער און ריינער געווען פון אַלע אַנדערע, און האָט זיך אויסגענומען מיט זיין קלאָרער ווייסקייט פון אַלע אַנדערע קליידער. פון דעם ווייסן טוך איבערן קאָפּ האָט זיך אַרויסגעוויזן זיין פנים, אַרומגענומען מיט אַ קורץ ווייס בערדל, וועלכעס האָט זיך געהויבן פון זיין שטאַרקן אָטעמען, דאָס טוך אויפן קאָפּ האָט זיך אַרויפגעגליטשט און עס האָבן

זיך אַרויסגעוויזן איינצלנע ווייסע האָר, וואָס האָבן זיך געלייגט איבער זיין הויכן שטערן. דאָס פּנים זיינס איז געווען אָפּגעברענט, פאַרעלטערט, און אַ טרויעריקער קנייטש האָט זי געשניטן אַרום זיינע ווייכע קינדישע ליפּן. נאָר אויגן האָט ער געהאַט יונגע — שוואַרצע גלאַנצנדיקע פּונקטן און גרויסע, בולטע מיט אָדערן דורכגעצויגענע ווייסאַפּלען. די אויגן האָבן זיך געוואַשן תּמיד אין נאַסע באַטרערטע טייכלעך, וואָס האָבן אַרויסגעקוואָלן פֿון די טיפֿע אַראָפּהענגענדיקע אויגן-טאָרבעלעך. ער האָט געקוקט פֿריי, אָפֿן אַנטקעגן זיך און דאָס פֿרייקייט פֿון אויג האָט פֿאַרזאָגט יעדן בליק, וואָס האָט געוואַגט אַריינצוקוקן אין דעם הייליקטום פֿון זיין פּנים. ער איז געגאַנגען שטאַרק, פֿלינק, און די עדה האָט זיך צוזאַמענגעשטופּט, געמאַכט פֿאַר אים אַ וועג, כּדי נישט אָנצורירן זיין קלייד. ער איז געווען שווייגנדיק און טרויעריק, האָט זיך געשטעלט לעבן זיין ברודער אַהרן.

די עדה האָט זיך מיטאַמאָל איינגעשטילט, ווען משה האָט זיך געוויזן. מען האָט גערעדט מיט געדעמפּטע שטימען אָדער מען האָט געשוויגן און געקוקט מיט אָנגעצויגענע בליקן אויף זיין ווייס קלייד... אַלע האָבן געוואַרט, דורכגענומען מיט הייליקער שטילקייט, אויף דער וויכטיקייט דערפֿון, וואָס דאָ וועט פֿאָרקומען. באַלד האָט זיך פֿונדערווייטנס אויפֿגעהויבן אַ שטויב פֿון פֿוסגייער. דער שטויב איז פֿאַרויסגעלאָפֿן און מיטאַמאָל איז ער צעריסן געוואָרן און פֿון זיינע שטיקער זענען אַרויס צוועלף מענער, יונגע און שטאַרקע, מיט באַשטויבטע לייבער און פֿיס. געגאַנגען אין אַ שרענגע איינער נאָכן אַנדערן. דער ערשטער, אַ יונגער און אַ הויכער, פֿון עטלעכע און צוואַנציק יאָר מיט אַ שטאַרק שוואַרצע באָרד אויף אַן אָפּגעברענט געזיכט און

גרויסע פייערדיקע אויגן, האָט געטראָגן אויף זיין אַקסל אומנאַטירלעכע פּרוכט אין געשטאַלט פון אַ טייטל. נאָך אים האָבן אויך אַזעלכע צוויי שטאַרקע יונגעלייט און אויך מיט שוואַרצע בערד און ברענענדיקע אויגן געטראָגן אויף אַ שטאַנג אויף זייער אַקסל אַן אומנאַטירלעך גרויסן הענגל ווייַנטרויבן, וועלכער האָט מיט זיין געוויכט געבויגן די שטאַלצע שטאַרקע קערפּערס פון די מענער. אַזוי האָבן די צוועלף איינער נאָכן אַנדערן אַ פּרוכט געטראָגן. זיי האָבן די פּרוכטן אַרומגעטראָגן אַרום דעם אָנגעשטאָפּטן עולם, וועל־כער האָט מיט געוואַלד זיך צוריקגעדרענגט און געמאַכט אַ פּלאַץ פאַר זיי. דער גרויסער ים קעפּ האָט מיט אַ הייליקן שווייגן באַטראַכט די גרויסע אומנאַטירלעכע פּרוכטן. אַן ערנסט איז געלעגן אין זייערע אויגן, און דער ערנסט האָט פאַרשלאָסן זייערע מיילער — פאַר דעם גרויסן וואונדער, וואָס ווייזט זיך פאַר זייערע אויגן.

די מענער האָבן אַרומגעטראָגן די פּרוכטן אַרום דעם פאָלק, ביז זיי זענען אָנגעקומען פאַר משהן און אַוועקגע־לייגט די פּרוכטן צו זיינע פיס. איינער פון די צוועלף, דער עלטסטער פון זיי, אַ מאַן פון אַ יאָר פערציק, מיט שטאַרקע מוסקולן און אַ שטאַרקן גרויסן קאָפּ, האָט זיך אָנגערופן מיט אַן ערנסטער הויכער שטימע, וועלכע האָט אָפּגעשאַלט אין דער שטילקייט איבער די קעפּ פון דעם פאָלק, ווי די שטימע פון אַ דונער:

– משה, מיין האַר, דאָס זענען די פּרוכטן פון דעם לאַנד כנען, וואוהין דו האָסט אונז געשיקט אויסזען דאָס לאַנד.

משה האָט שטיל גענויגט מיטן קאָפּ און געווענדעט זיין בליק צו אהרנען:

– לייג אוועק די פּרוכטן פאַר דעם אָרון פון גאָט.

אַהרן האָט געגעבן אַ שטילן בליק צו זיינע יונגע כּהנים, און צוועלף יונגע כּהנים האָבן גענומען די פּרוכטן אין דעם זעלבן סדר, ווי די מענער האָבן זיי געטראָגן. און אַהרן איז געגאַנגען פאָרויס זיי און זיי האָבן אַהין געטראָגן די פּרוכטן פאַר דעם אָרון, פאַר וועלכן אַהרן האָט זיך געשטעלט און געזאָגט אַ שטילע תּפילה.

דורך דער צייט, וואָס אַהרן האָט געזאָגט די תּפילה, האָט זיך דער עולם נישט באַוואָריגן... אַלע האָבן גע-האַלטן די קעפּ געבויגן צו דער ערד און זיך פאַרטיפט אין אַ שטילער פרומקייט.

אַז אַהרן איז צוריקגעקומען פון אוהל האָט משה גע-פרעגט די צוועלף מענער, וואָס זענען אַלע געשטאַנען פאַר אים:

– האָט איר די מענער פון לאַנד כּנען אויך געזען? ווי זעען זיי אויס?

– אַזוי ווי זייערע פּרוכטן, אַזוי זענען די מענער פון לאַנד כּנען, – ריזן זענען זיי.

צווישן דעם ים קעפּ איז אַדורך אַ רעש און ער האָט אויפגעהויבן, ווי אַ ווינט די כוואַליעס, די קעפּ פון די מאַסן. אָבער נאָך האָט אַלץ געשוויגן און איינגעהערט זיך מיט צוגעהאַלטענעם אָטעם.

– אונזער גאָט איז שטאַרק און אמת איז זיין וואָרט, אמתער פון די געזעצן פון דער נאַטור. און דערפילן וועט ער דעם צוזאָג, וואָס ער האָט געגעבן צו אַברהם, יצחק און יעקב, און זענען די פעלקער פון כּנען ריזן, וועלן זיי ווי שטרוי פאַרן פייער זיין קעגן דעם ווילן פון יהוה. און אַזוי ווי דער ים האָט מלחמה געהאַלטן פאַר אונז מיט די

מצריים, אזוי וועט דער שטורעמווינט מלחמה האלטן פאר אונז מיט די כנענים, ווען גאָט וועט וועלן, — האָט משה געזאָגט שטיל און ערנסט.

— ווי די מילבן קעגן די עלעפאַנטן האָבן מיר אויסגעזען קעגן זיי, צו די קניען האָבן מיר זיי נישט דערגרייכט, — האָט זיך אַ צווייטער שליח, פּלטי דער זון פון רפוא, וואָס איז געווען געשיקט פון שבט בנימין, אָנגערופן מיט אַ געדעמפּטער שטימע.

— עמלק זיצט אין באַפעסטיקטע שטעט, און די פעלקער חיתי און אמורי זיצן אויף די הויכע בערג, און ערשט נאָך זיי זענען די כנענים. זיי באַוואוינען די ברעגעס פון ירדן ביז צום ים. קיינער קאָן נישט צוקומען צו זיי, — רופט זיך אָן יגאל דער זון פון יוסף, דער שליח פון שבט יששכר.

— ווער וועט וואגן מיט די כנענים מלחמה צו האלטן? עס איז אַ פאָלק פון ריזן, — האָבן זיך די איבעריקע שליחים אָפּגערופן.

דער ים פון מענטשן־קעפּ האָט שוין געברומט מיט דעם שטילן, אומעטיקן רעש, וואָס דער ים ברומט פאַרן שטורעם. דאָ און דאָרט האָבן זיך פנימער אויפגעהויבן איבער די קעפּ פון די מאַסן און גערעדט צום עולם, געמאַכט מיט די הענט און געקאָכט זיך. עס איז שוין אַוועק די הייליקע שטילקייט פון פרומען ערנסט, וואָס האָט די עדה אַרומגענומען ביי משהס אַרויסקומען פון אוהל, דער עולם איז אַרויס פון די רייען, זיך גערוקט נענטער צו די שליחים. דאָ און דאָרט האָבן זיך שוין געבילדעט באַזונדערע גרופּעס, און צעהיצטע געזיכטער, ברענענדיקע אויגן, שוואַרצע צעפּלאָשעטע האָר און בערד, אויפגעפלאַמטע ציטערדיקע הענט האָבן געפלאַטערט איבער די קעפּ פון

דער עדה, און פון איבעראַל האָט זיך געהערט אַ שטיל בורמלען ווי דאָס געזאַנג פון די וועלן, ווען דער ווינט וויגט זיי איידער ער גיסט זיי אויס...

משה איז שטיל געווען און ערנסט. ער האָט אַוועקגענומען זיין בליק פון די שליחים און געקוקט אויף דער עדה, ווי זיי הויבן זיך אָן צו באַוועגן, און ער האָט [illegible] געקלערט.

אָבער פלוצלינג זענען אַרויסגעשפרונגען די צוויי יונגעלייט, וואָס האָבן געטראָגן אויף זייערע אַקסלען דעם הענגל ווייַנטרויבן. עס זענען געווען כלב בן יפונה און יהושע בן נון. זיי זענען ביידע געווען פון די יחוסדיקע שטאַמען פון שבט יהודה און שבט אפרים. זיי זענען אָבער נאָך יונג געווען. כלב איז בלייך געוואָרן, ווען ער האָט געהערט די מרגלימס רייד. ע׳ איז געווען דער ערשטער, וואָס איז נאָענט צוגעגאַנגען צו משהן, אָנגעקוקט די מרגלים און געזאָגט:

— מיין האַר משה, די מענטשן רעדן נישט דעם אמת. נישט קיין ריזן זענען די מענער פון כנען, נאָר אַזעלכע מענטשן ווי מיר; מיר האָבן אויסגעזען אין זייערע אויגן ווי ריזן און ווען זיי האָבן געהערט, דאָס מיר זענען די קינדער פון ישראל, וואָס גאָט פירט פון מצרים איבערן מדבר, איז אָן אימה און אַ שרעק זיי באַפאַלן.

— גאָטס רום גייט ווי דער עמוד-אש פאָרויס אונז און מאַכט דערציטערן די הערצער פון די פעלקער פאַר אונז, — רופט זיך אָן יהושע בן נון, דער יונגערער. משה, פיר אונז קעגן די פעלקער פון כנען; עס איז זיי באַפאַלן אָן אנגסט פאַר גאָט, און מיר וועלן זיי לייכט קאָנען מנצח זיין.

אָבער משה איז שטיל געבליבן. ער האָט נישט גע־הערט די רייד פון די צוויי שליחים. ער האָט אויפגעהויבן זיינע אויגן און אַרומגענומען די גאַנצע עדה יידן, וואָס זענען געווען פאַרזאַמלט קאָפּ איבער קאָפּ. ער האָט גע־הערט דעם שטילן ברום, וואָס פאַרנעמט זיך פון דאָרט, און ער האָט פאַרשטאַנען די באַדייטונג פון דעם ברום. ער האָט געקענט זיין פאָלק און געוואוסט, אַז די רייד פון די שליחים האָבן אַ שרעק אָנגעוואָרפן אויף די ערשט באַפרייטע קנעכט, און זיי הערן שוין נישט, וואָס די שליחים כלב בן יפונה און ישוע בן נון דערציילן. דאָס שטילע רוישן פון ברומען גייט וואָס אַמאָל שטאַרקער און זיי פאַרגעסן אינגאַנצן, אַז דער אָרון שטייט פאַר זיי און משה איז ביי זיי...

ער האָט אויפגעהויבן די אויגן און אַרומגעקוקט זיך, ווי ער וואָלט געוואָלט עפּעס זאָגן. דער עולם איז שטיל געוואָרן, נאָר ער האָט געשוויגן. אין זיינע אויגן איז גע־לעגן אַ שטילער טרויער און די האָר פון דער באָרד האָבן זיך אויפגעהויבן פון דעם הויכן באַוועגן פון זיין ברוסט. דאָס פאָלק האָט נאָך געוואַרט, געבויגן די קעפּ צו דער ערד און געוואָלט הערן פון אים אַ וואָרט. שטיל האָט ער זיך אויסגעדרייט פון פאָלק, קיין איין וואָרט האָט ער זיי נישט געזאָגט, קיין בליק האָט ער נישט געשאָנקען די מרגלים, נאָר מיט דעם שטאַרקן פלינקן טריט און מיט אַ געבויגענעם קאָפּ צו דער ערד איז ער צוריקגעגאַנגען אין זיין געצעלט אַריין.

דאָס פאָלק איז נאָך געשטאַנען אויף זייערע פּלעצער און אים נאָכגעקוקט.

---

אַז משה האָט זיך צוריקגעקערט אין זיין געצעלט אַריין, איז די עדה נאָך אומרויקער געוואָרן. די מרגלים האָבן זיך אויסגעמישט מיטן פאָלק און דערציילט איינצל-הייטן וועגן די לענדער, פון וועלכע זיי זענען געקומען, און באַלד האָבן אָנגעהויבן אַרומצוגיין לעגענדן אַרום פאָלק. אין איין גרופּע האָט מען דערציילט, אַז די פרוכטן, וואָס די מרגלים האָבן געבראַכט, זענען נישט קיין מענטש-לעכע. זיי זענען סמ'עדיקע און נאָר די ריזן קאָנען זיי עסן און פראָסטע מענטשן שטאַרבן פון זיי. אין אַן אַנדער גרופּע האָט עס געהייסן, אַז די מוראַדיקע ריזן, וועלכע דרייען זיך אַרום איבער די בערג פון מואָב, זענען אַזוי הויך, אַז זייער הויכקייט דערגרייכט ביז צו די וואָלקנס, און זיי גייען צו אַ מייל אַ טריט און זיי האַלטן אין זייערע אָרעמס די ווינטן און קאָנען פון הימל אַראָפּ-אַראָפּשיסן מיט זייערע פיילן די שטערן. די מעשיות האָבן אַ שרעק אָנגעוואָרפן אויף דער עדה און די שרעק האָט זיך ווי אַ געפּערלעכע קרענק אָנגעשטעקט אָן דער עדה. דאָ האָט מען שוין געהערט ווי אַ הויכער ייד איז געשטאַ-נען אין אַ גרופּע און האָט געשריגן, אַז משה האָט זיי אַרויסגענומען פון מצרים, כדי זיי איבערצוגעבן אין די הענט פון די ריזן. און אַ צווייטער האָט פאַר אַן עולם דערציילט, אַז משה איז אַליין פון ריזן — דערפאַר האָט ער זיי פון מצרים אַרויסגענומען, און אַז קיין אברהם, יצחק און יעקב זענען גאָרנישט אויף דער וועלט געווען, נאָר דאָס האָט משה אויסגעטראַכט. בחנם זענען כלב און יהושע אַרומגעלאָפן פון איין גרופּע צו דער צווייטער און באַרויקט דאָס פאָלק — דערציילט זיי פון דעם פעטן לאַנד, פון די וואַסערן און די טייכן און פון די שרעק,

האָס גאָטס נסים האָבן אויף די פעלקער אַרויפגעוואָרפן, פון משהס נאָמען, ווי גרויס ער איז. דאָס פאָלק האָט זיי נישט געהערט, פאַרטריבן פון זיך: „זיי וועלן אונז קעגן ריזן שיקן. זעט, זעט, וואָס פאַר אַ חלק האָט משה אייך צוגעזאָגט דער־פאַר? איבער וועלכן שבט וועט ער אייך פאַר אַן עלטסטן מאַכן?"

און דאָס געברום און די שרעק, וואָס איז באַפאַלן די עדה, איז וואָס אַמאָל גרעסער געוואָרן. קיינער איז נישט געווען אין זיין געצעלט. זיי האָבן זיך אויסגעלייגט אויף דער ערד פון מדבר און אַרום זיך נאָר געזען די וויסטע ערד, און קיין שטיקער גרינס און קיין האָפנונג. זיי האָבן מיטאַמאָל פאַרלוירן דעם גלויבן אין גאָט, אין משהן, און געזען זיך פאַר־פירטע אין אַ ווילדן מדבר, וואו מען האָט זיי אַריינגעבראַכט אַז זיי זאָלן מיט ווייב און קינדער פאַר הונגער און דאָרשט אויסשטאַרבן. און פּלוצלינג האָט זיך אַ וויינען פאַרנומען פון אַ ווינקל אַרויס, און דאָס וויינען האָט זיך אָנגעשטעקט. פון איבעראַל האָט זיך שוין געהערט אַ קלאָגן און דאָ און דאָרט האָט מען שוין געהערט שטימען רופן:

— קומט צו משהן, קומט צו משהן, לאָז ער אונז קיין מצרים צוריקפירן. וואָס האָט ער אונז פון מצרים אַרויסגע־נומען?

ביי דעם תחום, וועלכער איז געווען אָפּגעצוימט פאַרן אוהל־מועד, זענען אַרום און אַרום געשטאַנען די שטאַרקסטע כהנים און לויים, די בני יהודה, און מיט באַמבאַס־שטעקלעך צוריקגעטריבן די מחנות צעהיצטע יידן, וועלכע האָבן זיך מיט געוואַלד געוואָלט אַריינרייסן צו משהס געצעלט.

עס איז נאַכט געוואָרן. די גרויסע און טיפע שטערן האָבן נאָנט געהאָנגען איבן בלויען קלאָרן הימל אין מדבר

משה איז פון זיין געצעלט אַרויס און געקוקט אין די טיפע גרויסע שטערן אַריין. פונדערווייטנס איז געקומען אָפּשלאָגן ווי אַ ווייטע עכאָ דער שטורעם פון פאָלק, און פון די פייערן, וואָס האָבן אויפגעפלאַקערט דאָ און דאָרט איבערן מדבר, האָט ער געזען, אַז דאָס פאָלק איז נישט צוריק אַריין אין זיינע געצעלטן, נאָר איז וואַך און גרייט זיך צו עפּעס. אויף די ליפּן האָט ער דערפילט דעמזעלבן טעם פון מדבר־טוי, וואָס דער ווינט האָט געבראַכט צו פירן פון ים, וועלכעס האָט געזעטיקט דעם הונגער. גאָטס חסד איז נאָכנישט אָפּגעטאָן. ער שיקט נאָך צו דעם שפּייז, — האָט ער זיך געטראַכט מיט פרייד. אָבער די טרויעריקייט האָט געדריקט זיין געמיט און ער האָט געקוקט אין די שטערן, ווי ער וואָלט פון דאָרט געוואָלט פאַרנעמען די אָנווייזונג, וואָס ער האָט צו טאָן.

ער האָט זיך צוגעהערט. דער ווינט האָט געבראַכט אַהער צוטראָגן דאָס קלאָגן פון פאָלק. די איינזאַמע ווייגענדיקע שטימען איז לערן מדבר האָבן אַ שרעק אָנגעוואָרפן און אַ יאוש געפלאַנצט אין די הערצער. משה איז נאָך טרויעריקער געוואָרן. ער האָט אָנגעהויבן צו פילן, אַז נישט מיט זיי וועט ער קאָנען אָפּנעמען די לענדער פון כנען, די לענדער פון די פאָטערס אברהם, יצחק און יעקב, פאַר זייערע קינדער. ער האָט דערפילט צום ערשטן מאָל, אַז צו לאַנג זענען די קינדער פון ישראל אין מצרים געווען קנעכט. און עס האָט נישט געהאָלפן אַלץ, וואָס עס האָט פּאַסירט מיט זיי, די גרויסע זאַכן, וואָס זענען געשען — וואָס ער האָט זיי פון אונטער פרעהס געוואָלט אַרויסגענומען, וואָס ער האָט זיי מיט געוואָלט דורך אַ ים געפירט, אין דונערן און בליצן אַ תורה געגעבן, וועלכע לערנט זיי געזעץ און אָרדנונג. עס

האָט גאָרנישט געהאָלפן. דער קנעכט איז קנעכט געבליבן. און ביים ראַנד פון מדבר, וואו זיי שטייען פאַר דעם צוגע־זאָגטן לאַנד, וואָס זיי באַדאַרפן עס עראָבערן מיט שווערד און אָרעם — דערוועקט זיך אין זיי דער איינגעשלאָפענער שקלאַף, די אימה פאַרן הער, און זיי בענקען צוריק נאָך מצרים. עס האָט נישט געהאָלפן די פרייע, מילדע נעכט אין מדבר, ווען ער האָט זיי פון זייערע פרייע פאָטערס דערציילט, וואָס זענען געווען מלכים־פאַסטוכער. ביים ראַנד פון דער אויסגעווייטאָקטער זענזוכט, נאָך וועלכן זיי האָבן געשטרעבט דורך הונדערטער יאָרן פאַרשקלאַפונג — האָט זיך די אימה געוועקט אין זיי, און זיי ווילן ווידער שקלאַפן ווערן איידער מיט די אָרעמס און שווערדן זייער לאַנד און פרייהייט זיך צו עראָבערן. צום ערשטן מאָל האָט ער אָנגעהויבן צו צווייפלען אין דעם פאָלק, וואָס ער האָט באַפרייט. נישט ביים גאָלדע־נעם קאַלב, און נישט ביים גאָלדענעם שלאַנג, וואָס זיי האָבן זיך פאַר געטער געמאַכט, האָט ער פאַרצווייפלט. ער האָט דאַן פאַרשטאַנען זייער שוואַכקייט. ער איז נישט געווען ביי זיי. זיי האָבן מורא אַליין צו פאַרבלייבן אין מדבר אָן אַ גאָט און אָן אַ פירער, און זיי מאַכן זיך אַליין אַ גאָט, אַ גלויבן, אַבי עפּעס צו האָבן, וואָס זאָל אין זיי האָפנונג וועקן אַרויס־צופירן זיי אין דער פרייהייט. ער האָט זיי פאַרשטאַנען דענסטמאָל, און ליב געהאַט זיי — איינגעשטעלט זיך דאָס לעבן פאַר זיי, גענומען די שולד אויף זיך און ווייטער געגלויבט און געהאָפט. אָבער יעצט, ווען זיי זעען מיט די אייגענע אויגן די פרוכטן פון לאַנד, די ווייַנטרויבן, די פייגן, די טייטלען, די מאַנדלען און מילגרוימען, די פרוכטן, וואָס זיי האָבן קיינמאָל אין מצרים נישט געזען; זיי זעען, אַז דאָס לאַנד איז דאָ, אַז מען האָט זיי נישט אָפּגענאַרט אַז ער האָט

זיי געפירט אין דעם ריכטיקן וועג, און אָט שטייען זיי בײַ זײַנע גרענעצן, זיי דאַרפן נאָר אַרײַנטרעטן אָפּנעמען עס מיט דעם שרעק, וואָס זיי האָבן אָנגעוואָרפן אויף די שכנותדיקע פעלקער; זיי זעען אַ פאָלק גייט אין מדבר צוריקנעמען אַ לאַנד פון פאָטערס — און אָט ביים לעצטן טריט, וואו מען פאַרלאַנגט פון זיי טאָטן — מענער־קראַפט — ווערן זיי צוריק שקלאַפן און לאָדן די קעמלען צוריק צו רייטן קיין מצרים, קיין מצרים, וואו זיי האָבן, פאַרשקלאַפט בײַ פּרעהן, פּתום און רעמסס געבויט, וואו זייערע קינדער האָט מען אין די ווענט איינגעמויערט און אין דעם בלוט פון זייערע טעכטער האָט זיך פּרעה געבאָדן; קיין מצרים צוריק קנעכט, אייביקע שקלאַפן ווערן אָן אַ האָפנונג אויף משהן, אויף אַ באַפרייונג, נאָר אויף אייביקער, אייביקער קנעכטשאַפט.

ער האָט געטראַכט, ער וועט אַנטלויפן פון זיי. בײַנאַכט וועט ער אַוועק פון מדבר, מיטנעמען מיט זיך די געזעצן, וואָס ער האָט זיי געגעבן און זיי לאָזן אַליין. ער וועט צוריק־גיין צו יתרון, זיין שווער, ער וועט בײַ אים פּיטערן די שאָף, און זײַנע קינדער וועט ער לערנען די מענטשלעכע געזעצן, וואָס גאָט האָט געגעבן דעם פאָלק, אַז זיי זאָלן זייערע קינ־דער לערנען, און אַזוי אַרום וועט אַ ניי פאָלק אויפוואַקסן. און די שקלאַפן, וואָס ער האָט פון מצרים אַרויסגענומען, וועט ער אַליין אין מדבר איבערלאָזן. ער האָט זיי שוין געזען, ווי זיי כאַפּן זיך אויף צומאָרגנס פון זייערע געצעלטן און ווערן געוואָר: משה איז נישטאָ, משה האָט זיי פאַרלאָזט. דער אָרון איז נישטאָ, קיין געזעץ, קיין פירער, זיי בלייבן אָפּהענגיק, יעדע גרופּע מאַכט זיך אַליין אָן עלטסטן, די עלטסטע קריגן זיך צווישן־זיך, טייל שלעפּן קיין מצרים אַנדערע ווילן איז מדבר בלייבן — דאָס לעצטע ביסל עסן

לאָזט זיך אויס, זייערע קעמלען שטאַרבן אויס און זייערע קינדער שטאַרבן אויס, און צו ביסלעך, איינציקווייז, ווערן זיי אויסגערונען — יעדע אַנדערע גרופּע, יעדער אין אַן אַנדערן טייל מדבר. זיי בלאָנקען אַרום, געפינען קיין וועג נישט, ווייסן נישט וואָס צו טאָן. און וואָס אַמאָל ווערן די זאַמדן פון מדבר באַזעצט מיט טרוקענע ביינער פון מענטשן־סקעלעטן, פון אייזלען, פון קעמלען. עס בלאָזט דער ווינט, און דער זאַמד פאַרדעקט די לעצטע שפּורן פון די אַבלים, וואָס וואַלגערן זיך אַרום אויף די מדבר־זאַמדן, און קיינער ווייסט שוין נישט, אַז אין מדבר ליגט אַ פאָלק באַגראָבן. נאָר פון צייט צו צייט קאָפּעט אַ קעמל אויף פון אַ פאַרביי־ציענדער מחנה אַן אויסגעטריקנטן סקעלעט, אויסגעטריקנט אין די ברענענדיקע זאַמדן פון מדבר...

די לעפלען האָבן זיך איבערגערוקט איבער זיינע אויגן און אַ ווייטאָקדיקע גרימאַסע האָט זיך אַרומגעשניטן אַרום זיין מויל. די הענט האָבן אים געציטערט און די האָר פון זיין באָרד האָבן זיך אויפגעהויבן און אַנידערגעלייגט. ער האָט זיך אויפגעשטעלט און אַריינגעקוקט מיט זיינע גרויסע אויגן אין הימל אַריין, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז ער נעמט אַרום דעם ברייטן גרויסן מדבר־הימל אין זיין בליק — ער האָט געזוכט מיט זיין בליק טיף אין די שטערן אַ וועג. ניי, אַליך יאָ, נאָר דאָס נישט. אַז שטאַרבן אין מדבר, זאָל ער שטאַרבן אינייינעם מיט זיי — זאָל ער זיך אַרומוואַלגערן מיט זיי איבער דער ברייטער, וויסטער, ווילדער ערד, און נישט זוכן קיין אויסוועג פאַר זיך. ער האָט נישט קיין רעכט אָװעקצוגיין פון זיי. ער וועט מיט זיי זיין אין דעם מדבר, ביז זיי אַלע וועלן אויסשטאַרבן, און אפשר וועט זיך טרעפן אַ גליק, אַז ער וועט פריער שטאַרבן פון זיי און נישט זען

דעם צער איבער די פאַרלאָרענע האָפנונגען, וואָס וועט פוּז זייערע אויגן אַרויסשרייען.

אָבער זאָל דאָס אַלץ ווירקלעך זיין? זאָל זיך מיט דעם ענדיקן דער אַרויסגאַנג פוּז מצרים? איז שוין נישטאָ קיין אַנדער עצה? פאַרוואָס האָט ער אַזוי שלעכט געקלערט פון זיי? פאַרוואָס זיצט ער פאַר זיין געצעלט, ווען עס הערט זיך פון דאָרט דער יאוש און דער געוויין פון פאָלק? פאַרוואָס גייט ער נישט אַהין צו זיי, רעדן מיט זיי און שטאַרקן זיי? פאַרוואָס האָט ער פאַרצווייפלט? צי טוט דאָס אַזוי אַ פירער, אַ משה, וועלכער נעמט אַ פאָלק פון שקלאַפן אַרויס און פירט זיי אין אַ מדבר צו שטאַרבן?

ער האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט און מיט פלינקע טריט האָט ער אָנגעהויבן צו גיין צום פאָלק. ער האָט זיך געטראַכט, ער וועט אַריין צום פאָלק אוּז וועט זיי טרייסטן. ער וועט רעדן אין נאָמעז פוּז גאָט, ער וועט זיי דערמאָנעז אָן די אַלע נסים, וואָס גאָט האָט מיט זיי געטאָן. ער וועט זיי דערמאָנען אָן ים, אָן באַרג סיני, אוּז מיט דערהויבענעם גייסט וועט ער זיי מאָרגז גלייך פירז אַנטקעגן דעם פיינט. אָבער באַלד איז אים פאַר די אויגן געשטאַנעז דאָס פאָלק, ער האָט געהערט אין די אויערן דעם מורמל אוּז געקלערט: וואָס וועט זיין, אַז ער וועט זיי שויז שטאַרקן, ער וועט זיי דערהויבן אוּז פירן קעגז דעם פיינט, אוּז קומענדיק מיטן פיינט פנים צו פנים וועלן זיי זיך דערשרעקז. ס'וועט זיך דערוועקז אין זיי דער שקלאַף, אוּז זיי וועלז צוריק אַנטלויפז אין מדבר, אפשר קיין מצרים, אָדער זיך אונטערגעבן, ווי קראַנקע הינט, אוּז בעטז זיך ביי די נייע הערז, אַז זיי זאָלן זיי לאָזז לעבז אוּז זיי צונעמעז פאַר שקלאַפז—אוּז אַזוי ווי זיי האָבז געדינט די מצרים, אַזוי וועלז זיי דינעז די כנענים

און גאָטס נאָמען וועט נאָך מער ווערן צו שאַנד און צו שפּאָט פאַר די פעלקער פון דער וועלט, און ער, משה, וועט האָבן אַרויסגענומען אַ פאָלק פון שקלאַפעריי און זיי גע־בראַכט צו צווייטע הערן, אין אַ אַנדער שקלאַפעריי.

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אין מיטן גאַנג און אַרומגע־קוקט זיך אין דער נאַכט: פונדערווייטנס האָט זיך אַלץ געהערט דער טעמפּער אומהיימלעכער ברום, וואָס דער ווינט האָט געבראַכט אַהער צו ברעגן פון פאָלק, און עס האָבן זיך געזען די פלאַמען פון די פייערן פאַר די לאַגערן. ער האָט געקוקט אין די שטערן אַריין און געזוכט צווישן זיי אַ וועג, אַז אָנווייזן וואָס צו טאָן, וואוהין צו גיין. ער האָט זיך דערמאָנט אָן זיין יוגנט, ווען ער האָט ביינאַכט געפּאַשעט יתרוס שעפּסן און פלוצלינג האָט ער דערזען דעם ברענענ־דיקן דאָרן און דערפילט די גרויסע זאַך, וואָס ער באַדאַרף טאָן. און יעצט איז אויך נאַכט, און די זעלבע שטערן, און דאָס פאָלק האָט ער שוין, עס איז אַרום אים, און ער ווייסט נישט קיין וועג פאַר אים. דער ציל איז אים נישט קלאָר, עס האָט אים אַרומגענומען אַ גרויסער ווייטאָג נישט פאַרן פאָלק, נאָר פאַר זיך, פאַר זיין לעבן — ער איז פּאַמעלעך צוריקגעגאַנגען צום אוהל, דעם קאָפּ טיף געבויגן צו דער ערד, ער איז אָנגעקומען פאַרן אוהל־מועד. פון דעם שוואַרצן גרויסן געצעלט האָט זיך געזען דער סודותדיקער, צנועה־דיקער פלאַם פון נר־תמיד. ער האָט דערמאָנט, אַז דאָרט אינעווייניק אין אָרון ליגן עס אויף שטיינערנע טאָוולען אויפגעקריצט די געזעצן, ווי אַזוי די מענטשן זאָלן לעבן, און ער באַדאַרף אַ פאָלק דערצו, וועלכעס זאָל די געזעצן אויפ־נעמען אין זיין לעבן און זיי ווייטער פלאַנצן מיט זיין נאָכקו־מען און איבערגעבן די געזעצן דער נאָך־וועלט, כדי די

מענטשן זאָלן דינען דעם ריכטיקן ציל, צו וואָס זיי זענען באַשטימט. און צוליב זיי, צוליב די שטיינערנע טאָוולען, האָט ער אַ פאָלק באַפרייט, און יעצט, ווען דאָס פאָלק וועט אין מדבר אונטערגייז — ווער וועט טראָגן די שטיינערנע טאָוולען צו די מענטשן און צו די שפּעטערדיקע דורות? זיי, ווי דאָס פאָלק, וועלן פאַרטרונקען ווערן אין דעם ים פון זאַמד אין מדבר, און די מענטשן וועלן אַרומלויפן ווי ווילדע חיות איבער זייער גאַנצן לעבן און וועלן נישט וויסן צו וואָס זיי לעבן, און זינד און אומרעכט וועט שטענדיק הערשן איבער דער ערד, אַזוי לאַנג ווי דער מענטש וועט לעבן. און אין די זאַמדן פון מדבר וועט זייַן הילף זייַן באַגראָבן און קיינער וועט נישט וויסן דערפון.

ער האָט זיך אויסגעשפּרייט פאַרן געצעלט פון אָרון, און איינגעגראָבן דעם פּנים אין זיינע הענט, און אין זיין הארץ האָט אַ תפילה געגליט נישט צום אָרון, נישט צו די לוחות — נאָר אַ תפילה איבער זיי, זיי זענען אויך אַזוי הילפלאָז ווי ער, און ער האָט אויפגעהויבן די אויגן און די הענט צום הימל און געזוכט רעטונג.

אַזוי איז ער אָפּגעלעגן אַ שטיק צייט. פּלוצלינג האָט זיך ווער צוגעגנבעט צו אים. גאַנץ אין דער שטיל און אוועקגעזעצט זיך לעבן אים, געוואַרט. צום סוף האָט ער געזאָגט אין אַ שטילן טאָן:

— אַדוני משה!

משה האָט זיך אויפגעכאַפּט, אומגעקוקט ווער עס רופט אים. ער האָט געזען ביי דעם ליכט פון די שטערן לעבן זיך אַ יונגן מאַן מיט אַ שוואַרצע באָרד.

— אַדוני משה, הייס און איך וועל טויטן די מרגלים, באַפעל און איך פיר דאָס פאָלק קעגן כנען!

משה האָט אים איז געזיכט אַריינגעקוקט — די אויגן פון דעם יונגן מאַן האָבן אַרויסגעשטראַלט, ווי דער נר־תמיד פון אָרון, פון זיין ווייסן טוך איבערן קאָפּ. אַן געזיכט האָט ער אים דערקענט: עס איז געווען יהושע בן נון.

— פון וואַנען קומסטו?

— איך קום פון זיי, — ווייזט ער מיט דער האַנט אויף די פייערן. — זיי וויינען, די קנעכט פון מצרים.

— און ווער ביסטו?

— איך בין יהושע בן נון. איך און כלב בן יפונה, האָבן מיר צוזאַמענגענומען טויזנט יונגעלייט. יעדערער פון זיי קאָן האַלטן אַ שווערד אין דער האַנט. הייס, אדוני משה, און איך גיי מיט מיינע מענטשן אין פאַלק און טרעט צו דער ערד די פירער פון די מורדים, די מרגלים, און מיט ריטער טרייב איך זיי קעגן כנען.

משה האָט געשוויגן. ער האָט די אויגן אויפגעהויבן צום הימל. עפּעס וואָס איז געבוירן אין זיין האַרץ און קאָפּ, און ער האָט שטיל געענטפערט:

— נישט די האַנט, וועלכע האָט געזעצן געקריצט, נעמט די שווערד ציִען!

— אָבער אדוני משה, דאָס פאַלק וויל קיין מצרים צוריקגיין. זיי זאָגן: „לאָמיר זיך מאַכן אַן עלטסטן און צוריקגיין קיין מצרים!"

משה האָט געשוויגן.

— אדוני משה, קיין מצרים וועלן מיר נישט צוריק־גיין — האָט יהושע האַסטיק אַרויסגערעדט. — ליבער איז מדבר שטאַרבן, איידער צוריק קנעכט ווערן. איך וועל מיינע לייט אָנשטעלן און יעדן איינעם טייטן, וואָס וועט וואַגן אויף דעם וועג פון מצרים צוריקצוגיין.

— און ווען איך וועל מיך שטעלן אויף דעם שפּיץ און זיי קיין מצרים צוריקפירן? — האָט משה געזאָגט.
— מיין שווערד וועט דיר שטיין אין וועג.
— אויף דיין רבין משה וועסטו די האַנט אויפהייבן?
— אויף יעדן איינעם, וואָס וועט וואגן דעם וועג פון מצרים צו באַטרעטן.
א בליץ האָט אויפגעשטראַלט אין משהס אויגן, זיין פּנים איז געוואָרן באַגאָסן מיט א גרויס פרייד, דאָס האַרץ איז געוואָרן מיט עפּעס־וואָס ערפילט. ער האָט געכאַפּט דעם יונגנמאַנס קאָפּ און זיינע אויגן געבויגן צו די שטערן־ליכט און געקוקט אים אין די אויגן אריין.
— ווער ביסטו?
— ישוע בן נון פון שבט אפרים.
— זענען אין דיין שבט דאָ א סך אַזעלכע יונגעלייט ווי דו?
— דער גאַנצער יונגער דור, וועלכער איז אויפגע־וואקסן אונטער דיינע רייד, צייט דו ביסט אונז קיין מצרים געקומען באַפרייען — זענען אויך ווי איך.
— גיי, ישוע, אין פאָלק אריין. איך קום באַלד אַרויס צו זיי.
משה האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין אָרט און איז געגאַנגען מיט פלינקע טריט צו אהרנס געצעלט. א גע־דאַנק האָט אים געפּליצט אין קאָפּ — דער צווייטער דור! דער צווייטער דור, וואָס איז אויפגעוואקסן מיט דער האָפנונג אויף דער ישועה. זיי זענען דאָס פאָלק, וואָס ער האָט באַפרייט. זיי וועלן קאָנען די לענדער פון כנען אָפּ־נעמען און די פעלקער פון דאָרט פאַריאָגן. די קנעכט מוזן אין מדבר שטאַרבן. אַזוי לאַנג זיי אין מדבר אַרומפירן,

ביז עס וועט שוין קיין שריד ופליט פון אַלטן דור נישט איבערבלייבן, פון דור, וועלכער האָט אַליין די ציגל פון פיתום און רעמסס געשלעפּט, זיי מוזן אין מדבר שטאַרבן— זאָל עס אַפילו צענדליקער יאָרן קאָסטן.

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט. ער האָט זיך דערמאָנט אָן זיין עלטער, און אַ רחמנות האָט אים אַרומגענומען אויף זיך אַליין. און ער? וואָס וועט מיט אים זיין? האָט ער נישט דאָס גאַנצע לעבן געהאָפט, ווי ער וועט די יידן אַריינפירן אין דעם צוגעזאָגטן לאַנד, און דאָרט וועט ער זיינע אַלטע טעג צווישן זיין פאָלק אויסלעבן, און אַז ער וועט שטאַרבן, וועט מען אים באַגראָבן אין די קברים פון אברהם, יצחק און יעקב, — איז דאָס נישט געווען זיין לעבן, זיין חלום? ווען ער האָט נאָך יתרוס שאָף געפּאַשעט, האָט ער זיך דען נישט געזען אויף דער שפּיץ פון דעם באַפרייטן פאָלק, ווי ער פירט זיי אין צוגעזאָגטן לאַנד אַריין - און יעצט זעט ער זיך, ווי ער ליגט אין איינעם מיטן פאָלק באַהאַלטן אין די זאַמדן פון מדבר און אַן אַנדערער פירט זיי אין די לענדער אַריין.

נאָר איין מינוט האָט געדויערט דאָס איבערלייגן זיך, נאָר איין מינוט דער רחמנות אויף זיך. ער האָט זיך דער־מאָנט אָן די לוחות, וואָס ליגן אין אָרון - אָט פאַר זיי דאַרף מען אַ פאָלק, וואָס זאָל זיי אויספירן און זיינע קינדער איבערגעבן, און דאָס איז געווען דער צוועק — און נישט דער מענטש. געאיילט האָט ער ווידער זיינע טריט און איז פאַר אהרנס אוהל צוגעקומען, אים אַרויס־גערופן:

- קום צום פאָלק!

- משה, וואָס ווילסטו טאָן?

– דו וועסט הערן מיינע רייד.

באַלד האָבן די לווים אין די זילבערנע טראָמפּייטן געבלאָזן, אַנדערע אין די שופרות. די כהנים זענען אַרויס מיט די כלים און די לווים מיט דעם אָרון. פון אַלע זייטן איז זיך דאָס פאָלק געקומען צו לויפן הערן, וואָס משה האָט צו זאָגן. ביים ראַנד פון הימל איז דער מאָרגנשטערן שוין אויפגעגאַנגען אין אַ טייך פון בלוט און די ערשטע מאָרגנשטראַלן האָבן באַלייכט די זאַמדן פון מדבר. וואָס אַמאָל האָבן זיך אַנטפּלעקט העלע שטיקער הימלען און ווייטע שטיקער מדבר; עס האָבן זיך געזען די לאַגערן מיט די קעמלען און די בערגלעך מיט די טאָלן. און דאָס פאָלק האָט צוגעשטראָמט פון אַלע ווינקלען, פון אַלע זייטן.

אַז דער פלאַץ אַרום אוהל איז שוין געווען באַדעקט מיט יידן, איז משה אַרויס. מיט אַ שטאַרקער שטימע און ברענענדיקע אויגן האָט ער גערופן צו די עלטסטע פון דער עדה:

– קומט אַרויף מיט מיר אויפן באַרג. איך וועל אייך ווייזן דאָס לאַנד, וואָס גאָט האָט צוגעזאָגט אברהם, יצחק און יעקב!

עס זענען אַרויס מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ די עלטסטע און די אַלטע פון די שבטים, משה איז געגאַנגען פאָרויס, אהרן נאָך אים און הינטער זיי די עלטסטע פון די שבטים און דאָס פאָלק נאָך זיי. באַלד איז דער באַרג באַשאָטן געוואָרן מיט מענער אין ווייסע קיטלען.

פונדערווייטנס פון אַ הענגענדן וואָלקן האָט זיך אַרויסגעשניטן אַ גרין באַזייטער ראַנד פון אַ לאַנד, אויף בערגלעך און טאָלן. ווי אַ חלום האָט זיך געצויגן אַ וואַסער דורך די גרינע בערג, און מען האָט גאַנץ דייטלעך גע-

קאַנט זען די משופּעדיקע בערג, וואָס זענען באַשפּאָטן געוועזן מיט ביימער.

איר זעט עס דאָרט? דאָס איז דאָס לאַנד כּנען, וואָס גאָט האָט אייערע עלטערן, אַברהם, יצחק און יעקב, צוגע־זאָגט. מיר שטייען בײַ זײַן ראַנד, פינף טעג גיין און מיר זענען בײַ זײַנע גרענעצן.

דאָס פֿאָלק האָט זיך צוגעקוקט מיט ערשטױנען.

— נאָר מיר וועלן נישט דאָרט אַהין גיין, — האָט משה אויסגערופן. — איר אַלע, וואָס האָט אַליין פּרעהן געדינט, וועלן אין דעם לאַנד נישט אַרײַנגיין. אויך נישט צוריק קיין מצרים וועט איר גיין. נישט צוליב אייך, נאָר צוליב גאָט, וואָס זײַן נאָמען וועט צושאַנד ווערן און צוליב די געזעצן, וואָס ער האָט אייך געגעבן — ווער עס וועט וואַגן דאָרט צוריקגיין, דעם וועט טרעפן דער טויט. אין מדבר וועט איר בלײַבן פערציק יאָר, ביז עס וועט פון אייך קיין שריד ופליט נישט איבערבלײַבן, ביז דער לעצטער קנעכט וועט אויסשטאַרבן. די קינדער אייערע וועלן דאָרט אַהין קומען, זיי וועלן געגן כּנען מלחמה האַלטן!

אַ טויטע שטילקייט האָט אַרומגעכאַפּט די אַלטע און די עלטסטע און דאָס גאַנצע פאָלק. אַלע זענען זיי געבליבן שטיין אויף זייערע ערטער מיט געבויגענע קעפּ צו דער ערד און אויסגעהערט משהס שטראָף. נאָר אהרן האָט זיך אין דער שטיל אָנגערופן:

— משה, און מיט אונז וואָס וועט זײַן?

— שטאַרבן ווי זיי אין דעם מדבר; מיר געהערן צו דעם זעלבן דור. ישוע בן נון וועט די יונגע פירן אין כּנען אַרײַן.

אהרן האָט אויך געבויגן דעם קאָפּ צו דער ערד און געשוויגן אין טיפֿן נאָכקלערן.

נאָר באַלד האָט זיך געהערט אַ געוויין פֿון די אַלטע. זיי זענען צוגעגאַנגען צו אים און געוואָרפֿן זיך צו די פֿיס, און אויסגעשטרעקט די הענט צו אים:

— משה, משה, מיר האָבן געזינדיקט!

דאָס געוויין האָט אַרומגעכאַפּט די גאַנצע עדה. פֿון איבעראַל האָט זיך געהערט דאָס געשריי:

— משה, משה, מיר האָבן געזינדיקט! פֿיר אונז געגן פֿיינט, מיר וועלן אים מנצח זיין!

— קנעכט קענען נישט מנצח זיין. שקלאַפֿן פֿירט מען נישט אין דער מלחמה — איר וועט אַנטלויפֿן פֿון פֿיינט. מיר מוזן וואַרטן אויפֿן יונגן דור. ישוע בן נון, כּלב בן יפֿונה!

די צוויי יונגעלייט זענען אַרויסגעשפּרונגען, ווי ווילדע צוויי לייבן און געשטעלט זיך מיט אונטערטעניקייט פֿאַר משהן:

— אַדוני משה!

— פֿירט די עדה אין טיפֿן מדבר אַריין! — האָט משה באַפֿוילן די יונגעלייט.

באַלד זענען טויזנטער יונגעלייט מיט שווערדן און באַמבאָס־שטעקלעך אַרויסגעשפּרונגען פֿון פֿאָלק און געטריבן דאָס פֿאָלק פֿון באַרג אַראָפּ אין מדבר אַריין.

פֿון דערווייטנס האָט זיך שוין געהערט דער זילבערנער קלאַנג פֿון די זילבערנע רערן און שופֿרות. דער אָרון האָט זיך גערירט פֿון אָרט.

מיט פֿאַרבענקטע בליקן האָט דאָס פֿאָלק זיך אומגעקוקט און געקוקט אויף דעם ראַנד פֿון הימל, ווי עס האָט זיך גרינס געזען, ווי אַ ברעג ביים ים.

# אינהאלט


זייט

דער רייכער און דער אָרעמער (א מעשה) — — — — — 3

דער אורח (אַ מעשה) — — — — — — — — 16

א דאָרף-צדיק (פאָלקס-לעגענדע) — — — — — — 26

גזלנים (אַ בילד) — — — — — — — — — 34

קדוש-השם (אַ לעגענדע) — — — — — — — 44

אויף אַ מאַמע — — — — — — — — — 51

שבת אין וועג — — — — — — — — — 70

אויף דעם וועג קיין שעמענעץ — — — — — — 78

די ירושה (דערציילונג) — — — — — — — 89

דער חזן מיט משוררים — — — — — — — 102

תשעה-באב — — — — — — — — — — 121

אונזער חברהלע — — — — — — — — — 128

שמחת-תורה אין דער קצבשער חברה — — — — — 133

חורבן-ירושלים (פיר געזאַנגען) — — — — — — 141

עלי און שמואל — — — — — — — — — 190

דער קעניג פון יהודה — — — — — — — — 204

ביי דער כותל מערבי — — — — — — — — 222

ביי דער מוטער רחלס קבר — — — — — — — 233

משה (ביבלישע דערציילונג) — — — — — — — 240

פאַרלאַג „קולטור-ליגע“, וואַרשע

ייד. וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט, היסטאָרישע סעקציע

נאָר־וואָס דערשינען:

# היסטאָרישע שריפטן

אונטער דער רעדאַקציע פון א. טשעריקאָווער (בערלין)

די היסטאָרישע שריפטן גיבן צום ערשטן מאָל אַ גרויסע זאַמלונג פון ערנסטע היסטאָרישע אַרבעטן אין יידיש.

אין די שריפטן באַטייליקן זיך: ד״ר י. איזראַעלסאָן, פּראָפ. ש. דובנאָוו, ד״ר י. ברוצקוס (בערלין), ד״ר י. שיפּער (וואַרשע), זלמן רובאַשאָוו (תל־אביב), ד״ר ע. רינגעלבלום (וואַרשע), ד״ר נ. מ. געלבער (ווין), ד״ר חיים באָראָדיאַנסקי (בערלין), ד״ר יעקב שאַצקי (ניו־יאָרק), א. טשעריקאָווער (בערלין), ש. באָראָווי (אָדעס), שאול חיות (ווין), נח פּרילוצקי (וואַרשע), פּנחס קאָן (ווילנע), ד״ר אַלפּ. לאַנדוי (ווין) און אַנדערע.

אין דעם באַנד קומען אַריין וויכטיקע היסטאָרישע אָריגינאַל־דאָקומענטן

יידישע בריוו פון לאַסאַלס משפחה. די פּראָטאָקאָלן פון יידישן סאָציאַליסטישן פאַריין אין לאָנדאָן אין 1876 (פולער טעקסט)

„טעיאַטאָר פין חסידים“ (פולער טעקסט) און 27 בילדער, פאַקסימיליעס א. ד. גל. — 914 זייטן אין $4^0$ פאָרמאַט — פּר. 30 זל.

בוכהענדלער, ביבליאָטעקן — ראַבאַט.

**עס איז אַ בוך פון זעלטענעם ווערט. אַ גרויסער טייל פון דער אויפלאַגע איז שוין פון פאַרויס פאַרקויפט.**

**אײַלט זיך צו באַשטעלן!**

Sp. Wyd. „Kultur-Liga“ Warszawa, Leszno 40

פאר געלט פּ. ק. אָ. 2428

# פאַרלאַג „קולטור-ליגע“ וואַרשע

## געזאַמלטע ווערק פון

# ה. ד. נאָמבערג

| | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| ערשטער | באַנד | דערציילונגען | פרייז | 3.— | זל. |
| צווייטער | „ | „ | „ | 3.— | „ |
| דריטער | „ | „ | „ | 3.20 | „ |
| פערטער | „ | „ | „ | 3.20 | „ |
| פינפטער | „ | מיין רייזע איבער רוסלאַנד | „ | 6.75 | „ |
| זעקסטער | „ | אַמעריקע | „ | 6.50 | „ |
| זיבערטער | „ | :דערציילונגען | | | |

ה. ד. נאָמבערג פאַרנעמט אין אונזער ליטעראַטור איינע פון די ערשטע ערטער סיי אַלס קינסטלער, סיי אַלס פובליציסט. זיינע דערציילונגען זענען אמתע פערלען אין אונזער ליטעראַטור, זיינע פעליעטאָנען זענען מייסטערהאַפטע קונסט-ווערק. אין די רייזע-באַשרייבונגען אַנטפּלעקט זיך פאַר אונז ה. ד. נאָמבערג אַלס טיפער באַאָבאַכטער און שאַרפער דענקער.

ה. ד. נאָמבערגס ווערק דאַרפן באַצירן יעדע יידישע ביבליאָטעק.

---

צענטראַלער ביכער-לאַגער „קולטור-ליגע“ וואַרשע, לעשנאָ 40 פ. ק. אָ. 2428